STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07609

# ZISHA LANDOY

David Kazanski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# זישא לאנדוי

זאמלבוך — ארויסגעגעבן
פון חברים, צוזאמענגעשטעלט
פון דוד קאזאנסקי.



פארלאג אינזל ניויארק
1938

# אינהאַלט

מאַני לייב: אַט אזוי, אזוי, אזוי . . . 7-18
ר. אייזלאנד: מיט זישא לאַנדוי 19-57
י. ראָלניק: א דריטער צו די צוויי 58-61
ח. גוטמאַן: זישא לאַנדוי 62-71
יהודה טאָפּעל: א פראַגמענט 72-74
י. קיסין: וועגן זישא לאַנדוי 75-121
י. י. שווארץ: דער ליכטיקער 122-134
משה שוער: אין מיין סטודיאָ 135-136
ש. פּאַקס: ביי זישא לאַנדויין אין הויז 137-145
דוד קאַזאַנסקי: אויף מאָרגן 146-169

## בילדער און צייכנונגען:

בילד: מ. סאיער

פּראָיעקט פאַר א מצבה: ב. קאַפּמאַן

זישא לאַנדוי׳ס לעצטע שורות: י. טאָפּעל

גרופּע צייכנונג: פּ. בלומבערג

פאָדערבלעטער און באַצירונגען: ב. קאַפּמאַן

# אַט אַזוי, אַזוי, אַזוי...

אונזער זישאַ לאַנדוי ליגט אין אָרון. די שיינע אויגן צוגע־מאַכט. אויף זיין אָפּענעם פּנים ליגט פאַרשעמטקייט פון אַ אינגל וואָס האָט אָפּגעטאָן אַן אומשולדיקע נאַרישקייט.

נאָר זישאַ לאַנדוי, דער חכם, דער פּאָעט, ער האָט פיינט פּאַ־ראַדן, אַרויסשטעלן זיך. ער וועט זיך ניט אַוועקלייגן אין אַ מיטן שיינעם טאָג אין אַן אָרון, אַז מענשן, נאָנטע און פרעמדע, זאָלן אים באַוואונדערן, באַדויערן און וויינען איבער אים.

און זישאַ האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון אָרון. יאָ, וואָרהאַפטיק. ער האָט זיך אַרויסגעשאַרט „אַט אַזוי, אַזוי, אַזוי" און ער שאַרט זיך אַרום הינטער אונז, הינטער אונזערע אַקסלען, צווישן אונז און ער זעט מיט אונז:

אַז אין דעם אָרון ליגט איצט זישאַ, דאָס שיינע, פּאַרפּוצטע, שלאַנקע, ראָזע בחור׳ל, אַזאַ ווי ער האָט זיך צו אונז באַוויזן אין אונזערע יונגע טעג.

דאָס האָט דער טויט, דער גרויסער מייסטער, און די מענש־לאַכע האַנט, וואָס קען אַלץ טאָן און פאַרענדערט אַלץ, — דאָס האָבן זיי אין שותפות לאַנדויִן דעם קלוגן און קראַנקען מאַן פאַרוואַנדלט אין זישאַ׳ן דעם אינגל, דעם ראָזן זישאַ׳ן, דעם פּאָעט, דעם בחור׳ל פון יענע ערשטע טעג, ווען אונזער האַרץ האָט אים אויפגענומען אויף אייביק ווי אַ ברודער.

דער טויט און די מענשלאכע האנט. זיי האָבן אויסגעגלעט זישא׳ס קנייטשן פון מיטליאַריקייט, מיט פאַרב פון טויטער בלוי און מיט ראָזער שמינק און פודער געלייגט א פלעק דאָ און דאָ אויף זישא׳ס פנים, און זישא איז ווידער יענער אינגל, וואס קוים אונזער אויער פארנעמט זיינע ווערטער: „אוי, וועק מיך ניט“...

וואָס דער טויט און די מענשלאכע האנט האָבן דאָ געטאָן מיט אונזער זישא׳ן, אָט אזוי ווערט אויך געטאָן אין דער קונסט: א גלעט דאָ און א שמיר דאָ — א פלעק דאָ און א פיר דאָ — און די וועלט לעבט אויף אנדערש דורך דער קונסט... און זישא לעבט איצט פאר אונז אויף אין דער קונסט. ווארהאפטיק זישא — אין דער קונסט, פאר וועלכער דו האָסט זיך געשלאָגן דיין גאנצן לעבן.

---

ביי דיין ארון, דיר צוקאָפּנס ריידן פרעמדע מענטשן: רייד פון טרויער, רייד פון דיין רום און דיינע גרויסע פארדינסטן. אייגענע שווייגן. אייגענע ווייסן אז דו האָסט פיינט געהאט „ווערטער — ווערטער — דעקלאמאציע“. און דעקלאמאציע האָסטו פיינט גע-האָט ווייל די קונסט האָט עס פיינט.

---

. . . מיר זיינען נאָך אלע יונג, טראָציק, מיט הויכע פאריסענע קעפּ פון פּאָעטן אָנפאנגער. דאָס איז געווען אין יענע טעג ווען אונזער פּאָעזיע איז געווען א „פּאָעזיע“ פון סקארבאָווע ווערטער — ווערטער, אָן לעבן, גרילצנדיק, אָן געשמאק און אָן אמת׳ער פּאָ-עזיע; ווען אונזער פּאָעזיע איז געווען א פּאָעזיע פון „גערדיכטע“...

ביזטו געקומען, זישא, יונג, שיין און געוואגט, און האָסט אונז אין פּנים מיט א קנייטש פון דיין אריסטאָקראטישע ליפּ איבער-געקרימט:

— גע—דיכ—טע...

מיר האָבן זיך פארשעמט. מיר, אָנפאנגער, און עלטערע פון דיר, מיר האָבן דאָך נאָך אין יענע טעג אויך געשריבן „גערדיכטע“.

האָבן מיר אויפגעהערט שרייבן „גערדיכטע", און מיר האָבן געזוכט א נאָמען פאר דעם וואס מיר האָבן אָנגעהויבן שרייבן.

ביזטו געקומען, זישא, און האָסט געזאָגט:

— פון אונז דארף זיך אָנהויבן די אידישע פּאָעזיע פון דעם ריינעם קינסטלערישן ליד.

און אזוי איז דאָס ביי אונז פארבליבן.

און אין יענע טעג האָט זיך אָנגעהויבן די אידישע פּאָעזיע פון ריינעם קינסטלערישן ליד.

---

א סך, א סך, זיינען מיר דעמאָלט געווען פּאָעטן אָנפאנגער. נאָר פּאָעטן פון ריינעם קינסטלערישן ליד זיינען געוואָרן ווינציקער וויפיל עס זיינען דאָ פינגער אויף איין האנט.

און צו די ווינציקע האָסטו, זישא, געזאָגט:

— שרייבן לידער איז קונסט. גערדיכטע האָבן געקענט שרייבן אלע, אפילו ניט בארופענע. שרייבן לידער קאָן נאָר א פּאָעט א קינסטלער, וואס וויים די נאַטור פון וואָרט, פון גערעדטן און געזונגענעם וואָרט.

און אזוי איז דאָ ביי אונז פארבליבן.

דאָס געזונגענע און גערעדטע וואָרט איז טאקע ניט געווען אין אונזער פּאָעזיע פון גערדיכטע. האָבן מיר, אָנפאנגער, ניט געהאט פון וואָס צו לערנען.

האָסטו אונז געזאָגט:

— מיר דארפן לערנען פון דער גויאישער פּאָעזיע. פון דעם אידישן פאָלקס ליד און פון אונזערע פאָלקס זינגער. אין דעם פּשוט׳סטן פאָלקס ליד איז דאָ מער פּאָעזיע ווי אין דעם גאנצן אינטעליגענטן פּאָעט אונזערן, וואס גראמט אָן געשמאַק און אָן לעבן „ווי אזוי עס ווערן לידער געמאַכט". פון דער גויאישער פּאָעזיע דארפן מיר לערנען די חכמה פון קונסט און דאָס פאָלקס ליד זאָל זיין א קוואל פאר אונז, די נאַטור אונזערע.

און אזוי איז דאָס ביי אונז פארבליבן.

און ניט רימען איינענע און זיך אליין — אונזער פּאָעזיע האָט

אין יענע טעג אויף אייביק פארענדיקט מיט דער פּאָעזיע פון „גע־דיכטע“ און איז געוואָרן א פּאָעזיע פון קינסטלערישן ליד. אין דעם האָט אונז געהאָלפן, ווי זישא לאנדוי האָט אונז געזאָגט: די גויאישע פּאָעזיע און דאָס אידישע פאָלקס ליד.

---

אונזערע ערשטע לערער זיינען געווען די רוסישע און די דייטשע פּאָעטן מאָדערניסטן און אויך זייערע לערער: די פראנצויזישע פּאָעטן מאָדערניסטן.

תלמידים פון תלמידים און מיט אָרעמער ירושה פון אידישער פּאָעטישער קולטור, האבן מיר אין אונזערע ערשטע טריט אין אונזער „מאָדערניזם“ זיך אָנגעכאפּט אָן א סך פרעמדע „פּאָעטישע“ אויסערלעכקייטן און אויך אָן דער דרייאיינִיקייט פון „עפּעס, ערגעץ און עמעץ“. אונז האָט נאָך פּשוט געפעלט אויסדרוק אָנצורופען אלץ מיט אמת׳ע נעמען. אין אונזער יונגקייט האָט דער עפּעס, ערגעץ און דער עמעץ און ענלאכער פּאָעטישער קלאָפּערגעצייג, געדארפט דינען ווי א מעדיום צו באצייכענען ברייטערע האָריזאָנטן פון אויפנעמען און אויסדריקן די וועלט און זאכן וואָס ווערן ווירקלאָך דורך אונזערע חושים.

ביזטו געקומען, זישא, און האָסט צו אונז געזאָגט:

— ביי „זיי“, ביי די לערער אונזערע, איז הינטער דעם מאָדערניזם דאָ אלטע איינגעוואָרצלטע פּאָעטישע טראדיציע, וואס האָט געלעבט אינאיינעם מיט געזונטן פאָלקס־לעבן. הינטער אונז „יונגע“, זיינען דאָ נאָר — בלויזן. פּאָעזיע איז ביי אונז נים קיין פאָלקס געברויך. וואָס מיר דארפן טאָן אין אונזער פּאָעזיע, איז ערשט מאכן אן אָנפאנג, ארויספירן די פּאָעזיע אויף איר נאטירלאכן, ריכטיקן וועג. וואָס פּאָעטן אין אנדערע שפראכן האָבן געטאָן מיט הונדערטער יאָרן צוריק טוען מיר איצט. און ביי אונז דארף עס זיין ניי און מאָדערן. די אינגלישע ראָמאנטיק פון פארטיקע עפּעס, ערגעץ און עמעץ, פונקט ווי פרעמדן־פּאָעטישן־פּוץ מוזן מיר אוועקווארפן. דאָס אלץ איז ריינע מיסטיפיקאציע, אָנשטעלן. אמת׳ע פּאָעזיע קומט פון קאָנקרעטער דערפארונג און דורך עקזאקטן אויס־

דרוק פון וואָרט. אמת׳ע פּאָעזיע קומט דורך פּשטות, דורך קלוגער פּשטות . . .

האָבן מיר, עלטערע פון דיר, אָנגענומען, אז מיר דארפן גיין אויף דעם וועג פון פּשטות, פון קלוגער פּשטות. זיינען מיר אבער ניט געבענטשט געווען מיט יענער זישא לאַנדוי׳ס קלונשאפט און אויך ניט מיט יענער זעלטענער פּשטות וואס לויכט דורך אלע לאַנ-דוי׳ס לידער.

נאָר זישא לאַנדוי׳ס רוף צו פּשטות האָט אויף אונז געווירקט אַפּצוטרייסלען זיך אויף שטענדיק פון פרעמדן „פּאָעטישן" פּוץ און פון אנדערע „פּאָעטישע" אָנשטעלן . . .

---

פּאָעזיע איז פאר אונז „יונגע" געווען דער גאנצער אינהאלט פון אונזער לעבן. פּאָעזיע האָט באַלויכטן אונזערע גרויע טעג פון שווערער פיזישער ארבייט ביי דער ניי-מאשין, אויף דער רישטאָוואַ-ניע און ביי דעם קירזשנערשן בלאָק...

אונזערע נעמען האָבן שוין פארטונקלט די נעמען פון די אלטע און עלטערע פּאָעטן. אינדרויסן פון די פיר איילן, וואו מיר האָבן פארבראכט אונזערע טעג אין ארבייט פאר דעם ברויט, האָט דאָס לעבן געררייצט מיט צוזאָגן פון רום, כבוד, לאָרבער קראַנצן און א לעבן פון גרינגער ארבייט. און ניט איינעם פון אונז האָט געצוינגן ארויסצושווימען אויף דער וועלט, אָנהויבן שפּילן א געזעלשאפט-לאַכע ראָלע, ווערן וואָרט-זאָגער, ווערן דער „געוויסן פון פאָלק"... און שניידן לאָרבער קראַנצן...

ביזטו געקומען, זישא, און האָסט געזאָגט :

— די פּאָעטן ביז אונז האָבן געהאַט רום און כבוד און לאָרבער קראַנצן א ו י ס ע ר זייער ליד. אין דער פּאָעזיע ביי די גויים וואָלטן אזעלכע „פּאָעטן" קיין איין טאָג ניט געלעבט. דעריבער איז אונזער רום, כבוד און אונזערע לאָרבער קראַנצן בלויז אין אונזער ליד, ווייל אויסער דעם ליד איז דער מארק, דער יריד...

און אזוי איז דאָס ביי אונז פארבליבן.

נאָר אין דער גרויקייט פון אונזער לעבן איז ניט פאר איינעם פון אונז גרינג געווען בייצושטיין דעם נסיון ניט אריבערצוטרעטן די גרענעץ פון דעם ליד און שטעלן א פוס צום מארק, צום יריד.

זישא לאנדוי איז אבער געווען אזוי ווי ער האָט געזאָגט: ער איז פארבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן — א י ן ז י י ן ל י ד.

---

אונזער וועלטל האָט אונז ניט אויפגענומען. די אידישע לייענער, מ'שטיינס געזאָגט, וואס זיינען דערצויגן געוואָרן אויף ווערטער-ווערטער דעקלאמאציעס וועגן בלייכע אפרייטאָרס און אויף „הויכע" געגראמטע „אינטעלעגענטע" געדאנקען, האָבן פשוט נאָך ניט געקענט אויפנעמען אונזערע ערשטע, נייע אָן-תחלית'דיקע לידער. אונזערע לידער האָבן קיינעם ניט געבראכט קיין נוצן.

אויך די „קריטיקער" האָבן ניט פארשטאַנען אונזערע נייע לידער. אמת, אין אונזערע נייע לידער האָבן זיך נאָך דורכגעשאָטנט דער „עפעס", דער „ערגעץ" און דער „עמעץ"... און אונזערע ערלאכע קריטיקער האָבן אונז דערפאר באצייכנט מיט דעם נאָמען „דעקאדענטן". מיר, אָנפאנגער, מיר זיינען אין יענע טעג געווען אויך יונג אין יאָרן, האָבן זיי אונז אויף דעם פשוטסטן און ערלאכסטן אופן אויך באצייכנט מיט דעם שיינעם נאָמען „יונגע".

מיר, די „יונגע", וואס קיינער האָט אונז ניט געלאָדן און קיינער האָט אונז ניט גערארפט, האָבן מיר געפילט אז מיר קומען מיט א גרויסער מיסיע און אז מיר מוזן פארטיידיקן אונזערע לידער, וואס מיט זיי דארף זיך אָנהויבן די אמת'ע אידישע פאָעזיע. דעריבער דארפן מיר ווייזן אונזערע קריטיקער, אז די לידער אונזערע, ווי מיר האָבן געגלויבט, זיינען געשריבן ווי לידער דארפן געשריבן ווערן, נאָך אלע כללים פון קונסט... און אז דאָס וואָס מיר ווילן אריינברענגען אין אונזער פאָעזיע איז דאָס סאמע עלעמענטארסטע, ווייל...

און ניט איינער פון אונז האָט זיך דעמאָלט פארמאָסטן איינצוקנעלן מיט אונזערע קריטיקער דעם א"ב פון פאָעזיע.

ביזטו, זישא, געקומען און האָסט אונז געזאָגט:

— מיט אזעלכע קריטיקער פון פּאָעזיע ווי ביי אונז, אידן, דארף מען ניט פּאָלעמיזירן. זיי דארף מען איגנאָרירן, אָדער אויסלאכן, בעסער אויסלאכן...

און אזוי איז דאָס ביי אונז פארבליבן:

ווער פון אונז האָט נאָך געפּרואווט מיט זיי צו פּאָלעמיזירן און ווער עס האָט זיי איגנאָרירט. נאָר זישא לאנדוי האָט זיי שטענדיק אויסגעלאכט, ביז זיין לעצטע שעה האָט ער זיי אויסגעלאכט...

---

שפּעטער איז צו אונז פארטראָגן געוואָרן א מענש פון אן אנדער וועלט. דער מענש האָט געהאט ביטערע ערפארונגען אין די אידישע און רוסישע פּאָליטישע פארטייען. צו אונז איז ער געקומען א גאָט זוכער און איז געשטאַנען אויף דער פילאָסאָפישער אנשויאונג, וואס איר קולט איז די פארגעטערונג פון באָדנלאָזיקייט. דער לערער פון יענער פילאָסאָפיע האָט אין יענער צייט פארכאפּט א סך אנטוישטע רוסישע אינטעליגענטן.

דער מענש האָט געהאט א זעלטענעם טאלאנט צו ריידן שיין. מיט זיין שיין ריידן האָט ער אונז אלעמען ממש פארכאפּט. דער מענש האָט אויסגעזען צו זיין א גלויביקער, וואס האָט שוין אין גאָרנישט געגלויבט: בלויז אין זיין אייגענער זייער שיינער פראזע און אויך אין א שיינער פראזע פון א צווייטן.

יענער מענש האָט זיך צו אונז צוגעטוליעט.

באגייסטערטע און איבערצייגטע אין דער גרויסער ארבייט וואָס מיר טוען אין אונזער פּאָעזיע, האָבן מיר אויפגענומען יענעם אנטוישטן מענשן, וואס האָט ניט געהאט די מינדסטע שייכות צו אונזער ארבייט. אונז איז דערפאר אויך פרעמד געווען זיין פילאָסאָפיע פון פארגעטערן די באָדנלאָזיקייט.

אָבער יענער מענש האָט זייער שיין גערעדט פאר וואָכעדיקע מענשלאכקייט, פאר פשוט׳ע מענשלאכקייט, וואס דארף ניט דעם פוץ פון עסטעטיק...

זיין „וואָכעדיקע מענשלאכקייט״ קעגן אונזער „עסטעטיק״ האָט אונז אויף א קורצער צייט צעטומלט. אָבער מיר האָבן זיך באלד

געכאפּט אז זיינע שיינע רייד פון וואָכעדיקע, פּשוטע מענשלאַכ־
קייט האָט אויף זיך געטראָגן אן אלטן פראנצויזישן שלייער פון
זיסלעכער קריסטלאכקייט...

נאָר זישא לאַנדוי, דער עסטעטישסטער פון אונז אלעמען און
דער קליגערער פון אונז אלעמען האָט זיך ניט אויסגעהיט און איז
אויף א לענגערער צייט אונטערגעפאלן אונטער דעם איינפלוס פון
יענעם גאָט־זוכער מיט זיין קולט פאר וואָכעדיקייט...

און זישא לאַנדוי, דער ריטער און קעמפער פאר קינסטלערי־
שער פּאָעזיע האָט אין איין שיינעם טאָג א קרים געטאָן מיט זיין
אַריסטאָקראַטישע ליפּ: „פּאָ־ע־זיע". ער האָט עס געטאָן ווי דע־
מאָלט, ווען ער האָט מיט איין קנייטש פון דער ליפּ אויף אייביק
א סוף געמאכט מיט די „געדיכטע".

און דעמאָלט איז מיט זישא'ן א לענגערע צייט „גאָרנישט ניט
געשען", ווייל ביי לאַנדוי'ן דעם פּאָעט, דעם עסטעט, געשעט גאָר־
נישט אויסער דעם ליד...

פאר אונז, „יונגע", איז געווען א ווייטיק, וואס זישא לאַנדוי
האָט געשטעלט דעם מענשען איבער דער פּאָעזיע, פּונקט ווי פּאָעזיע
איז ניט דער מענש...

אינגיכן איז יענער מענש פארשוואונדן אינגאנצן פון אונזער
האָריזאָנט. און זיין „וואָכעדיקע מענשלאַכקייט" האָט שפּעטער אין
זישא לאַנדוי'ס לידער אויפגעלויכטן מיט הערלאכן יום טוב און מיט
אלע מענשלאַכע זיבן חנ'ען.

---

פון אונזער ערשטער באגעגעניש מיט דרייסיק יאָר צוריק, זיי־
נען מיר איבעראַשט געוואָרן פון זישא לאַנדוי'ס רייכער, אלזייטיקער
באַקאַנטשאַפט מיט דער וועלט פּאָעזיע. נאָכמעהר האָט ער אונז
פארכאפּט מיט זיין אָריגינעלן, זעלבסטשטענדיקן אורטיילן וועגן
פּאָעזיע, מיט זיין זעלטענעם איידעלן געשמאַק און מיט זיין דינעם
געפיל אָפּצוטיילן אמת'ע פּאָעזיע פון אָנגעבלאָזענער און איבער־
טריבענער.

מיט די יאָרן האָבן זיך די אַלע לאַנדוי׳ס אייגנשאַפטן אויסגע־בריטערט און רייפער געוואָרן. מיט די יאָרן האָט זיך אויך גע־שטאַרקט לאַנדוי׳ס פאַרליבטקייט אין פּאָעזיע. יאָ, פאַרליבטקייט. אין אונזער פּאָעזיע האָט נאָך קיינער ניט אַזעלכע פאַרליבטע און וואונדערלאַכע פערזן וועגן דעם ליד ווי לאַנדוי. זיין פאַרליבטקייט אין פּאָעזיע און דעם ליד האָט דעם געמיטלאַכן זישא לאַנדוי גע־מאַכט פאַר אַ קריגער. פּאָעטן עלטערע און אינגערע, וואָס האָבן מורא הערן דעם אמת וועגן זיך, האָבן אויף לאַנדוי׳ן געקוקט ווי אויף זייערן אַ שונא. נאָר דער אמת איז, אַז זיי האָבן זיך גע־שראָקן פאַר לאַנדוי׳ס אָפענער מיינונג, וואָס איז שטענדיק געווען שאַרף, בליציק, טרעפנדיק און — ניט אַנגענעם . . .

אָבער זישא לאַנדוי איז ניט געווען קיין קריגער, נאָר אַ פּריס־טער אין דער אידישער פּאָעזיע. ער איז געווען „דער מאַן פון ליד״. דרייסיק יאָר איז ער געווען דער פּריסטער אין זיין ליד און אין אונזער פּאָעזיע. ער האָט זיין ליד ווי דאָס אידישע ליד בכלל אָפּגעהיט ווי זיינע שיינע אויגן אין קאָפּ.

ביי אונז איז ניט געווען קיין צווייטער פּאָעט וואָס זאָל דעם ליד אָפּגעבן אַזוי פיל כבוד. ער האָט זיך געשלאָגן מיט אייגענע און פרעמדע פאַר דעם כבוד פון דעם אידישן ליד און פאַר דעם וואָרט אין דעם ליד.

ווען פּאָעטן פון אונזערע טעג זיינען „גרויס״ געוואָרן אויסער זייער ליד — האָט ער זיי פיינט געקראָגן ווי זיין פערזענלאַכן שונא. נאָר מער פון אַלץ האָט לאַנדוי פיינט געהאַט געשמאַקלאָזיקייט אין דער פּאָעזיע און ווען אַ פּאָעט האָט אין זיינע לידער אריינגעלייגט זייטיקע כוונות, וואָס אמת׳ע פּאָעזיע קען עס אָרגאַניש ניט פאַרדייען.

זישא לאַנדוי האָט געהאַט אַ וואונדערלאַכן זכרון פאַר לידער. ער האָט געקענט אויף אויסווייניק כמעט אַלע לידער פון אַלע אי־דישע פּאָעטן און אפילו די געדיכטע פון דעם עלטערן דור פּאָעטן, וועמען ער האָט אָרגאַניש ניט פאַרטראָגן.

לאַנדוי האָט געהאַט אַ טבע צו וויגן זיך ביים שטיין, ביים גיין און ביים זיצן. איז וויגט ער זיך צום ריטם און שעפּטשעט כסדר לידער. אייגענע און פרעמדע. אידישע, דייטשע, פּוילישע, רוסישע און שפּעטער ענגלישע.

אָפטמאָל זיצנדיק ביי א טיש פלעגן מיר קוים אויפכאַפּן אין זיין שעפּטשען די ווערטער, גאַנצע שורות און שוואַכע פערזן פון א פּאָעט א חבר אָדער פון אן עלטערן פּאָעט און מיר פלעגן קייכן פון געלעכטער. ער פלעגט יעדעס וואָרט, יעדע שורה און יעדן פערז אקצענטירן אזוי קונציק, אז מען פלעגט מוזן דערפילן די פּוסטקייט פון אזא פּאָעזיע.

---

זישא לאַנדוי האָט אין די אַלע דרייסיק יאָר פון זיין פּאָעטישער אַרבעט און ווירקונג ניט ארויסגעגעבן קיין איין בוך פון זיינע לידער.

ווען מיר פלעגן מיט אים ריידן וועגן ארויסגעבן זיינע לידער, פלעגט ער זיך שטענדיק ארויסדרייען מיט עפּעס א כאַראַקטעריס-טישן וויץ:

— איך וואַרט אַלץ ביז א פאַרלעגער וועט צו מיר קומען מיט א פאָרשלאַג ארויסצוגעבן מיינס א בוך מיט אן אנשטענדיקן האָנאָ-ראַר . . . אויב אזוינס האָט נאָך ניט פּאַסירט, איז א סימן אז מיינע לידער טויגן ניט און דער לייענער דאַרף זיי ניט. ארויסגעבן ביכער אליין, ווי אַנדערע אונזערע פּאָעטן גיבן ארויס, אויף דעם אייגענעם אָנגעשפּאַרטן געלט פון די אָרעמע פאַרדינסטן אין שאַפּ, און דער רעצענזענט זאָל שפּעטער באַקומען פאַר זיין רעצענזיע א דריטל פון דעם, וואָס דעם אָרעמען פּאָעט האָט אָפּגעקאָסט ארויס-צוגעבן זיין בוך — דאָס טו איך ניט. און מיך אַרט ניט ווען דער רעצענזענט וועט ביי מיר פאַרלירן פּרנסה, און ער וועט מוזן גיין אין שאַפּ אַרבעטן אינאיינעם מיט אונזערע פּאָעטן. דערצו איז נאָך א ריזיקע, אז דער רעצענזענט זאָל מיין בוך אַרונטערייסן, ווייל איך בין ניט מאָדערן, איך גיי ניט מיט דער צייט, אָדער אין מיינע לידער איז ניטאָ קיין אינהאַלט, אָדער איך בין ניט גענוג מיסטיש פאַר אים . . . דערביי זאָל דער רעצענזענט אויף מיין חשבון געבן קאָמפּלימענטן א צווייטן פּאָעט, כאָטש איך האַלט אליין פון יענעם פּאָעט — ניין, אריבערטראָגן די אַלע זאַכן וואָלט כאָטש געלוינט ווען דער פאַרלעגער זאָל קומען מיט א נישקשה׳דיקן האָנאָראַר . . .

דעמאָלט וואָלט געלוינט דער גאַנצער אומכבוד פון ארויסגעבן ביי אונז א בוך לידער.

נאָר לעצטנס, ווען לאַנדוי׳ס געזונט איז געווען פאַר׳משפט און מיר האָבן געפילט, אז ער וועט שוין לאַנג מיט אונז ניט זיין, פלעגן מיר צו אים אָפטער צושטיין ארויסצוגעבן א זאמלונג פון זיינע לידער.

ביז איינמאָל, ווען מיר זיינען צו אים שטאַרק צוגעשטאַנען, האָט ער זיך אויף זיין שטייגער מיט א וויץ ארויסגערעדט:

— אָט האָב איך אָנגעשריבן עטלאַכע זאכן, וואס ממש קיינער דאַרף זיי ניט האָבן. עפּעס א מעשה פון דזשימי פון סקאָטלאַנד יאַרד, וועגן דער שיפּע זיבעלע, און נאַכטיגאַלן . . . אין פערזן און אין וואונדערלעכע פּראָזע. געשריבן פון פריילאַכקייטוועגן. נאָר מען וועט זיך וואונדערן, צו וואָס אַזאַ קלוגער מענטש ווי זישא לאַנדוי האָט זיי געשריבן. אָט די זאכן וואָלט איך ארויסגעבן. זיי זיינען, פארשטייט זיך, געשריבן א סך בעסער, ווי מען שרייבט ביי אונז אָנגעבלאָזענע טראַגעדיעס פול מיט אָנשטעל און מיסטיפיקאַציע, וואס קיינער פארשטייט ניט קיין וואָרט אין זיי. אויך אין מיינע זאכן וועט מען קיין וואָרט ניט פארשטיין. זיי זיינען אבער געשריבן מיט עלעגאַנץ, געמיט און געשמאַק. נאָר די הויפּט מעלה איז, וואס די זאכן זיינען פריילאַכע. און טאַקע צוליב פריילאַכקייט וואָלט איך זיי ארויסגעבן אין א בוך און וואָלט דאָס בוך גערופן: „עס איז גאָרנישט ניט געשען”. . . אַזאַ נאָמען פון מיין בוך וואָלט טאַקע געמיינט אז איך גיב די רעצענזענטן א פארטיקן צעקייטן געדאַנק, אז אין דעם בוך געשעט גאָרנישט . . . נאָר זאָל מיינס איבערגיין. נאָך אַזויפיל יאָרן הארצוווייטיק וואס זיי האָבן פון מיר געהאַט, זיינען זיי ווערט פון מיר א צוגעוואָרפן ביינדל . . . דאָס בוך זאָל טאַקע הייסן: „עס איז גאָרנישט ניט געשען”.

און דאָס בוך „עס איז גאָרנישט ניט געשען” איז ארויס אין דעם זעלבן טאָג ווען לאַנדוי האָט פארבראַכט עטלאַכע פריילאַכע רוישיקע שעה׳ן אין עטלאַכע קאַפייען מיט צענדליקער פריינט און איז פון צופיל אָנשטרענגונג אויסגעגאַנגען אויפן וועג צו זיין שטילער היים.

---

מיר האָבן זישא׳ן געבראַכט צו זיין אייביקער רו. ביי זיין קבר האָבן פרעמדע מענשן ווידער גערעדט און געזידלט די אַמעריקאַנער ערד, וואָס איז ניט ווערט האַלטן אין זיך זישא לאַנדוי׳ן. אָבער די אַמעריקאַנער ערד אין לאַנג איילאַנד האָט צוגענומען זישא׳ן, ווי זי נעמט צו אַלע קינדער פון דער ערד. מיר האָבן אויף זישא׳ס קבר צו-געלייגט אונזער ברידערלאַכע לאַפּעטע ערד. שלאָף זישא, חבר און ברודער. דאָס האַרץ, וואָס פאַרשטייט גאָרנישט וויינט שטום. נאָר די ליפּן וואָס ריידן וועגן אַלץ עפּענען זיך מיט ווערטער פון זישא לאַנדוי׳ס לעצטע ליד אויף דעם טויט פון א פּאָעט: „פאַרוואָס ביזטו געשטאָרבן" זישא, זישא ? . . .

**מאַני לייב.**





זישא לאנדוי — געמאָלן פון מ. סאיער

# מיט זישא לאנדוי

פיר זענען מיר געווען. דריי האבן געשריבן לידער און איי־
נער ראָמאנען. קנאפע דרייסיק יאָר געקניפּט און געבונדן. ליטע־
ראריש און פּערזענלעך. פאַרבראַכט א סך צוזאַמען, גע׳חלומט צו־
זאמען, אינאיינעם ארויסגעגעבן זשורנאלן און זאמלביכער, גע־
קריגט און געריסן זיך, אמאָל איבער נארישע קאפּריזן, אמאָל איבער
פּארוואונדעטער אייטלקייט און אמאָל איבער ערנסטע פּערזענ־
לאכע ענינים און טעאָרעטישע סכסוכים. אָבער קיינמאָל נישט אי־
בערגעריסן. שטענדיק זיך איבערגעבעטן און ווידער געוואָרן איינס
ווי פריער. איצט ווען איינער איז נישטאָ מער איז גאנץ אָפט פּוסט
און נאָך אָפטער טרויער אין הארצן. אָבער ווען איך זעץ זיך שרייבן
וועגן אים מישט זיך אין טרויער אריין פרייד. די פרייד פון
אַ חבר, וואָס אים ווילט זיך דערציילן פון א חבר. — אזוי און אזוי
און אנדערש שוועבט זיין געשטאלט פארביי מיר. ווי איך האָב אים
געזען אין פארשידענע ציטן, אין פארשידענע מאָמענטן און ביי
פארשידענע געלעגנהייטן. אזוי און אזוי און אנדערש וועל איך
וועגן אים דערציילן.

### ערשטע באַגעגעניש

איך געדענק שוין נית דאָס יאָר, ווען איך האָב זיך באקענט
מיט זישא לאנדוי. מיר איז אויך מער נית קלאָר, צי דאָס איז געווען
שפּעט אין הארבסט אָדער פרי אין פרילינג. איך געדענק אָבער

נענוי, אז עס איז געווען אן אָונט אויף קאנאל סטריט, פאר דעם אמאָליקן דרוקערמאנס ספרים געשעפט, אז דער אָוונט איז געווען קאַלט, נעפּלדיס און בלאָטיק, און איך האָב געטראָגן א שווערן ווינטער-מאנטל. אלע פארבייגייער האָבן געטראָגן שווערע ווינטער-מאנטלען און אלע פון דער קליינער גרופּע יונגע שרייבער, וואָס איז געשטאַנען פאַר דעם ספרים-געשעפט און געוואַרט אויף עפּעס א נייער צייטשריפט, וואָס מען האָט געדאַרפט ברענגען פון דרוק, האָבן געטראָגן שווערע מאנטלען, נאָר דאָס דינע, בלאָנדע בחור׳ל מיט די גרויסע בלויע אויגן, וואָס מען האָט מיר פאָרגע-שטעלט אלס זישא לאנדוי, האָט געטראָגן א לייכט, שמאָל, זומער-דיק איבערציערל פון לעדער קאָליר, וואָס האָט זיך ענג פארקנעפּלט איבער א שפּיציק בייכל.

פאר די וואָס האָבן געקענט דעם שפּעטערדיקן ברייטן און שווערלייביקן לאנדוי וועט זיין שווער זיך פאָרצושטעלן, אז אויף זיין ניינצענטן צי צוואנציקסטן יאָר איז ער געווען א דין כמעט שמעכטיק אינגל, פּונקט ווי זיי קאָנען זיך מסתמא ניט פאָרשטעלן, אז לאנדוי פלעגט גיין אָנגעטאָן ווי א דענדי אין ענג-געפּאסטע קליי-דער, א הארטן שטייענדיקן קראגן און א דוירבי. מיטן לעצטן איז ער אָבער ניט געווען קיין בן-יחיד. אלע האָבן מיר אין יענע יאָרן געהאט איינגעקאָרפּטע רייפן אויף די שטערנס פון די הארטע קיי-לעכדיקע קאפּעלושן, וואָס מיר האָבן דעמאָלט געטראָגן.

„זישא לאנדוי! זענט איר דאָס טאקע זישא לאנדוי?“ — האָב איך געפרעגט און אים נאָכאמאָל אָנגעמאָסטן מיט די אויגן פון קאָפּ ביז די פיס, „און וואו זיינען די וואָנצן?“

— דאָרט, וואו אייער גאָלד!“

מיין פראגע האָט זיך באצויגן אויף זיינעם א שלעכט ליד גע-דרוקט אונטער פּינסקיס רעדאקציע אין „ארבעטער“, אין וועלכן וואָנצעס זיינען געוואָרן „וואָנצן“, כדי ער זאל זיי קאָנען בא-נוצן אלס ניט געלונגענעם גראם צו „טאנצן“. פאר יענער צייט אָבער און נאָך פאר אָנהייבער דערצו, א טשיקאווע און איינג-ארטיק ליד. זיין ענטפער האָט זיך באצויגן אויף א גאנצע ריי פון מיינע לידער אין יענער צייט, וואָס זיינען געווען פּונקט אזוי שלעכט און גאָר ניט איינגנארטיק און אין וועלכע עס האָט געהאלטן אין איין

בליאַסקען מיט גאָלד. דאָס דאָזיקע גאָלד אין מיינע לידער האָב איך דוקא געהאַט צו פאַרדאַנקען מיין דעמאָלסטיק שווער לעבן, און אָט ווי אַזוי:

ווי די מערסטע יונגע אידישע שרייבער אין אמעריקע פון יע־נער צייט, בין איך אויך געווען אַ פאַבריק ארבעטער — אַ פעקער ביי קאַפּן. ווען איך האָב זיך באַקענט מיט לאַנדוי׳ן בין איך שוין געווען אַ חתונה געהאַטער, אַ טאַטע פון אַ קינד, און דאָס לעבן איז געווען זייער שווער. דער אייביקער יאָך און די אייביקע זאָרגן האָבן געדריקט און דערשלאָגן. אין דער פאַבריק וואו איך האָב געאַרבעט, כאָטש איינע פון די גרעסטע אין דעם פאַך און פאַר יענער צייט היגיעניש די בעסט איינגעאָרדענטע, זיינען, באַזונדערס אין מיין ווינקל, שטענדיק געשטאַנען וואָלקנס פאַרע, וואָס האָבן מיט אַ צישעריי זיך אַרויסגעקנוילט פון גרויסע פירעקיגע קופּערנע קעסלען און פון מאָנסטערהאַפטע הידראַליק מאַנישען. אייביקע טריבקייט, שטיקעניש און אייביקער געשטאַנק, שטענדיקע ברעכע־ניש אין רוקן און ברענענדיקע זוילן פון שטיין יעדן טאָג צען און מער שעה אויף די פיס, איז דאָס געמיט שטענדיק געווען באַטריבט. נאָר אין ליכטיקער פונקט איז געווען אין דעם דאָזיקן טריבן לעבן — די גאָלדענע קרוין אויפן טורעם־שפּיץ פון אַ וואָלקנקראַ־צער געביידע, וואָס מען האָט דעמאָלט נאָר וואָס געהאַט פאַר־ענדיקט אָדער געהאַלטן אין פאַרענדיקן. אויב דער טאָג איז נאָר געווען אַ שיינער, האָט די דאָזיקע קרוין אין אַ באַשטימטער שעה יעדן נאָכמיטאָג אויפגעכאַפּט די שטראַלן פון דער זון און איז אליין געוואָרן אַ זון — אַ גליענדיקע גאָלדענע זון. אין מיין טריבן ווינקל אין דער פאַבריק האָט זיך די „זון" באַוויזן ווי אַ נס. און כאָטש דער נס האָט זיך באַנייט כמעט יעדן טאָג, האָב איך פונדעסטוועגן שטענדיק געוואַרט אויף אים מיט אַ פלאַטער אין האַרצן, ווי מען וואַרט אויף אַ פּרוי, וואָס מען האָט ליב. און וואָס האָט די דאָזיקע „זון" ניט אָנגעצונדן אין מיר און אַרום מיר! וואונדערלאַכע לאַנד־שאַפטן האָבן אויפגעבליט פאַר מיינע אויגן אין מיטן די בערג היט־לען און שטויסן קאַפּעלושן און נאָך גרעסערע שטויסן פירעקיקע און קיילעכדיקע שאַכטלען צווישן וועלכע איך בין געשטאַנען ווי איינגעמויערט; אין אַלע מיידלאַך פון שאַפּ האָב איך זיך איינגע־

ליבט ; זוניקע פעלדער האָבן געשוועבט דורך מיינע חלומות און טויזנטער זכרונות פון דער קינדהייט זיינען מיט אמאָל געוואָרן זוניק און גאָלדיק און געזוכט אויסדרוק אויף פאַרשידענערליי אופנים אין מיינע לידער. געזוכט, אָבער ניט געפונען. דאָס הייסט איך האָב דעם אויסדרוק ניט געפונען, און באַקומען האָבן זיך גאָר שלעכטע לידער.

ווי א סך אָנהייבער, וואָס דערקענען נאָך ניט זייער אייגן קול, האָב איך, אפשר ניט ווילנדיק, געזונגען מיט א פרעמד קול, באַנוצט זיך מיט פּאָעטישע אויסדרוקן וואָס אנדערע פאַר מיר האָבן אויס-געמינצט. ווי א סך אָנהייבער האָב איך דעמאָלט נאָך ניט געוואוסט, אַז די שטאַרקסטע איבערלעבונגען און טיפסטע עמפינדונגען מאַכן נאָך אַלץ ניט קיין גוט ליד. ערשט שפּעטער, ווען מען ווערט קינסטלעריש רייכער, דערגייט מען — און אָפּטמאָל דורך גרויס פּיין — דעם סוד, אַז א סך מער ווי א י י נ ד ר ו ק, איבערלע-בונג און עמפינדונג דאַרף מען האָבן א ו י ס ד ר ו ק. דאָס פּאָ-סיקסטע וואָרט אויף דעם פּאַסיקסטן אָרט, האָט נאָך קאַלרידזש געפאָדערט. וואָס דאָס מיינט שוין ממילא טאָן, ריטם און פאָרם, גילטיק בלויז פאַר דעם געגעבענעם ליד און ניט פאַר קיין אנדערן.

צווישן מיר און זישאָ לאנדוי איז עס ניט געווען קיין „ליבע פון ערשטן אויגנבליק". מיר האָבן זיך גלייך אָנגעהויבן זאָגן אמת׳ן, און דער אמת טוט וויי, בפרט נאָך ווען מען איז יונג. לאנדוי איז געווען מיט א פינף יאָר אינגער פון מיר. אבער אין יענע גוטע יאָרן איז אין מיינע אויגן קיינער ניט געווען אינגער פון מיר. אין מיינע אויגן בין איך געווען דער אינגסטער, מיט אַלע מעגלאַכקייטן און האָפענונגען וואָס שטראַלן אקעגן דעם אינגסטן, אבער אויך מיט אַלע פיינען און ספקות׳ן אין זיך, וואָס שליידערן פון איין תהום אין אנדערן אריין. יונג זיין מיינט האָפערדיק זיין, ווייל אויב נאָך ניט היינט דערגרייכט אַלץ פון וואָס דער יונגער פּאָעט חלומט וועט ער דאָך דאָס זיכער דערגרייכן מאָרגן, איבעראיאָר און אפילו ערשט אין יאָרן אַרום. וואָס מאכט עס אוים? אז דאָס לעבן איז נאָך פ א ר דיר. יונג זיין מיינט אָבער אויך קרענקלאַך עמפינד-לאַך זיין און איך בין געווען איבער-עמפינדלאַך. דער קלענסטער

פגיעת-כבוד האָט אין יענע צייטן געטראָפן ווי א שטיין. דאָס מינדסטע בייזע וואָרט האָט געשטאָכן ווי א שפּיז און טיף פאַר-וואונדעט. און ביי אונזער ערשטער באַגעגעניש האָט מיר לאַנדוי געזאָגט א סך בייזע און שטעכיקע ווערטער. איך אים האָב אויך ניט געזשאַלעוועט. און מסתמא האָבן מיינע רייד אויך געטראָפן וואוהין זיי האָבן געצילט. לאַנדוי איז אבער אין דער הינזיכט גע-ווען דער געשיקטערער, און דאָס איז ער שטענדיק געבליבן. אזוי אריינזאָגן, אז עס זאָל טרעפן אין דער זיבעטער ריפּ אריין האָט צווישן אונזער קיינער ניט געקאָנט.

יענע נאכט האָב איך, ווי מען זאָגט אין אונזערע מקומות, גע-קאָפּעט דאָס ליילעך. אזוי שטארק פארוואונדעט האָב איך זיך גע-פילט פון מיין ערשטער באגעגעניש מיט לאַנדוי׳ן, אז איך האָב יענע נאכט אן אויג ניט געקאָנט צוטאָן. אויף מאָרגן בין איך דעם גאנצן טאָג געשטאַנען ביי דער ארבעט אן אויסגעהוילטער און אז איך בין אהיים געקומען האָב איך קיין ביסן ניט געקאָנט נעמען אין מויל אריין. ביז דעמאָלט פלעגן ביי מיר אלע ניט געדרוקטע לידער זיין זאָרגפעלטיק פארשריבן אין א ריינעם העפט און די געדרוקטע איינגעקלעפּט אין א צווייטן. עטלאכע טעג נאָך מיין באַגעגעניש מיט לאַנדוי׳ן האָב איך גענומען דעם העפט מיט די געדרוקטע און דעם העפט מיט די פארשריבענע לידער, זיי איבערגעריסן אין מיטן און זיי אריינגעוואָרפן אין א ברענענדיקן אויוון. דאָס איז געווען ניט צום ערשטן און ניט צום לעצטן מאָל, ווי איך האָב צעריסן מיינע זאכן, און שטענדיק איז עס געווען צו רפואה.

דער דאָזיקער שטריך צו זאָגן אמת׳ן אָפן, באַזונדערס וועגן דיכטונג, און דאָס אזוי שארף און בייסיק, אז עס זאָל אריין טיף אין די ביינער, איז לאַנדוי׳ן פארבליבן אויפן גאנצן לעבן. וואָס נענ-טער א מענטש איז אים געווען, אלץ מער האָט זיך לאַנדוי דערלויבט די דאָזיקע אָפענקייט. גאנץ אָפט איז עס געווען דער פּרואוושטיין צי וועט זיך קאָנען פארבינדן א חברשאפט צווישן אים און אן אנ-דערן דיכטער. אין דער רגע ווען לאַנדוי האָט דערפילט, אז א דיכ-טער קאָן ניט הערן דעם אמת וועגן זיך אָדער זיין ליד, איז אים יענער געוואָרן א פרעמדער. ער האָט מיט יענעם זיך נאָך געקאָנט באַגעגענען גאנץ אָפט, שפּילן מיט אים אין קאָרטן, באַרימען זיך

פאר אים מיט די איינגעמאכצן וואס ער קאָן פרעגלען אָדער וואס פאר א גוטער קענער און געניסער פון געטראנקען ער איז, אָבער וועגן דיכטונג האָט ער מיט יענעם מענטשן מער ניט גערעדט.

נישט אלעמאָל איז לאנדוי געווען גערעכט אין זיינע אורטיילן. דאָס וואָלט ניט אויסגעמאכט, ווייל ווער איז דען שטענדיק גערעכט? דאָס ערגסטע ביי לאנדוי׳ן איז אָבער געווען, וואָס אין זיינע אויגן האָט ער קיינמאָל ניט געטאָרט זיין אומגערעכט. דאריבער פלעגט ער גאנץ אָפט זיינעם אן אומרעכט אויסקויפן מיט א צווייטן נאָך א גרעסערן. דאָס, דוכט מיר, פונקט ווי די מדה צו זאָגן א מענטשן דעם אמת גלייך אין די אויגן אריין, האָט ער איבערגענומען בירושה פון דעם גוט-אידישן הויף, ביי זיין זיידן דעם סטריקיווער, וואו ער איז אויסגעוואקסן. רבישע קינדער און אייניקלאך געוואוינען זיך צו פון קינדווייז אָן אריינצוזאָגן. אין רבישע הויפן, ווי אין אלע הויפן וואו מען פירט שטאָט און ממילא אויך פּאָליטיק, איז מען אויך קיינמאָל ניט אומגערעכט. אומגערעכט איז שטענדיק דער צווייטער צד: דער הויף מיט וועלכן מען פירט אן אָפענע צי א באהאלטענע מחלוקה. די מחלוקה מעג זיך זיין לשם שמים — צוליב אזא אָדער אן אנדערן קנייטש אין דער עבודה. די מעטאָדן זענען אבער ניט שטענדיק לשם שמים׳דיקע. אפילו אן אינ-טריגעלע איז בארעכטיקט, אויב זי איז נאָר נויטיק אָדער ווען מען מיינט, אז זי איז נויטיק. לאנדוי׳ס מחלוקת׳ן זיינען שטענדיק גע-ווען לשם שמים׳דיקע. אין תוך זיינען אפילו זיינע „אומרעכטן" אָדער „רשעות׳ן" ווי די געטראָפענע האָבן זיי אָנגערופן, ניט גע-קומען פון שלעכטס, פון סתם וועלן ווייטאָן, נאָר דערפון, וואָס ווי יעדער דיכטער האָט ער ניט שטענדיק געקאָנט זיין דער אָביעקטי-ווער קריטיקער, איפּאָליט טען האָט שוין אויפמערקזאם געמאכט דא-רויף, אז יעדער אמתער דיכטער מיט אן אייגענעם וועג, מוז בטבע זיין איינזייטיק און אפילו פאנאטיש איינגעגלויבט, אז נאָר זיין וועג איז דער ריכטיקער. ממילא קאָן ער שוין ניט אָפּשאצן ווי געהעריק דעם ווערט פון אן אנדערן דיכטער, באזונדערס ווען דער אנדערער איז פון אן אנדערער ריכטונג.

# פאַרברידערונג

א נענטערע באקאנטשאפט צווישן מיר און זישא לאנדוי האָט זיך אָנגעהויבן פארקניפּן ביי די מיטינגען פון פאראיין ליטעראטור, וואָס האָט ארויסגעגעבן די צוויי זאמלביכער „ליטעראטור“. גאָר נאָנט האבן מיר אבער אָנגעהויבן ווערן ערשט אין זומער 1910, ווען מען האָט צוגעגרייט דאָס צווייטע זאמלבוך „ליטעראטור“. ביי די מיטינגען האָב איך זיך באקענט מיט איגנאטאָוו'ן, לאפּינ'ען און משה ווארשע. די מערסטע פון די וואס זיינען איין צייט אָדער אַן אנדערע צוגערעכנט געוואָרן צו דער גרופּע „יונגע“, ווי ראָלניק'ן, שווארצ'ן, האלפּערינ'ען, חאימאָוויטש'ן, אָפּאטאשו'ן און דילאָנ'ען האָב איך געקענט נאָך פון פריער. מיט ראבאָי'ן האָב איך זיך ערשט שפּעטער באקענט. קאזאנסקי און לייוויק זיינען געקומען שפּעטער. לענגער פון אלע האָב איך געקענט מאני לייב'ן. מיט אים האָט מיך באקענט זעלדין נאָך אין 1905. אבער נאָנטע חברים זיינען מיר געוואָרן אויך ערשט אין זומער 1910.

צו די מיטינגען פון פאראיין „ליטעראטור“ פלעגן קומען צווישן זעכציק און זיבעציק יונגעליט, וואס האבן פון צייט צו צייט אָפּ-געדרוקט א ליד צי א סקיצע אין איינער פון די טעגלאכע אָדער וועכנטלאכע צייטונגען פון יענער צייט. די מערסטע פון זיי זיינען קיין שרייבער נישט פארבליבן. א טייל איז מיט דער צייט אריין אין די צייטונגען. אנדערע זיינען געוואָרן יוניאָן-פירער, דאָקטוי-רים, דענטיסטן, אפּטייקער צי גאָר דערפאָלגרייכע געשעפטסלייט. ביי די מיטינגען האָט זיך פון אָנהויב אָן גענומען אויסשיילן די גרופּע, וואס האָט שפּעטער געמאכט געשיכטע מיט די זאמלביכער „שריפטן“. די גרופּע איז אויך צעפאלן אין קלענערע גרופּן, און צו דער קלענסטער, וואס איז באשטאנען פון מאני לייב'ן, לאנדוי'ן און מיר, איז מיט דער צייט איבערגעגאנגען בירושה דער נאָמען „יונגע“. צונויפגעוואקסן מיט אונז און געוואָרן איינער פון אונז איז שפּעטער אויך דוד קאזאנסקי. לויט זייער צוגאנג צו ליטע-ראטור און לויט זייער דיכטערישן מהות האָבן צו דער גרופּע אויך אייגנטלאך געדארפט צוגערעכנט ווערן ראָלניק און ראבאָי.

אָבער זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט אינגאנצן אידענטיפיצירט מיט אונז.

דער נאָמען „יונגע" איז אורשפּרינגלאך געווען א שפּאָט־נאָמען פאר א גרופּע יונגע שרייבער, וואָס האָט נאָך אין 1907 געהאט די „חוצפּה" צו דערקלערן, אז מען דאַרף דאָס ביסל אידישע ליטעראַרישע כוחות אין אמעריקע באפרייען פון דעם אפּיטרופּסות פון די צייטונגען, און זיי האבן געזוכט צו שאפן אן אייגענעם ליטעראַרישן ווינקל אין די דינע העפטלעך פון דעם חודש־זשורנאל „די יוגענד". שפּעטער האָט מען מיט דעם נאָמען באצייכנט אַלע אויף אנדערשקייט פּרעטענדירנדיקע יונגע שרייבער, כאָטש קינסטלעריש האָבן זיי צווישן זיך גאָר קיין שייכות נישט געהאט. ערשט מיט דער אויסקריסטאַליזירונג פון אונזער גרופּע האָט דער נאָמען געקראָגן א באשטימטן באטייט. איצט איז ער געווען דער נאָמען פון אן איינהייטלאכער שולע — די ערשטע ליטעראַרישע שולע ביי אידן. א שולע, וואס איז קיינמאָל נישט ארויסגעקומען מיט קיין געשריבענע פּראָגראמען און דאָך האָט זי געהאט א קענטיקע פיזיאָנאָמיע, וואָס האָט זי אויסגעטיילט פון גאנצן ארום, און ארויפגעלייגט אזא שטעמפּל אויף דער אידישער דיכטונג, אז ווייטער שרייבן אזוי ווי מען האָט געשריבן איידער זי איז געקומען, האָט מען מער נישט געקאָנט.

דריי מענטשן, גרונט פארשידן אין טעמפּעראמענט און כאַראקטער; אין די, פאר דיכטער אזוי וויכטיקע, ערשטע קינדערשע איינדרוקן פון היים, לאנדשאפט און סביבה און ערשטע אויפגעכאפּטע קלאַנגען פון ניגון, ליד און מעשה; גרונט פארשידן אין דערציאונג, באגעגענישן, חלומות, שטרעבונגען און איינפלוסן (עמישע, עסטעטישע און ליטעראַרישע) פון די פאָרמאטיווע יאָרן; גרונט פארשידן אין אופן פון שרייבן און דאָך געוואָרן די שאפער פון אן איינהייטלאכער שולע מיט א באשטימטן גאנג, באשטימטן קוק און באשטימטער קריטעריע. ווי אזוי דאָס איז געוואָרן איז פאר מיר נאָך ביז אויפן היינטיקן טאָג א רעטעניש. טיילווייז דערקלער איך דאָס דערמיט, וואס ביי אונזער גאנצער פארשידנקייט האָבן מיר דאָך געהאט איין איינגנשאפט א בשותפות׳דיקע: — וואכקייט פון די חושים.

אגב א שטריך, וואס איז אייגן אלע קינסטלער, און מיר זיינען געווען, אויב-נישט די ערשטע קינסטלער איז די ערשטע באוואוסטזיניקע קינסטלער-גרופע אין דער אידישער דיכטונג. אונזער קוק, אונזער וועלט-באנעם און אונזער צוגאנג צו מענטש און וועלט איז געווען א קינסטלערישער. אונזערע פאָדערונגען צו אלע אידישע דיכטער און קודם כל צו זיך אליין זיינען געווען ריין-קינסטלערישע. איינע פון די קארדינאלע פאָדערונגען אונזערע איז געווען נישט צופרידן צו שטעלן זיך מיט דעם, וואס מען ווייס, ווייל אזוי איז אָנגענומען, ווייל אזוי האָט מען געהערט אָדער ווייל אזוי האָט מען „געלייענט אין די ביכלאך", נאָר צו יעדער דערשיינונג צוגיין מיט אָפענע אויגן און אן אָפענעם מוח און פרואוון זי אויפס ניי דערקענען, אויף אן אייגענעם אופן דערקענען. נישט אזוי פיל מיטן שכל, ווי דורך די חושים. נישט לאָגיש, נאָר אינטואיטיוו פסיכאָלאָגיש.

די פאָדערונג איז אליין געווען דער רעזולטאט פון א דערקענטעניש. א דערקענטעניש, צו וועלכער מיר זיינען געקומען בהדרגה נאָך א לאנגען פאָרשן, זוכן, לייענען און פארגלייכן; נאָך לאנגע טעג און נעכט, וואס מען האָט פארבראכט אין פארטיפטע שמועסן וועגן אן איינציקן ענין — די דיכטונג, וואס איז געווען טייערער פון אלץ און פאר וועלכער מיר האָבן געקאָנט מקריב זיין אלץ, אפילו די אייגנליבע און אייטלקייט, וואָס איז ביי דיכטער פונקט אזוי שארף אויב נישט נאָך שארפער ווי ביי פרויען. מיר האָבן זיך קיינמאָל נישט געשאנעוועט. אלע חסרונות, וואס מיר האָבן געזען איינער ביים אנדערן האָבן מיר אָנגעוויזן. און נישט בלויז באַרירט מיט זיידענע הענטשקעס, חלילה, נאָר אויפן שארפסטן און בייסיקסטן אופן. געקאַטעוועט, אז עס זאל ווי טאָן, און עס האָט וויי געטאָן. ביזן בלוט ווי געטאָן. אבער געהאט די נויטיקע ווירקונג.

ווען מיר זיינען געקומען איז די אידישע דיכטונג געווען אין דינסט ביי אידייען און באוועגונגען, סאָציאלע און נאציאָנאלע. די דיכטער זיינען געשטאנען הויך, האָבן פארנומען זייער א חשוב'ן אָרט. אבער די דיכטונג איז, ווי יעדע דינסט, געלעגן טיף אין דער אדמה. מיר האָבן פראָקלאַמירט איר פרייהייט און איר רעכט

אויף אן איינן זעלבסטשטענדיק לעבן. מיר האָבן פאַרקינדיקט, אַז די דיכטונג דאַרף נישט לעבן אין זכות פון וועלכער עס איז אי־דייע, ווייל זי לעבט אין איר אייגענעם זכות. זי האָט איר אייגן אַרט און אירע אייגענע פונקציעס אין לעבן. דאַריבער איז זי נישט מחויב, ניין, טאָר נישט נעמען אויף זיך קיין אנדערע פונקציעס, ווייל דערמיט פעלשט זי קעגן זיך אליין. אין אונזער ליטעראַטור האָט דאָס געקלונגען פרעמד דעמאָלט און קלינגט נאָך פרעמדער היינט, ווען פּאַרטייען און באַוועגונגען באַהערשן ווידער דאָס לעבן, און דאָס ווי קיינמאָל נישט פריער, און ווען זיי לייגן אַרויף זייערע דיקטאַטאָרישע לאַפּעס אויף אַלץ, און אַלץ מוז זיי דינען.

ווען מיר זיינען געקומען איז אונזער דיכטונג, באַזונדערס דאָ אין אַמעריקע, געווען גרילצנדיק־שרייעריש־באָמבאַסטיש און מעלאָ־דעקלאַמאַטאָריש, ווען זי האָט זיך צוגערירט צו סאָציאַלע טעמעס; אויסגעווייקט אידישלאַך, מיט אַ ריח פון טשאָלנט און מקוה, ווען זי האָט זיך פאַרנומען מיט נאַציאָנאַלע מאָטיוון, און אויס־געסטראָיעט מיט דייטשמעריש־פּאָעטישע פליטערלאַך, ווען זי האָט געוואָלט אויסדריקן יחידישע, לירישע איבערלעבונגען. אויף אַ היי־מישן, עכטן גוטן אידיש האָבן די אַמאָליקע פּאָעטן געשריבן בלויז זייערע סאַטירישע לידער, ווען זיי האָבן געוואָלט אָפּלאַכן פון עפּעס. ווייל קיין זאַך איז אין זייערע אויגן נישט געווען אַזוי לעכערלאַך ווי דאָס, וואָס איז געווען עכט אידיש. אין דער הינזיכט זיינען זיי געווען לייבלאַכע ברידער פון אונזערע אַמאָליקע שונד־ראָמאַן פאַרפאַסער. אויך ביי אונזערע אַמאָליקע שונד־ראָמאַן־מחברים האָבן גערעדט אַ גוטן אידיש נאָר די פאַרשימלטע, אָפּגעלעבטע „סמישנע" פּאַרשוינען. די העלדן און העלדיכעס אָבער, וואָס האָבן געהאַט די מחברימס פולסטע סימפּאַטיעס, ווייל זיי זיינען דאָך שוין געווען „מאָדערנע, היינטוועלטיקע" מענטשן און האָבן שוין גע־וואוסט וועגן אַזוינע „מאָדערנע" זאַכן ווי „ליבע", זיי האָבן שוין גערעדט אויף אַ „פּאָעטיש" דייטשמעריש לשון.

אלס רעאַקציע קעגן דעם אַלעמען און קעגן אַלע שאַבלאָנען מיט וועלכע אונזער פּאָעזיע איז דעמאָלט פול געווען, האָבן מיר „יונגע" זי גענומען פאַראַרימערן סיי אין טעמעס און סיי אין שפּראַך. כדי אַליין נישט געשטרויכלט צו ווערן און אַליין נישט

ארייַנצופאַלן אין באָמבאַסטיק, האָבן מיר פּאַרוואָרפן סאָציאַלע טעמעס; כדי זיך צו פאַרהיטן פון יאַלעווע קוגל מליצות, האָבן מיר אויסגעמיטן נאַציאָנאַלע מאָטיוון, און כדי צו קאָנען לייַטיש אויסדריקן אן אינטים לירישן געפיל, האָבן מיר איינגעזען, אַז מיר מוזן טאָן צוויי זאַכן: פון איין זייַט זוכן זיך אַליין צו דערקענען און דערגרונטעווען, כדי מיר זאָלן זייַן ביכולת צו דערקענען די וועלט, און פון דער אַנדערער זייַט מוזן מיר אָפּרוימען דאָס גאַנצע מיסט, די אַלע ווילדע ווערטער, וואָס נישט דערוואַקסענע דיכטער-לינגען און נישט-דערבאַקענע צייַטונג-שרייַבער האָבן צונויפגע-קליבן אין פאַרשידענע פּרעמדע הויפן, און וואָס פון זיי זייַנען דאָס אויסגעברייַט געוואָרן יענע מליצה'דיקע אויסגוסן, וואָס האָבן בייַ אונדז דעמאָלט געגאָלטן פאַר דיכטונג.

פאַראַרימט אין אַלגעמיינע סקאַרבאָווע טעמעס האָבן מיר אונדזער דיכטונג רייַכער געמאַכט, ווייַל מיר האָבן מיט אונדזער דראַנג צו אייגענער דערקענונג פאַר איר געעפנט אַזוי פיל טויערן און טירלאַך פון דעם אינערלאַכן יחידישן לעבן.

פאַראַרימט די שפּראַך, האָבן מיר זי דערמיט אַליין שוין רייַכער געמאַכט. ווייַל איצט אָן דעם פרעמדן ווילדן אָנוואָוקס האָט אידיש אָנגעהויבן קלינגען אַנדערש: נאַטירלאַכער און ממילא שוין שענער. דאָס אַליין איז געווען אַ גרויסער אויפטו. אָבער דערבייַ זייַנען מיר נישט געבליבן שטיין. דער קינסטלערישער אינסטינקט האָט אונדז אונטערגעזאָגט, אַז עס פעלן נישט קיין ווערטער אין אונדזער שפּראַך פאַר די טיפסטע און דינסטע איבערלעבונגען און פייַנסטע שטימונגען. מען דאַרף זיי נאָר גיין זוכן אויפן ריכטיקן אָרט. אויב מיר וועלן נישט געפינען קיין פאַרטיקע ווערטער פאַר אַלץ, וואָס מיר דאַרפן, וועלן מיר אָבער זיכער געפינען ווערטער וואָס לאָזן זיך אויסשיילן, בייגן, איבערבויען און איבערשאַפן אַזוי, אַז אי זיי זאָלן דינען אונדזערע צילן און אי זיי זאָלן זייַן אין גייסט און קלאַנג פון אונדזער שפּראַך. מאַני לייב איז אַוועק און האָט געפונען דאָס וואָס ער האָט געזוכט אין פאָלקס מויל. לאַנדוי און איך — אין דעם אָנגעזאַמלטן פאָלקס אוצר: אין דער צאינה וראינה, דער תחינה, פאָלקס-ליד, מעשה-ביכל און חסידישע מעשה.

איך מיט לאַנדוי'ן זייַנען אַוועק נאָך ווייַטער. מיר האָבן גע-

פרעדיקט, אז מען דארף אינגאנצן פארווארפן אלע „פּאַטעטישע" מאָטיוון, און אנשטאָט דעם זוכן צו פאַרדיכטן דאָס אייגענע, וואָ-כעדיקע, אלטעגליכע לעבן. מאני לייב'ן איז די טענדענץ נישט געווען צום הארצן. ביזן היינטיקן טאָג מיינט ער, אז דאָס איז גע-ווען דער רעזולטאַט פון א שעדלאכער השפּעה, וואס קאַליע טעפּער האָט געהאט — באזונדערס אויף לאנדוי'ן. ער פארגעסט דערביי אָבער, אז דעם וואָכעדיקייט מאָטיוו האָב איך געבראכט מיט מיינע לידער „פון אלע טעג", אין 1914, בעת איך האָב טעפּער'ן כמעט נישט רעכט געקענט. איך האלט, אז גייענדיק צו דער אלטעגלאכ-קייט זיינען מיר געקומען אפשר צום וויכטיקסטן פארדינסט פון די „יונגע" — פשטות. ווייל ערשט דאָס האָט מעגלאך געמאכט, אז אידיש זאָל ווערן א פיינער דיכטערישער אינסטרומענט.

איך בין דאָ נישט אויסן צו שרייבן די געשיכטע פון די „יונגע". נאָך ווינציקער צו טאָן דאָס, וואס מיר האָבן קיינמאָל נישט געטאָן — אויפצושטעלן דאָס פּראָגראַם פון די „יונגע".

א קינסטלערישע שולע איז בכלל נישט מער ווי אן אויסגאנג-פונקט, פון וואנען די קינסטלער וואס געהערן צו איר גייען זיך פאַנאַנדער יעדער מיט זיין אייגענעם וועג, אויף וועלכן ער זוכט זיין אייגענע פילזייטיקע אויסבילדונג און פארפולקומונג. בלויז די נאָכ-לויפער און נאָכמאכער בלייבן שטעקן ביים אויסגאנג פונקט. אינ-מיטן וועג דערגייט יעדער קינסטלער דורך דערפארונג און רייפקייט צו נייע דערקענטעניש, וואס אין זייער ליכט ווערט די שולע און דאָס מערסטע פאר וואס זי איז געשטאנען, אומבאדייטענדיק, אָפט אפילו קאָמיש אָדער נאָר אין גאנצן פאלש. אין לויף פון די יאָרן איז יעדער איינער פון די „יונגע" דורכגעגאנגען א גאנצע ריי פאר-וואנדלונגען, איטלאכער אויף זיין שטייגער, לויט זיין כאראק-טער און לויט זיינע נייע לעבנס און קונסט דערפארונגען. געווען ציימן ווען אָט די נאָנטסטע פון די נאָנטע האָבן זיך געפילט פרעמד איינער צום אנדערן — ביז צום אָפּשטויסן פרעמד. געשען איז עס אָפּטער מיט מאני לייב'ן און לאנדוי'ן, ווייניגער צווישן זיי און מיר. לאנדוי'ן איז מיט אמאָל דערעסן געוואָרן צום טויט מאני לייב'ס „זיננעוודיקייט". מאני לייב האָט איין צייט נישט געקאָנט פאר-טראָגן לאנדוי'ס איבערגעשפּיצטע קלינגלען זיך, און מען האָט נישט

פארהוילן, וואס איינער טראכט פון אנדערן. ביידע האָבן געוואָלט טרעפן און האָבן געטראָפן ביז דער זיבעטער ריפּ. אין ביידע פאַלן איז יעדער פון זיי געווען זיכער, אז מער וועט מען זיך נישט טרעפן און מער וועט מען נישטריידן איינער מיטן אנדערן. אָבער גאָר אינגיכן האָט מען זיך ווידער געטראָפן און מען האָט זיך ארומגעכאפּט ווי קיינמאָל גאָר נישט. אויף וויפיל מיר זיינען אין די לעצטע יאָרן זיך ניט פאנאנדערגעגאנגען זיינען מיר אין תוך געבליבן די זעלביקע. בלויז די צווייגן זיינען זיך פאנאנדערגע־גאנגען אין פארשידענע ריכטונגען. דער שטאַם איז געבליבן וואָרצלען אין די זעלביקע קינסטלערישע איבערצייגונגען.

## זישא לאנדוי

מען דערציילט וועגן ר׳ אברהמ׳ל טשעכאנאָווער, אז ווען מען האָט אים געזאָגט, מען האָט אויסגעטראכט א וואָגן אָן פערד, האָט ער געפרעגט, צו וואס מען דאַרף עס, און אז מען האָט אים געענט־פערט, ווייל א וואָגן אָן פערד וועט לויפן שנעלער ווי א וואָגן מיט פערד, האָט ער אין זיין גרויס תמימות זיך געחידושט: „וואָס האָבן זיי אזוינס קיין צייט ניט?"

זיין אור־אור אייניקל, זישא לאנדוי האָט שוין אליין געטריבן אַן אויטאָמאָביל, און אויב ער איז ניט געפלויגן אין עראָפּלאנען איז דאָס געווען בלויז א צופאַל. אנשטאָט תמימות האָט ער שוין פאר־מאָגט — און אפשר אין א צו גרויסער מאָס — איבערגעשפּיצט־קייט, אָבער אין תוך איז ער ניט ווייט אוועק פון זיין גרויסן זיידן דעם גאון און באגרינדער פון דער טשעכאנאָווער גזע. אויך זישאָ לאנדוי האָט ניט איינמאָל מיט גרויס שטוינונג געפרעגט: „וואָס האָבן זיי אזוינס קיין צייט נישט?" זיין חידושן זיך איז אבער געווען געווענדט ניט אויף דערפינדער פון נייע פאַרקער־מיטלען אָדער פארפולקומענער און פארשנעלערער פון אלטע, נאָר אויף שרייבער, וואס שטופּן זיך מיט די עלנבויגנס, רייסן איין וועלטן און ווענדן אָן אלערליי מיטלען אבי וואס שנעלער אָנצוקומען אין לאנד פון רום.

ווינציקער פון אלץ האָט מען אין אונזער קרייז פון די „יונגע" נעקאָנט פארטראָגן ליטעראַרישע אָלרייטניקעס. דאָס זענען יענע פארשוינען, וואס האָבן, בארעכטיקט צי ניט בארעכטיקט, „מצליח" געווען מיט זייער ליטעראַרישע סחורה, און ווי אלע פּארוועניוס קלינגען זיי מיטן ביסל מינץ אין זייערע קעשענעס און פארקלינגען א וועלט מיט זייערע דערפאָלגן. איך געדענק נישט צי לאנדוי, איך, אָדער גאָר עמיצער אנדערש האָט געשאפן דעם טערמין „ליטעראַרישער אָלרייטניק". אבער קיינער פון אונז „יונגע" האָט ניט אזוי אָפּגעשיידט שטאָלץ-יחסנדיק פארצויגן די ליפּן און ניט אזוי פארקנעפּלט זיך אויף אלע קנעפּלאך, ווען אזא ליטעראַרישער אָלרייטניק האָט זיך אָנגעהויבן גרויסן פאר אים, ווי לאנדוי.

לאנדוי האָט אויך נישט געקאָנט פארטראָגן ווען דיכטער האָבן געוואָלט איינעמען די וועלט מיט זייטיקע נישט דיכטערישע מיטלען.

ווען איינער פון די איצט זייער בארימטע אידישע דיכטער האָט זיך נאָר וואס באוויזן צווישן אונז, האָט אים קיינער ניט אזוי שטארק מקרב געווען ווי זישאַ לאנדוי. לאנדוי איז אבער אויך געווען דער ערשטער פון די „יונגע" זיך צו דערווייטערן פון אים, ווייל אים האָט זיך געדאכט, אז ער דערזעט ביי דעם זייער טאלענטירטן נייעם דיכטער א טענדענץ באוואוסטזיניק צו פארטושן, פארטונקלען און מיסטיפיצירן זיינע לידער, כדי דורכדעם מער אויסצונעמען ביי אונזער אומקולטורעלן ניט קינסטלערישן עולם, פאר וועמען טיף איז בלויז דאָס, וואס איז מטושטש, ניט קלאָר און ממילא אויך אומפארשטענדלאך. „נאָך איידער ער האָט רעכט אוועקגעשטעלט די פיס אויף דער ערד, הויבט ער שוין אָן גרייטן פאר זיך א נאציאָנאלע לויה", האָט לאנדוי אמאָל א זאָג געטאָן.

ווען מען האָט געהאלטן ביים צוזאמענשטעלן איינס פון די ערשטע זאמלביכער „שריפטן" איז איינער פון די הויפּטמאכערס אמאָל געקומען צו לויפן א צעשטראָלטער פון פרייד. וואָס איז אזוינס געווען די גדולה מיט אים? דר. זשיטלאָווסקי האָט אים צוגעזאָגט צו געבן אן ארבעט פאר דעם נעקסטן זאמלבוך.

„אזוי! א גליק האָט אייך געטראָפן!" האָט לאנדוי אויסגערופן. „וועט איר ביי זיינע פּאָלעס זיך גיכער קאָנען ארײַנשארן

אין דער אייביקייט.״ און קיינמאָל האָב איך אין לאַנדויס פּנים נישט געזען אזא אויסדרוק פון עקל ווי דעמאָלט צו יענעם חבר.

ביי דער ענגער גרופּע „יונגע״ האָט זיך אויסגעאַרבעט א ניט געשריבענער קאָדעקס, ווי אזוי א דיכטער דאַרף זיך אויפפירן. באַזונדערס שטאַרק האָט מען מקפּיד געווען אויף דעם, וואָס א דיכטער טאָר נישט טאָן. פאַר טויט-זינד זענען פאַררעכנט געוואָרן: דאָס רייבן זיך אַרום גדולים כדי דורכדעם אליין אָנהויבן גילטן פאַר א גדול; דאָס חנפהענען זיך צו קריטיקער און רעדאַקטאָרן; אָפן-אַרויסגעוויזענע זשעדנעקייט נאָך כבוד און אַלע ביליקע און ביטערע וועגן פון רעקלאַמע. דער כלל איז געווען: וואָס מען שעמט זיך צו טאָן אָפן טאָר מען אויך ניט טאָן באַהאַלטענערהייט.

דער כלל פון א געוויסן ציניקער, אז געזעצן ווערן געמאַכט כדי מען זאָל זיי ברעכן, גילט נאַטירלעך אויך פאַר די ניט געשריבענע געזעצן פון אזא ענגער, געשלאָסענער גרופּע ווי אונזערע. מיט דער צייט וואַקסט מען אויס פון זיי פּונקט ווי מען וואַקסט אויס פון אַנדערע קינדערייען. אבער אפילו אין די יונגע יאָרן פלעגן מיר אליין אָפּט לאַכן פון די געבאָטן און פאַרבאָטן, וואָס מיר האָבן פרייוויליק אַרויפגעלייגט אויף זיך. עס איז ניט מער ווי מענטשלעך, אז א שרייבער זאָל וועלן פּאָפּולאַריטעט און קומט זי ניט אליין איז — אפשר ניט שיין אָבער אויך — נישט מער ווי מענטשלאַך צו וועלן זי אַביסל אונטעראיילן. גאָר א סך דערפאָלג-רייכע שרייבער האָבן זייער דערפאָלג צו פאַרדאַנקען ניט אזוי זייער טאַלאַנט ווי דעם טאַלאַנט צו לאָזן וויסן דער וועלט, אז מען פאַרמאָגט טאַלאַנט. אין אַנדערע ווערטער: דעם גרעסטן טייל פון זייער דערפאָלג האָבן גאָר א סך שרייבער צו פאַרדאַנקען זייערע עלנבויגנס.

איך האָב אמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט לאַנדויען אויף דעם פאַקט און ער האָט מיר צוגעגעבן, אז אזוי איז עס טאַקע, אָבער וואָס זשע באַווייזט עס? ווערט דער פאַקט גופא דורכדעם שיי-נער? איבעריגנס קאָנען מיר אין דער הינזיכט ניט נעמען קיין ביישפּיל פון אַנדערע ליטעראַטורן. דאָרטן לוינט זיך עס כאָטש. אין אַנדערע ליטעראַטורן, אז מען דערשלאָגט זיך און מען ווערט א דערפאָלגרייכער שרייבער, מיינט עס געלט, כבוד, און אמאָל

אפילו מאכט, פּאָליטישע צי געזעלשאַפטלאכע. אָבער ביי אונז וואָס? ביי אונז, אז גאָט העלפט און מען דערשלאָגט זיך צו באַ-רימטקייט קאָן מען זיך אמאָל דערדינגען צו א שטענדיקן ווינקל אין א צייטונג מיט א געהאלט פון צען ביז, לאָמיר זאָגן, זעכציק-זיבע-ציק דאָלאר א וואָך. אָבער צו דער גדולה קאָן דאָך קומען א ליאדע צייטונג-שרייבער, וואָס פּרעטענדירט גאָר נישט א חוץ א פלינקע פען, וואָס קאָן אָנשרייבן לאנגע קאָלומס אויף יעדער טעמא און ביי יעדער געלעגנהייט.

ביים באפאלן א קעגנער איז לאנדוי געווען אומבארמהארציק פאַרניכטענדיק. אבער נישט יעדער האָט זוכה געווען צו ווערן זיין קעגנער. אויך אין דער הינזיכט איז ער געווען דאָס קינד פון רבישע הויפן. נישט מיט יעדן איז אים אָנגעשטאַנען צו פאַר-פירן א מחלוקה. ער האָט זיינע קעגנער געקליבן און דאָס זייער זאָרגפעלטיק.

איידער מיר זענען צוגעטראָטן ארויסצוגעבן דעם חודש-זשורנאל „אינזל", האָבן מיר אויסגעארבעט עטלאכע אלגעמיינע כּללים לויט וועלכע דער זשורנאל זאָל זיך פירן. לאנדוי האָט ניט געוואָלט האָבן קיין פּאָלעמיק אין „אינזל". זיין טעם איז געווען, אז מיט געלעכטער קאָן מען גיכער איבערצייגן ווי מיט לאָגיק. א חוץ דעם, האָט ער געהאלטן, זענען אונזערע מערסטע גדולים און וואָרטפירער פשוט קאָמיש ווען זיי הויבן אָן ארגומענטירן וועגן ליטעראַטור, און דעריבער דאַרף מען זיי טויט-לאַכן, ניט פּאָלעמיזירן מיט זיי אָדער וועגן זיי. מיר, די אנדערע, האָבן זיך נעפּרואווט שטעלן קעגן אים. אָבער געזיגט האָט לאנדוי. אין די אלע זעכצן נומערן „אינזל" זענען געווען אָנגריפן אָבער ניט קיין פּאָלעמיק. לאנדוי אליין האָט אלע נומערן פון זשורנאל באלעבט מיט ארטיקלען און נאָטיצן, אין וועלכע ער האָט איראָניזירט, גע-שניטן ווי מיט מעסערס אָבער ניט פּאָלעמיזירט.

פון דעם געזאָגטן קאָן זיך שאפן דער איינדרוק, אז לאנדוי איז געווען א בעל גאוהניק. אבער קיין זאך וואָלט ניט געווען מער ווייט פון אמת ווי דאָס. ער איז אדרבא געווען דער דעמאָקראַ-טישסטער מענטש, וואָס איך האָב געקענט. קיין מענטש איז נישט געווען צו נידעריק אָדער צו פּראָסט פאר אים. ער האָט געקאָנט

זיך חבר׳ן און האָט זיך גע׳חבר׳ט מיט מענטשן פון יעדן סאָרט און קיינמאָל האָט ער ניט געטראָגן דעם פּאָעט אויף דער נאָז, אַזוי צו זאָגן. ביטול, פאראכטונג און אפילו עקל האָט ער ארויסגעוויזן נאָר צו יענע ליטעראטן, וואס האָבן שטענדיק און אומעטום געלאָזט פילן: — מאכט א ווארע, א שרייבער גייט!

אז איך האלט שוין ביים „אינזל״ וויל איך דערמאָנען אן עפּיזאָד, וואס באווייזט ווי ריין לאנדוי האָט געקאָנט זיין אין ליטעראַרישע ענינים.

באלד פון אָנהויב איז פארשטאנען געוואָרן, אז דער רעדאקטאָר פון „אינזל״ בין איך און קיין אנדערער דארף זיך אין רעדאקציע ענינים ניט מישן. פארשטייט זיך, אז איך האָב די רעדאקציע געדארפט פירן אין דער ליניע וואָס איז אויסגעארבעט געוואָרן פון דער גאנצער „אינזל״ גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון מאני לייב׳ן, לאנדוי׳ן, קאזאנסקי׳ן און מיר. איינמאָל פרעגט מיך לאנדוי צי א געוויסער דיכטער האָט מיר ניט געבראכט קיין לידער פארן „אינזל״. פאר באקוועמלאכקייט וועגן וועלן מיר יענעם דיכטער באצייכענען מיט דעם בוכשטאב „ל״. דערביי האָט מיר לאנדוי דערציילט, אז „ל״ איז געקומען צו אים מיט א סעריע לידער, אבער ער האָט זיי ניט געוואָלט איבערלייענען אפילו, ווייל דער רעדאקטאָר בין איך און נאָר איך קאָן באשטימען וואס יאָ און וואס ניט אָנצונעמען פארן זשורנאל. נאָך אין זעלביקן טאָג איז „ל״ געקומען צו מיר. זיינע לידער זיינען מיר געפעלן געוואָרן און איך האָב זיי גלייך אָנגענומען. ווען איך האָב עס אויף מאָרגן דערציילט לאנדוי׳ן האָט זיך אויף זיין פּנים באוויזן אי א צופרידן און אי א שולדיק שמייכעלע, און ער האָט זיך מודה געווען, אז ווען ער האָט מיט מיר א טאָג פריער גערעדט וועגן דעם דיכטער „ל״, האָט ער זיין סעריע לידער שוין געהאט געלייענט און אים זענען זיי אויך געפעלן געוואָרן. מיר האָט ער עס אָבער ניט געוואָלט זאָגן אוים מורא, אז ער וועט מיך באאיינפלוסן און דאָס וואָלט ער זיך קיינמאָל נישט מוחל געווען. און אָט פארוואָס:

אורשפּרינגלאך איז „ל״ געקומען צו אים מיט א דערקלערונג, אַז ער קאָן לייכט קריגן פאר „אינזל״ אן אנאָנס אין ווערט פון

פופציק דאָלאַר, און אויב לאַנדוי וועט אים נאָר זאָגן איין וואָרט וועט ער עס טאָן. געוויינלאך האָבן מיר געהאט גענוג געלט אָנצו-גיין מיטן זשורנאַל. גראד דעמאָלט אבער זיינען מיר געווען אין אַ קלעם און דער דרוקער האָט געסטראשעט מער נישט צו דרוקן אויב מיר וועלן אים נישט פריער באַצאָלן כאָטש אַ טייל פון דעם חוב, וואָס האָט שוין געהאט באטראָפן עטלאכע הונדערט דאָלאַר. אין אַזאַ צייט איז אַ פופציקער געווען ווי פון הימל אראָפּ. ערשט נאָכדעם ווי לאַנדוי האָט אים געבעטן, ער זאָל זיך טאקע מטריח זיין און זען צו קריגן דעם אנאָנס, האָט אים „ל" געוויזן די סעריע לידער. לאַנדוי האָט פון דעם דיכטער „ל" קיינמאָל נישט געהאַלטן און ווען ער האָט דערזען, אַז דאָס מאָל האָט אים „ל" געבראַכט אַ גוטע סעריע לידער, האָט עס אים אויסגעזען פּשוט ווי אַ נס. אַזוי ווי אין נסים האָט לאַנדוי דאָך נישט געגלויבט, האָט ער דאַריבער געמיינט נישט אַנדערש, נאָר די אויסזיכט אויף דעם פופציקער האָט אים אונטערגעקויפט און בלינד געמאַכט. דאָס האָט ער זיך בשום אופן נישט געקאָנט מוחל זיין. איצט אָבער, אַז איך, וואָס האָב פון דעם אנאָנס נישט אָנגעהויבן צו וויסן, האָב אים געזאָגט, אַז די לידער געפעלן מיר אויך, האָט ער ערשט פרייער אָפּגעאָטעמט.

## זישאַ לאַנדוי לייענט אַ ליד

אַ וויג דעם קאָפּ דעם בלאָנדן<br>
אַ וויג דעם קאָפּ צוריק,<br>
און הינטער שווערע וויעס<br>
פאַרנעפּלט זיך דער בליק.

די ליפּן זינליך מורמלען<br>
און צוקן לייכט אַזוי,<br>
ווי ס'רעדט פאַרליבט אַ אינגל<br>
מיט ציטער צו אַ פרוי.

צוויי פינגער זיך פאַרשליסן —
אַ קיילעכדיקער רינג.
אַ דריי דעם רינג אין לופטן,
אַ שעפּטשע און אַ זינג.

די בלויע אויגן שמייכלען
און לייכטן שקאַציש אויף:
אַ וואָרט אַ שאַרפס פאַרלירט זיך
און חכמה הענגט דאַרויף.

אַט בייסט אַ שורה ציינער
זיך אין אַ ליפּ אַריין;
די צונג פאַרזוכט די ווערטער
און פּרואווט זיי אויס ווי וויין.

אַ וויג דעם קאָפּ דעם בלאָנדן,
אַ וויג דעם קאָפּ צוריק.
דאָס וואָרט, דאָס אויסגעזוכטע,
איז דאָ און לייכט אין בליק.

אַ וויג דעם קאָפּ דעם בלאָנדן,
אַ וויג דעם קאָפּ צוריק:
„אַ, וויג מיך, וויג מיך, וויג מיך,
אַ, מיין ניט־דאַאיק גליק!"

## אַפּגעריסענע עפּיזאָדן

עטליכע אָפּגעריסענע עפּיזאָדן, וואָס זיינען כדאי פאַרצייכנט צו ווערן. אפשר וועלן זיי עפּעס צוגעבן דער געשטאַלט לאַנדוי.

אין זיינע בחורשע יאָרן האָט לאַנדוי איין צייט געוואוינט ביי דר. יחיאל קלינג. אויף בעטגייט עווועניו איז דאָס געווען, אין אַ הויז, מיט אַ פּוסט גערטנדל פון פאָרנט און אַ גרעסערן גאָרטן מיט

א צוויי-דריי דארע ביימלאך און פארווילדעטע גראָזן פון הינטן. לאנדוי האָט באוואוינט דאָס דאך-שטיבל, וואו די ווענט זיינען געלאָפן משופּעדיק און האָבן זיך פארשפּיצט איבער די פענסטער פון דער פאָדערשטער וואנט. דאָס האָט געגעבן דעם דאך-שטיבל דעם אויסזען פון א קאפּליצקע. ווי געוואוינשן פאר דעם לאנדוי פון יענער צייט, וואס איז געווען קריסטלאך אָנגעהויבט, און נאָכמער פאר משה ווארשע, זיין אינטימסטער חבר פון יענער צייט, וואָס האָט געטיילט מיט אים דאָס דאך-שטיבל. זיין איינפלוס און דעם איינפלוס פון קאָליא טעפּער האָט דאָס לאנדוי געהאט צו פארדאנקען זיין דעמאָלסטיקע קריסטלאכקייט. דאָס קאפּיטל טעפּערווארשע און וואס עס האָט געמיינט אין לאנדוי׳ס לעבן און דעם איינפלוס — צום גוטן און צום שלעכטן — וואָס די צוויי מענטשן האָבן געהאט אויף זיין גאנצער אנטוויקלונג, פאָדערט א באזונדערע אויספירלאכע באהאנדלונג. לאנדוי איז דעמאָלט ביי באשעפטיקונג געווען א שטוב-מאלער, און ווי ביי אלץ צו וואס ער האָט זיך גענומען, האָט ער אויך ביי דער באשעפטיקונג זיך ארויסגעוויזן פאר א גוטן און פּייאיקן ארבעטער. אָבער ביי זיין גאנצער פּייאיקייט האָט ער צו יענער צייט זייער זעלטן געהאט ארבעט. ווארשע האָט גאָר קיין באשעפטיקונג נישט געהאט און ביידן איז אויסגעקומען גאנץ אָפט צו הונגערן. אויפן געמיט לאנדוי׳ס האָט זיך דאָס אָבער בשום אופן נישט אָפּגערופן. ווי אלעמאָל איז ער אויך דעמאָלט געווען שטענדיק פריילאך לעבעדיק. פאר דער וועלט ווייניקסטנס.

איינמאָל אין א זומערדיקן שבת-צו-נאכט בין איך מיט לאנדוי׳ן אוועק שפּאצירן אין קלעירמאָנט פּארק. מיר האָבן אויך גערופן ווארשע׳ן, אבער ער האָט נישט געוואָלט גיין. אויפן גאס איז צו אונז צוגעשטאנען א באקאנט מיידל. א יונג, נאאיוו, שלאנק קינד, מיט א רויט, זאפטיק מויל און הירשענע אויגן. אין פּארק אויפן בערגל, האָבן מיר אויסגעזוכט א באקאנטן פּיען פון א בוים, וואָס פלעגט זיין דער טרעף-פּונקט פון די מערסטע יונגע שרייבער, וואָס האָבן דעמאָלט געוואוינט אין די בראָנקס. מיר האָבן זיך אלע דריי אויסגעצויגן אין גראָז מיט די בייכער אראָפּ. לאנדוי האָט אָנגענומען דאָס מיידל ביי ביידע הענט, געמאכט איר עטלאכע

ליכטע קאָמפּלימענטן און אויגן זיינען פּאַרזונקען געוואָרן אין אויגן. דאָס פּלירטעווען איז איבערגעגאַנגען אין א רייצן זיך. דאָס רייצן האָט דעם מיידל אבער נאָכמער געלאָקט, און מיט אַן אויס־געשטרעקט, לאַנג העלזל האָט זי געשלונגען יעדעס וואָרט וואָס איז אַרויס פון זיין מויל.

מיט אמאָל איז פון ערגעץ פּלוצים אויסגעוואַקסן אברהם משה דילאָן, און ווי שטענדיק מיט עפּעס א פּאַטשט. צי דאָס איז געווען א גרוס פון דער „מיסטעריעזער דאַמע" וואָס וואוינט אויף ריווערסייד דרייוו און איז פאַרליבט אין יעדן איינעם פון די „יונגע" האָטש זי האָט קיינעם פון אונז קיינמאָל נישט געזען, אָדער וועגן עפּעס אנדערש, דאָס געדענק איך שוין נישט. איך געדענק נאָר, אַז אברהם משה'ס פּאַטשט האָט מיט אמאָל איבערגעריסן די אי־דיליע, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן וועבן פאַר מיינע אויגן און דער ריס איז געבליבן אָפן. עס האָט זיך פאַרבונדן א לאַנגער און טיפער שמועס וועגן עפּעס א ליטעראַרישן ענין און דאָס מיידל איז ווי אָפּגעמעקט געוואָרן. אונזער ליטעראַרישער שמועס האָט זי אָפּנים זייער שטאַרק געלאַנגווייליט, ווייל מיט אמאָל האָט זי זיך געטאָן א שטעל אויף און א זאָג געטאָן: — קומט! אָבער טאַקע שוין! — אַזוי באַפעלעריש האָט געקלונגען איר קול און אַזוי אומדערוואַרט איז עס געווען, אַז מיר האָבן אַלע דריי געפאָלגט און זיך אויפגעהויבן פון גראָז. לאַנדוי איז מיט א ליבלאַכן שמייכל צו־געגאַנגען צום מיידל, זי געוואָלט אָנגעמען מיט צוויי פינגער ביי דער מאָרדעטשקע, אָבער זי האָט זיך בייז א קער געטאָן פון אים, א נעם געטאָן מיך מיט דילאָנען אונטער די אָרעמס און פייל פון בויגן זיך א לאָז געטאָן מיט אונז אראָפּ באַרג און זיך נישט אָפּגע־שטעלט ביז מיר זיינען שוין געווען אויף יענער זייט פון וועבסטער עוועניו, אינמיטן פון קלערמאָנט פּאַרקוועי, וואָס האָט דעמאָלט נאָך געהייסן ווענדאָווער עוועניו. לאַנדוי, וואָס האָט שטענדיק געהאַט שלעכטע פיס, איז פאַרבליבן פון הינטן. ערשט א צען מינוט שפּעטער האָט ער אונז אָנגעיאָגט, אָדער בעסער געזאָגט: מיך אָנ־געיאָגט, ווייל דאָס מיידל און דילאָן זענען מער ניט געווען.

„א שיין, וואויל, כשר ציגעלע!" האָט לאַנדוי געזאָגט א לאַכנ־דיקער, ווען ער איז צוגעקומען צו מיר. „וואו איז זי אהינגע־

קומען?" און אז איך האָב אים געזאָגט, אז זי איז אוועק אהיים מיט דילאַנ'ען, האָט זיך לאַנדוי אויפס-ניי צעלאַכט. נאָר מערק-ווירדיק! זיינע אויגן, וואס געווײנלאַך זיינען זיי שטענדיק געווען לאַכעדיק, זיינען דוקא דאָס מאָל געווען טריב און טרויעריק. א ווײלע האָבן מיר זיך ארומגעדרייט, געפּרואווט פאַרבינדן פאַרשי-דענע שמועסן, עס האָט זיך אָבער נישט געקלעפּט. ווי זיין שטייגער ווען ער איז געווען אינערלאַך שטאַרק פאַרנומען מיט עפּעס, אָדער צעטראָגן, האָט ער געהאַלטן אין איין וויגן דעם קאָפּ. מיט אמאָל גיט ער א זאָג: „איך בין שרעקלאַך פאַרוואונדעט." „פאַר-וואונדעט? פון וואס?" מאַך איך זיך תמ'עוואטע. לאַנדוי'ן האָט דאָס אויפגעקאָכט: „איר האָט טאַקע גאָר נישט באַ-מערקט אז איך בין נישט גלייכגילטיק צו דעם כשר'ן קעל-בעלע?" איך האָב געשמייכלט. לאַנדוי האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: איר זענט א פאַרפאַלענער און וועט שוין קיינמאָל גאָר נישט פאַרשטיין, א מורמל געטאָן „א גוטע נאַכט!" און איז אוועק אהיים.

דאָס איז געווען איינער פון די זעלטענע מאָמענטן ווען לאַנדוי האָט פאַר א חבר געלאָזט פאַלן א וואָרט וועגן אַן אינטימען געפיל. זיין אינטים לעבן האָט ער געהאַלטן פאַרשלאָסן אפילו פון זיינע גאָנטססטע חברים. ער פלעגט אָפט שטאָלצירן דערמיט, וואס ער איז אין כאַראַקטער נישט קיין סלאַוו, מיט א „צעבראַטשעטער אָפענער נשמה", וואס „גיסט אוים זיינע געפילעכצן" פאַר אלעמען. דער טיפּישער „סלאַוו" איז אין זיינע אויגן געווען מאַני לייב. אין צייטן פון רוגזי'לאַך, פאַרשטייט זיך, אבער אזוינע רוגזי'לאַך זיינען נישט געווען קיין זעלטנקייט, באַזונדערס אין די אינגערע יאָרן.

### א צווייטער עפּיזאָד פון יענער צייט.

ווי שוין באַמערקט, האָבן לאַנדוי און וואַרשע דעמאָלט אָפּט געהונגערט. אז מען האָט געוואוינט ביי די קלינגס, האָט מען אפילו נישט גענדאַרפט הונגערן. די וואוילע בערטא קלינג האָט זייער קלוג און טאַקטיש אויפגעפּאַסט, אז ווען זי האָט גערופן

צו טיי זאָל אויפן טיש נישט פעלן אַ קיכל, אַ טאָרטל, אַ טייגל, און גאַנץ אָפּט פּראָסט ברויט מיט פּוטער און אַ הערינג צי עטלאַכע וואורשטלאַך. „און אפשר וועט איר גאָר פאַרזוכן אַ פיין שטיקל פיש צי גאָר אַ שטיקל עוף, וואס איז פאַרבליבן פון מיטאָג?" אוועקגיין הונגעריק פון טיש האָט מען נישט געקאָנט. מען האָט אָבער יאָ געקאָנט צום טיש איינגאַנצן נישט גיין. און לאַנדוי מיט וואַרשען האָבן מיט אַמאָל אויפגעהערט אַראָפּצוקומען פון בוידעם-שטיבל, ווען מען האָט זיי גערופן צו טיי, טאָקע דערפאַר ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי קוקן אַרויס מען זאָל רופן.

איינמאָל נאָך אַ לאַנגען, זומערדיקן תענית איז לאַנדוי׳ן שפּעט ביינאַכט געלונגען צו קריגען ביי עמיצן אַ ניקל. אין אַ בעקעריי אויף וואַשינגטאָן עוועניו, האָט ער איינגעהאַנדלט זעקס גרויסע פרישע און וואַרעמע זעמל און מיט פרייד זיך געלאָזט לויפען אַהיים טיילן זיי מיט זיין חבר, וואס איז זיכער פּונקט אַזוי הונ-געריק ווי ער. אבער וואַרשע איז שוין געשלאָפן, ווען לאַנדוי איז אַהיים געקומען. טראַכט לאַנדוי ביי זיך: מילא וועט ער אויפעסן זיין חלק און די איבעריקע זעמל לאָזן ביז וואַרשע וועט זיך אויפ-כאַפּן. אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיינע דריי זעמל איז ער אָבער נאָך אַלץ געווען הונגעריק, און וואַרשע איז נאָך אַלץ געשלאָפן. קאָן זיך לאַנדוי נישט איינהאַלטן און עסט אויף אַ פערטן זעמל. באַלד האָט ער שוין געהאַט פאַרשלונגען אויך דעם פינפטען און ער האָט זיך שוין געוואָלט אַ נעם טאָן צום זעקסטן אויך. אין דער לעצ-טער סעקונדע אָבער האָט ער גובר געווען דעם יצר הרע און דעם לעצטן זעמל אָפּגעראַטעוועט. כדי אויסצומיידן אַ נסיון, האָט ער דעם לעצטן זעמל אַריינגעלייגט אין פּאַפּירענעם זעקל, אַרויס-געטראָגן אין קאָרידאָר און דאָרטן פאַרשטעקט אונטער אַ קראָקווע פון דאַך.ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אויף מאָרגן אינ-דערפרי, איז וואַרשע שוין געזעסן ביים טיש איבערגעבויגן איבער אַ בוך. מיט איין שפּרונג איז לאַנדוי אַראָפּ פון געלעגער, אַרויס אין קאָרידאָר און מיט נצחון אונטערגעטראָגן וואַרשע׳ן דעם באַ-האַלטענעם זעמל. און אַז וואַרשע האָט געהאַלטן אין קייען, האָט אים לאַנדוי דערציילט די גאַנצע מעשה. וואַרשע האָט אים שטיל אויסגעהערט. מיט אַמאָל האָבן זיינע בלייכע באַקן זיך פאַררויטלט

און ער האָט א זאָג געטאָן: „איך שעם זיך אייך צו זאָגן, אז איך אויף אייער אָרט וואָלט זיך נישט איינגעהאלטן. איך וואָלט אויס-געגעסן אלע זעקס זעמל".

דאָס האָט מיר לאנדוי דערציילט נאָכדעם ווי משה ווארשע האָט אין עטלאכע חדשים ארום זיך דאָס לעבן גענומען.

משה ווארשע, דער חלוש, דער אינטעליגענט, דער יושב אהל, וואָס האָט זיך געפילט אין דער היים נאָר ביים בוך, און וואָס האָט יונגערהייט געקראָגן דעם חשובן אויסזען פון א זקן, א מאָנאך, — דער מענש איז אין די לעצטע וואָכן פון זיין לעבן געוואָרן א נאכט-וועכטער אין אן אפארטמענט הויז, וואָס מען האָט גע-האלטן אין בויען. איין נאכט איז ער ארויף אויף אן אויבערשטן שטאָק פון דער נישט פארענדיקטער געביידע און זיך אראָפּגע-וואָרפן. ווען מען האָט אים געפונען ליגן אויפן טראָטואר איז ער שוין געווען טויט.

סוף זומער 1915.

מיר גרייטן זיך באנייען דעם זשורנאל „ליטעראטור און לעבן". אלע פּלענער זיינען שוין אויסגעארבעט. מיר האָבן שוין אפילו א העלפט פון מאטעריאל פארן ערשטן נומער. מיר ווארטן בלויז נאָך אויף לאנדוי׳ן, וואָס א ליאדע טאָג דארף ער זיך אומקערן פון „קאָנטרי", וואו ער האָט דעם זומער פארבראכט מיט זיין פרוי ערגעץ אין ניו דזשוירזי.

איין טאָג דערוויסען מיר זיך: לאנדוי איז שוין דאָ. ביז ער וועט קריגן א דירה האלט ער זיך דערווייל אויף ביי סאָטשע דילאָן. מאני לייב און איך זיינען דעמאָלט געווען שכנים אין בארא פּארק. אויף מאָרגן נאָכמיטאָג, — א שבת איז דאָס געווען — קומט מאני לייב צו מיר און מיר פאָרן אראָפּ דאַון-טאַון. אין ל. שאפּירא׳ס רעס-טאָראן אויף איסט בראָדוויי טרעפן מיר לאנדוי׳ן. מען צעקושט זיך, מען פרעגט זיך פאנאנדער, מען לייענט לידער איינער פארן אנדערן און אינמיטן כאפּט מען זיך, אז מען דארף זיין ביי א גע-וויסן דר. ווייקסל, וואָס האָט פאר אונזער זשורנאל גרייט אן אר-

בעט (וואָס מען וועט דאַרפֿן איבערזעצן פֿון ענגליש) וועגן די נייעסטע טענדענצן אין דער מאַלעריי. לאַנדוי ווערט מיט אַמאָל אַ „ווייטער“. ער זיצט מיט אונז ווי ביז אַהער, אָבער איז נישטאָ. מאַני לייב׳ן צינדט עס אָן. אַ ווײַלע האַלט ער עס אין זיך. באַלד אָבער ציִען זיך בײַ אים אָן די אַדערן אויפֿן האַלז, די ליפּן פֿאַר־האַקן זיך און ער גיט אַ צי מיט דער נאָז:

— וואָס איז, לאַנדוי?

— ס׳איז גאָר נישט. — ענטפֿערט לאַנדוי רואיק און ער ווערט נאָך ווייטער.

— ס׳איז יאָ! — שיסט אַרויס מאַני לייב — און שפּילט זיך מיט מיר נישט אין קיין באַהעלטעניש. אויב אײַך געפֿעלט נישט עפּעס, זאָגט.

— פּיקטשעלעך! — קוועטשט לאַנדוי ענדלאַך אַרויס מיט יענעם פֿאַראַכטנדיקן קוועטש, ווי נאָר ער האָט עס געקאָנט.

אים איז נישט געפֿעלן, וואָס מיר האָבן באַשטעלט דעם אַרטיקל בײַ דר. ווייקסל. מאַלעריי איז זייער אַ וואוילע זאַך, זייער אַ הויכער ענין. אָבער אַן ענין וואָס איז אין תּוך נישט אונזערער. מיר גייען צו אויסשטעלונגען? יאָ. מיר קאָנען אַמאָל אָפּשטיין אַ שטיק צײַט פֿאַר אַ בילד? גוט. אַ קעלט קאָן אונז אַמאָל דורכלויפֿן איבערן חוט השדרה צוליב אַ געמעל? אודאי. אָבער וואָס ו ו י י ס ן מיר וועגן מאַלעריי? זיכער נישט מער ווי אונזערע לייענער — און אַפֿילו די בעסטע — וועגן דיכטונג. אונזערער אַ זשורנאַל דאַרף זיך אָפּגעבן בלויז מיט דעם אין וועלכן מיר זײַנען איינגעווייט — בלויז מיט דער וואָרט־קונסט. אַלץ אַנדערע איז שעטנז, ווײַל נישט מער ווי פּרעטענזיע.

אָבער פֿונדעסטוועגן זײַנען מיר אַלע אין דרייען אוועקגעפֿאָרן אין די בראָנקס צו דר. ווייקסעל, אָנגעטראָפֿן זייער אַ וואוילן און זייער אַן אינטערעסאַנטן מענטשן. געטראָפֿן דאָרטן אויך אַ יונגען אַרכיטעקט, פֿון וועמען דר. ווייקסעל האָט שטאַרק געהאַלטן און וועלכער האָט געחלומט וועגן אייגנאַרטיקע אידישע בנינים אין ניו־יאָרק, וואָס זאָלן זײַן אַ סינטעז פֿון פֿאַרצײַטיקע אידישע שולן און מאָדערנע ניו יאָרקער געביידן. עטלאַכע שעה האָבן מיר פֿאַר־בראַכט מיט די צוויי זייער אינטערעסאַנטע מענטשן, וואָס מיר

האָבן, אגב, צו אונזער שאָדן מער קיינמאָל נישט געזען. פון דאָרטן זיינען מיר אוועק צו די קלינגס, וואו עס איז יענע נאכט געווען עפּעס א שמחה׳לע, און וואו אלע צימערן זיינען שוין געווען אי־בערגעפּאקט מיט געסט.

ארום צוויי אזייגער ביינאכט זיינען מיר אוועק פון דאָרטן. אָבער נישט אליין. געווען דאָרטן צוויי שוועסטערלאך, וואס איינע פון זיי — און דוקא נישט די שענערע — איז דעמאָלט געווען אונ־זער אלעמענס ליבלינג, און מען האָט זיי געדארפט אָפּפירן אהיים. געווען נאָך אנדערע מענטשן, וואס האָבן געוואוינט אין יענער גע־גענט נאָך נידעריקער אראָפּ צו, דארף מען זיי שוין אויך באלייטן אהיים. איין מיידל וואוינט אין הארלעם. ווי אזוי לאָזט מען זי גיין איינע אליין אהיים אזוי שפּעט ביינאכט? האָבן מיר אריבערגע־שפּאנט איינע פון די בריקן איבער דעם הארלעם ריווער און אויך זי צוגעפירט ביז דער טיר פון איר וואוינונג. איצט איז בלויז איין אברהם משה דילאָן פארבליבן מיט אונז, און עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן און עס איז שוין נישט געווען ווייט פון סענטראל פּארק איבער וועלכן עס איז געהאנגען א ווייסער טויאיקער שלייער, האָבן מיר זיך געלאָזט גיין צום פּארק.

אָבער אין פּארק זיינען מיר נישט אריין. לאנדוי האָט דערזען א באנק אינדרויסן פארן שטיינערנעם פּארקאַן און — ער גייט נישט ווייטער! אפילו איין טראָט מאכט ער נישט מער! קוים זיך אני־דערגעזעצט, האָט אברהם משה פארוואָרפן דעם קאָפּ אויף אהינטער און איז איינגעשלאָפן. מיר האבן אים געלאָזט שלאָפן א שעה שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך אויפגעהויבן און זיינען אוועק זוכן עפּעס עסן. זיין ברייט, בייניק פּנים האָט אין שלאָף געהאט אין זיך עפּעס אזוי פיל רירנד־קינדישס, אז מיר האָבן געזשאלעוועט אים אויפצואוועקן.

זאטע, אָפּגערוטע און דערפרישטע פון דער שארפער מאָרגן־לופט, האבן מיר אויפס־ניי זיך געלאָזט גיין. און געווען איז עס א גאנג, וואס מען פארגעסט נישט דאָס גאנצע לעבן. די חושים וואָך ווי זעלטן, האָט יעדע באוועגניש און יעדע זאַך אויף וועלכע די אויגן זיינען געפאלן קינסטלעריש אָנגערעגט. די מוחות האָבן זיך צעשפּילט, יעדעס וואָרט האָט עפּעס סוגזעסטירט און עס איז אוועק

א שמועס אין וועלכן עס האבן זיך געפלאָכטן אידייען, זאַנעכצן, שורות און סטראָפן פון לידער מיט זכרונות, חלומות און קינסט-לערישע פּלענער. און אזוי פארטאָן איז מען געווען אין דעם שמועס, אז מיר האָבן גאָר נישט באמערקט, אז מיר גייען נישט אין איין ריכטונג נאָר אין זיגזאגן און אמאָל האָבן מיר זיך אפילו גע-דרייט ארום איין בלאָק. ענדלאך זיינען מיר צוגעקומען צו אַן „על״ סטאַנציע אויף דער דריטער עוועניו. דאָ האָבן מיר זיך אָפּ-געשטעלט. לאנדוי האָט געזאָלט ארויף די טרעפּ אויף איין זייט און פאָרן ארויף שטאָט. מיר וועלן דערנאָך אריבער דעם וועג אויף דער אנדערער זייט און פאָרן דאון-טאון און פון דאָרטן אהיים אין בּאָראָ פּארק. אבער דאָ האָט איינער פון אונז זיך געבעטן: „לאָמיר גיין ביז נאָך א סטאַנציע״. און דאָס זעלביקע האָט זיך איבערגע-חזר׳ט כמעט ביי יעדער סטאנציע, אזוי שווער איז דעמאָלט געווען צו שיידן זיך. עס איז שוין געווען ארום עלף אזייגער פאָרמיטאָג, אז מיר זיינען צוגעקומען צו דער פערצנטער גאַס. דאָ האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט און געטראכט, אז עס וואלט גאָר געווען א פּלאַן זיך ארייננצוכאפּן צו ראבאַי׳ן, וואס האָט געוואוינט נישט ווייט און נעמען ביי אים די דערציילונג, וואס ער האָט געהאט צונעזאָגט פאר אונזער זשורנאל. מיר שטעלן שוין די ערשטע טריט. ערשט לאנ-דוי גיט זיך א כאפּ ווי פון עפּעס א שארפן ביס. זיין פּנים ווערט בלייך און ער שרייט כמעט אויס:

— אוי! רייזל גייט מסתמא צו קינד, אין א פרעמדער שטוב, און איך שלעפּ זיך ארום מיט אייך שוין באלד א מעת-לעת.

מער אויסריידן א וואָרט צו אים האָט מען נישט געקאָנט. ער איז שוין נישט געווען.

אגב, נאָך א קלייניקייט וועגן יענע טעג.

ביי מאני לייב׳ן אין א קליין חדרל זיינען מיר, ער און איך, די רעדאקטאָרן פון דעם באנייטן „ליטעראטור און לעבן״, געזעסן איין אָוונט און געשריבן א פּראָגראם ארטיקל פארן ערשטן נומער. עס רעדט זיך נאָר אזוי „געשריבן״. נישט קיין שרייבן איז דאָס געווען נאָר איין לאנגער געפּעכט, וואס האָט אָנגעהאלטן עטלאכע שעה, פאר יעדן פאראגראף, יעדן זאץ און מער פאר אלץ פאר איינציקע ווער-

טער. דאָ איז אים עפּעס נישט געפעלן, דאָ איז מיר עפּעס נישט געפעלן. איינמאָל האָט אים א פּאראגראף געקלונגען פאַלש און פּרעטענציעז און א צווייטן מאָל האָב איך געהאַט אויסצוזעצן, אז א זאַץ איז לויז און שלאַבעריק. דאָ האָט זיך געדאַכט, אז מיר ברענגען נישט ארויס קלאָר וואס מיר ווילן און באַלד — אז מיר ווייסן גאָר אליין נישט גענוי, וואס מיר ווילן. און אז אַלץ איז שוין געווען אין דער בעסטער אָרדענונג איז מאַני לייב פּלוצים אויפגעשפּרונגען מיט א פּראָטעסט: ווער זיינען מיר דאָס און וואס זיינען מיר דאָס, אז מיר זאָלן אויפשטעלן פּראָגראַמען און באַשטימען געזעצן פאר דער דיכטונג?

מיט אונז אין חדרל איז אויך געווען א אינגערער דיכטער, א נאָכפאָלגער און פארערער אונזערער. די גאַנצע צייט פון דעם געראנגל איז ער געזעסן א פארגאפטער מיט אַן אָפן מויל און מיר זיינען געווען זיכער, אז דאס איז ער פּשוט פארכאַפּט פון דעם גייסטיקן שפּיל פאר זיינע אויגן. מיט אמאָל דערהערן מיר אבער א כראָפּען ווי פון א זעג. מיר גיבן א קוק — דער בחור ליגט איבער דער ברייט פונם בעטל אויף וועלכן ער איז געזעסן, איין פוס איז אויסגעצויגן קרום ביז א העלפט פון דעם חדרל, שלאָפט געשמאַק, אז דער גאָוועך רינט אים אַזש פון א מויל-ווינקל.

מאַני לייב האָט פּאמעלאך אָנגעהויבן צונויפדריקן די ליפּן. פּונקט אזוי פּאמעלאך האָט ער צונויפגענומען פון טיש די אָנגעשריבענע בייגן פּאפּיר, זיי צונויפגעלייגט און נאָך פּאמעלאכער אָנגעהויבן רייסן פּאַסן פון אויבן אראָפּ: א-איינס, צ-ווײ, ד-ריי, פ-יר! מען דארף נישט קיין פּראָגראַם-ארטיקל. אז ער, דער יורש אונזערער (אָנווייזנדיק אויפן אינגערן דיכטער) קאָן איצט כראָפּען, דארף מען נישט קיין פּראָגראַמען, דארף קיינער ביי אונז נישט קיין פּראָגראַמען!

אז לאַנדוי האָט שפּעטער געהערט וועגן דעם, האָט ער א פּאַטש געטאָן מיט די הענט, זיך אָנגעהויבן טרייסלען און די אויגן האָבן זיך אים אַזש איבערגעגאָסן מיט טרערן פון געלעכטער.

## א שפרונג פון א סך יאָרן.

איך בין שוין געווען ווייט אין די פערציקער, לאַנדוי — קוים אריבער די פערציק. דעמאָלט האָט לאַנדוי געהאט צוויי שטעלעס, אויף קיין איינער פון זיי זיך נישט איבערגעארבעט, פארדינט גוט, געהאט א שיין הויז, א קלוג ווייב, צוויי שיינע אונטערוואקסנדיקע טעכטער, געקאָכט זיך אין זילבערוואַרג, ירושה-זאכן פון זיידעס, וואָס מען האָט אים איבערגעשיקט פון פוילן; אין זילבערוואַרג, שטיינדלאַך און צירונג, וואָס ער האָט איינגעהאנדלט דאָ אין ניו-יאָרק, „געלעבט ווי א גראף" און הנאה געהאט פון לעבן. לידער? — באַ! אן עסק פאַר יונגעלייטלאַך און סענטימענטאלע ווייבער. ער איז שוין לאַנג ארויס פון צעך.

נאָר אָט גייען מיר ביידע אויף איסט בראָדוויי. פון דער ווייטנס קומען אונז אקעגן אברהם משה דילאָן און אבא שטאָלצענבערג. אברהם משה שפרייזט מיט זיינע לאַנגע פיס, דער קאַפעלוש איז ביי אים פארדרייט אויף א זייט, די הענט פאַכען אין דער לופטן און דאָס צעקארבטע פנים איז איין ברייטער שמייכל, ווי פון איינעם וואס האָט א געוואַלטיקע הנאה פון עפּעס. לעבן אים קייקלט זיך שנעל מיטן קיילעכדיקן בייכל פאַראויס דער יונגער, פעטינקער שטאָלצנבערג. אויך זיין קיילעכדיק, שיינענדיק שייגעץ-פנים איז איין ברייטער, צופרידענער שמייכל. דאָס נעזל פאַריסן ארויף צו און א בערשטל האָר טיילט זיך אָפּ פון דעם גלאַט צוגעקאמטען און אויליק גלאנציקן קאָפּ, וואָס האָט שוין יאָרן נישט געפילט קיין היטל אויף זיך.

— אוי, א פערל! אוי, א ליד! אוי, א וואונדער! — שרייט אוים אברהם משה ווען ער קומט צו צו אונז. און עס דויערט א היפשע ווײלע ביז מיר דערוויסן זיך, אז דאָס מיינט ער צו זאָגן, אז שטאָלצענבערג האָט אָנגעשריבן א ליד, וואס איז א פערל און א וואונדער. ער שטייט צו צו אונז, נישט אנדערש נאָר מיר זאָלן שוין הערן דאָס ליד. „לייענט עס פאר זיי, שטאָלצענבערג! עס איז דאָך א פרעכטיקע זאך!" שטאָלצענבערג איז גרייט צו לייענען. נאָר לאַנדוי וועגדט אים אָפּ מיט דער האנט: — מוחל! אָבער א פנים באַמערקנדיק ווי עס בייטן זיך ביי שטאָלצענבערגן די קאָלירן אין

פנים, גיט ער צו: „נישט איצט, מיר זיינען ביידע פארנומען", מיך א צי געטאָן ביים ארבל און מיר זיינען אוועק.

לאנדוי האָט געוואלטיק געהאלטן פון שטאָלצענבערג׳ן. פון אלע צוגעקומענע יונגע דיכטער האָט ער אים געהאלטן פאר דעם איינציקן, וועמענס א ליד פארשאפט יענע וואונדערלאכע פרייד, וואָס נאָר לידער און ליבע קאָנען געבן. „א פרעכטיקער יונג און פול מיט טאלאנט!" האָט לאנדוי באמערקט וועגן שטאָלצענבערג׳ן. „איך האָב אבער מורא, אז עס וועט גאָר נישט ווערן פון אים. ווי אלט איז ער? — פיר-פינף און צוואנציק? די בעסטע יאָרן. לידער דארפן זיך איצט שיטן ביי אים פון ארבל און דאָס קוועטשט אויס א ליד איינמאָל אין א האלב יאָר. און שוין א באלעבעסל, מיט א בייכל, מיט א ווייב און א קינד און, וועל נישט זיין איבער-ראשט, ווען אפילו מיט א באנק-ביכל. זעט איר אים, דעם הייליקן תם, דעם פרא אָדם אברהם משה, אים בין איך מקנא. עלטער פון מיר, עלטער פון אייך, עלטער פון אלע אונזעריקע און דאָך א סך אינ-גער אפילו פון שטאָלצנבער׳ן. דער איינציקער פאָעט ביי אונז. וואָס, קיין לייטיש ליד נישט אָנגעשריבן? בא, בלאָטע. אָפגעריסן, אָפגע-שליסן? א דאגה אים. אבער פריי איז ער? אין שטענדיקן עקסטאַז איז ער? און ווער איז נאָך אזוי שטענדיק פארנומען מיט לידער ווי ער? אי, האבן מיר גע׳פטרט דאָס לעבן! איך, איר, מאני לייב, דער ברוקלינער. — איר זעט אים אמאָל? נאָך אלץ נישט פאר-ענדיקט דעם פינף-בענדיקן ראָמאן? — הערלאכע פארשווינען, וואונדערלאכע, שטימונגספולע סיטואציעס אין בילדער. אָבער וואָס צאַצקעט ער זיך אזוי מיט זיי? — דאָס האָט ער געמיינט קאַ-זאנסקי׳ן, מיט וועמען ער איז דעמאָלט געווען שטאַק ברוגז. א רוגז, וואָס האָט אָנגעהאלטן א סך יאָרן.

פון דער זעלביקער צייט.

ווי באקאנט, איז לאנדוי געווען אָנגעשטעלט אין פובליסיטי דעפארטמענט פון דער ניו יארקער צדקה פעדעראציע. איין יאָר, ווען די פעדעראציע האָט געפירט גאָר א גרויסע קאמפאניע,

האָט לאַנדוי אַליין זיך נישט געקאָנט ספּראַווען מיט דער גאַנצער אידישער פּובליסיטי אַרבעט און מיך געבעטן, איך זאָל אים אַרויסהעלפן. דריי וואָכן האָב איך געאַרבעט מיט אים צוזאַמען און האָב פּשוט געשטוינט איבער די פעיאיקייטן, דערפינדערישקייטן און ענערגיע, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן ביי דער אַרבעט. מען האָט געדאַרפט צוגרייטן עטלאַכע צענדליק אַר-טיקלען און אומצייליקע נאָטיצן פאַר אַלע אידישע צייטונגען. מאַטעריאַל פאַר דער אַרבעט איז געווען זייער ווינציק. בלויז עט-לאַכע מאָגערע גאָר נישט זאָגנדיקע פּאַראַגראַפן וועגן דעם אַנ-שטאַלט און נאָך ווינציקער ממשות׳דיקע אינפאָרמאַציע וועגן אַן אַנדערן, און דאָך האָבן די אַרטיקלען געמוזט זיין „וואָגיק און ווירדיק" און די נאָטיצן געשריבן אַזוי, אַז זיי זאָלן האָבן דעם „ווערט פון נייעס", כדי די נייעס רעדאַקטאָרן זאָלן זיי נישט פאַרוואַרפן. לאַנדוי איז געווען אַ מאַדים אויף די זאַכן. ער האָט אויך פאַר-שטאַנען, ווי אַזוי צו פּועלן ביי די אַרויסגעבער און רעדאַקטאָרן פון די צייטונגען, אַז זיי זאָלן אָפּגעבן אַ סך פּלאַץ פאַר דער קאַמ-פּאַניע, אַז לייט-אַרטיקלען זאָלן געשריבן ווערן, און אַז די נייעס-רעדאַקטאָרן זאָלן די נאָטיצן פון דער צדקה פעדעראַציע באַהאַנד-לען אַנדערש ווי די פּעק אַנדערע פּובליסיטי מיט וועלכע די צײ-טונגען ווערן געוויינלאַך פאַרוואָרפן.

איין טאָג, ווען מען האָט געדאַרפט צוגרייטן צוויי פולע זייטן מיט אַרטיקלען פאַרן „פאָרווערטס" און דעם „מאָרגן זשורנאַל", ווען דער אָפיס איז געווען פול מיט רעפּאָרטערס פון אַלע ענגלישע צײ-טונגען, ווען דער טעלעפאָן האָט נישט אויפגעהערט צו קלינגען, ווען לאַנדוי האָט זיך עטלאַכע מאָל געקריגט מיט מיר, ווייל איך האָב די אַרבעט געטאָן ווי איך האָב פאַרשטאַנען, ווען איך בין געזעסן ביי איין שרייב-מאַשין און ער לעבן מיר ביי אַ צווייטער און די אַרבעט האָט געברענט אונטער די הענט, דער-הער איך פּלוצים, ווי לאַנדוי׳ס מאַשין הייבט אָן קלאַפּן לאַנג-זאַמער און לאַנגזאַמער און ווי ער ברומט עפּעס אונטערזינגענ-דיק. איך הייב אויף די אויגן און גיב אַ קוק, ערשט לאַנדוי זיצט מיט דער צונג צווישן די ציין און שרייבט — אַ ליד.

די זונטיקס ביי לאַנדוי׳ן.

יעדן זונטיק נאכט איז ביי זישאַ לאַנדוי געווען א ליטעראַרי־שער טיש. א סך מענטשן פלעגן קומען. אחוץ שרייבער אויך מאלער און גלאַט מענטשן פון א גאַנץ יאָר.

דער טיש האָט געהאט אין זיך עפּעס רבּיש׳ס, נישט ווי דער אַנגעצויגענער, פאר׳דבקה׳טער רבי׳שער טיש, וואס איז עבודה און „כלו קודש", נאָר דאָס וואָס מען האָט אין אונזערע מקומות גערופן „דער צווייטער טיש" פון נאָכן בענטשן, ווען די פאָרמעלע שטייפקייט האָט אָפּגעלאָזן און די גרענדע פירט שוין נישט דער רבי אליין נאָר בשותּפות מיט געקליבענע פון עולם: מקורבים, לומדים, שאַרף־שמועסער, ווערטל־זאָגער, מעשה־דערציילער, רכילות־טרייבער און פּאָליטיקער; ווען א שאַרף וואָרט, א טיפער געדאנק, א נאָכדערציילטע מעשה מישן זיך מיט וויץ, רכילות און אפילו מיט פּאָליטישער אינטריגע.

אויפן טיש איז שטענדיק געשטאַנען עפּעס, און ווער עס איז אריינגעקומען האָט אַן צערעמאָניעס זיך געקאָנט אנדערזעצן און אונטערלענען דאָס הארץ. א שטיק צייט האָט זיך דער טיש געענ־דיקט מיט — הימל עפן זיך — א קערטל. צום קערטל האָט גע־מאכט א סוף טיילווייז די דעפּרעסיע און דער עיקר לאַנדוי׳ס קרענק.

פאר דער וועלט האָט לאַנדוי ליב געהאט צו מאכן אַן אָנ־שטעל, אז ער לייענט גאָר נישט. מיר דאַכט אָבער, אז אין אונ־זער קרייז האָט קיינער נישט געלייענט אזוי פיל ווי ער, און ער האָט נאָכגעפאָלגט אלץ וואס איז ארוים אויף אידיש. איין אידישע בוכהאנדלונג האָט געהאט פון אים א שטענדיקע באשטעלונג מען זאָל אים צושיקען יעדעס אידישע בוך לידער פון וואנען עס זאָל נישט קומען. ער האָט אויך געקויפט א סך ענגלישע, דייטשע און רוסישע ביכער. יעדן זונטיק נאכט, ווען מען איז געקומען צו אים, האָט מען שטענדיק געפונען ליגן „נייע סחורה" אויפן טיש, אויף א קאָמאָד, אויף די ביכער שאפעס, צי גאָר אויף דער שרייב־מאַשין. ווער עס האָט געוואָלט, האָט זיך געקאָנט פארקלייבן אין א ווינקל און לייענען פאר זיך.

גאנץ אָפט איז אזא שטיל ביחידות׳דיק לייענען איבערגעגאנ-נען אין א פאַרלייענען פארן עולם. ווען דאָס בוך איז דעם לייענער שטאַרק געפעלן געוואָרן, פארשטייט זיך. און איז עס נאָר געווען א גוטער פאַרלייענער, וואס האָט געקאָנט אונטערשטרייכען ווי נעהע-ריג די בעסטע שטעלן און אָפּכאַפּן אָדער פארטושן די שוואַכסטע, איז אין שטוב געווען אן אמת׳ער יום-טוב. איינענע לידער האָט קיי-נער נישט פאַרגעלייענט, סיידן פאר אַן איינציקן פריינט, שטיל אין א ווינקל. לאנדוי אליין אויך נישט.

אין די זונטיקס זיינען א סך רעפּוטאַציעס געמאכט געוואָרן און א סך גע׳פּטרט געוואָרן. עס זיינען אויך געמאכט געוואָרן א סך „ליטעראַרישע אנטדעקונגען“. אויפן מאָמענט איצטער דער-מאָנט זיך מיר בלויז ווי איין זונטיק נאכט האָט לאנדוי פאר אונז אנטדעקט ראובן לודוויג׳ן. אַן אנדערש מאָל האָב איך דעם עולם „איינגענומען מיט שטורעם“ פאר ראַוויטש׳ן. אין דער אַנטדעקונג פון שטאָלצנבערג׳ן האָבן מיר ביידע געהאט א גלייכן חלק. אים האָבן מיר אנטדעקט אינאיינעם מיט שטיקער׳ן, גלייך ווי זיי האָבן זיך נאָר באוויזן מיט זייערע ערשטע זאכן, אין „יוניאָן סקווער“ דאכט זיך. ביידע זאכן, וואס זיי האבן דאָרטן פארעפנטלאכט זיי-נען געווען שוידערלאכע. אָבער פון דעם כלאָם אָנגעבלאָזענע און געשוואָלענע מליצות, געגאַשט ביי מארקיש׳ן, האָבן ארויסגעבלאנקט איינענע גאָלד-קערנער. באלד אויף מאָרגן איז לאנדוי אוועק אויפ-זוכן די צוויי יונגע פארשוינען, וואס האָבן באוויזן אזא קונץ, אז בעת ער האָט זיך געוואָלט אביסל לוסטיק מאכן אויף זייער חשבון האָבן זיי אים גאָר פארכאַפּט.

לאנדוי האָט אויך ליב געהאט צו ראַיען זיך אין אלטע שמות. גאנץ אָפט פלעגט ער איינהאנדלען גאנצע פּעק מיט רומל און פּא-קענטרעגער ליטעראטור, ווי חומשים, סידורים און מחזורים מיט עברי-טייטש, מעשה-ביכלעך און חסידישע מעשיות.

איין זונטיק נאכט זאָגט לאנדוי, ער וועט אונז באווייזן א קונץ. ער האָט נאָר וואס איינגעהאנדלט א גאנצן פּאַק תחינות פון פארשידענע דרוקן. זאָל עמיצער פון אונז אויפמישן וועלכע תחינה ער וויל און ער וועט גלייך דערקענען, וואו זי איז געדרוקט געוואָרן. די עובדה פון לייענען האָב איך גענומען

אויף זיך. ארויסגעשטעלט האָט זיך אבער, אז לאַנדוי האָט בלויז טײלווייז געטראָפן. ער האָט למשל שטענדיק דערקענט א תחינה, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין ווילנע. ער האָט אויך טײלווייז דערקענט וועלכע תחינה עס קומט פון ווארשעווער דרוק. אים איז אָבער געווען שווער צו דערקענען די אונטערשיידן צווישן לעמבערגער, פּיעטריקאָווער און לובלינער תחינות. מיר האָבן זיך באַלד געכאַפּט פאַרוואָס. די גאַליציאַנער און פּוילישע תחינות זיינען כמעט אַלע געווען אין דעם זעלביקן סטיל פון דעם וואונדערלאַכן פאַרצייטיקן ליטעראַרישן אידיש. די ווילנער תחינות אָבער זיינען שוין געווען איבערגעשריבן אין א „מאָדערנעם" לשון. די ווארשאַווער דרוקן האָבן געמישט. א טייל תחינות האָבן זיי ווי זיי שטייען און גייען ארויסגעקלקחנ׳ט פון די גאַליציאַנער און פּוילישע דרוקן און אנדערע פון די ווילנער. אין די פּויליש-גאַליציאַנער תחינות איז לאַנדוי געווען פּשוט פאַרליבט. די ווילנער, פאַרקערט, האָט ער פיזיש נישט געקאָנט פאַרטראָגן. די פּויליש-גאַליציאַנער זיינען פאַר אים (און אויך פאַר מיר) געווען א מוסטער פון סטיל, פון ריינקייט, צאַרטקייט, אינטימקייט און וואוילקלאַנג פון שפּראַך. די ווילנער פאַרקערט — א מוסטער פון סטיללאָזיקייט, אָרימקייט, הארטקייט און אָן א טראָפּן שפּראַך געפיל. די פּויליש-גאַליציאַנער תחינות זיינען קאָנטיק אורשפּרינגלאַך פאַרפאַסט געוואָרן פון מענטשן תמימות׳דיקע, גלויביקע, פול מיט ליבע און פּיעטעט צו זייער ארבעט. די ווילנער תחינות אָבער זיינען, ווי עס ווייזט אויס, שוין געווען דערווידערדיקע „סחורה" צוגעשטעלט פאַר א דרייערל צי א פינפערל, פון עפּעס א משכיל, אָן אפּיקורס, וואָס קיין גאָט אין הארצן האָט ער שוין נישט געהאַט און קיין שפּראַך געפיל אודאי און אודאי נישט, ווייל ווי האָט ער געקאָנט האָבן שפּראַך-געפיל, ווען אַלץ וואָס איז געווען אַלט אידיש, איז אין זיינע אויגן געווען אָפּגעלעבט און פאַרשימלט? וואָס עכטער און פיינער דער אידיש אַלץ קאָמישער האָט ער געקלונגען אין זיינע אויערן. אגב האָט לאַנדוי אין די תחינות זיך אָנגעשטויסן אויף נאָך זייער אן אינטערעסאַנטע זאַך. אין די ווילנער תחינות איז שטענדיק איבערטריבן געוואָרן ווען עס איז געקומען אויסצורעכענען די אטריבוטן פון גאָט. דאָרטן וואו אין אנדערע תחינות האָט

א אידענע זיך געזאָלט װענדן צום „האר פון אלע װעלטן", האָט א װילנער אידענע זיך געמוזט װענדן צום „גרויסן" האר פון אלע װעלטן. צו „גרויסער גאָט אין הימל" איז אין דער װילנער תחינה נאָך צוגעגעבן געװאָרן „אלמעכטיקער". װען גאָט איז אין די אַנדערע תחינות געװען אי גרױס און אי אלמכעטיק איז ער אין דער װילנער נאָך געװאָרן „פּאָרכטיק" און אזוי כסדר.

מיטן פאָרלייענען די תחינות האָט לאנדוי אין איין װעג שוין אויך געװאָלט דעמאָנסטרירן װי גערעכט מיר „יונגע" זיינען געװען אין אונזער מיינונג, אז א גוטן, שיינעם און װאוילקלינגעװדיקן אידיש געפינט מען נאָר ביי די פּוילישע, גאליציאַנער און אוקראַינער אידן, בעת די ליטװאקעס זיינען טויב פאר קלאנג, אָרים און הארט אין אויסדרוק און בכלל אָן װעלכן עס איז געפיל פאר שפּראַך. אָבער אזוי מישנדיק צװישן די תחינות האָב איך אין װילנער ספר'ל זיך פּלוצים אָנגעשטויסן אָן א „תחינה פאר פרנסה", װאס האָט צעקלאפּט אונזער גאנצע טעאָריע. דאָ איז שוין נישט געװען צו דערקענען דעם משכיל און אפּיקורס, װאס גלויבט נישט א װאָרט פון דעם װאס ער שרייבט. דאָ איז שוין געשטאנען א איד אָן אָרימאַן, װאָס גיסט נעבעך אויס זיין ביטער הארץ, קלאָגט זיך אויף זיין מזל און אויפן מזל פון אלע אָרימע, דערשלאָגענע און באַליידיגטע; טענהט זיך אוים מיט גאָט, און באװייזט אים, װי שלעכט עס איז א מענטשן װען ער האָט נישט אויף זיין אויסקומעניש, און װען זיין װייב און קינדער הונגערן, און װי אָרימקייט און נויט מוזן ברענגען א מענטשן צו נסיונות און זינד, װעלכע עס איז שװער ביי־צושטיין, און דאָס אלץ אין אַזאַ װאונדערלאכן, רייכן און זאפטיקן אידיש, װאָס אין פארגלייך מיט אים האָט די שיינקייט און װאויל־קלינגעװדיקייט פון דעם אידיש אין די פּויליש־גאַליצישע תחינות אויסגעזען הויל און פּוסט װי די שיינקייט און קלינגעװדיקייט פון בלישטשנדיקע גלעזלאַך.

— אַי, האָבן מיר געכאפּט א מפּלה, אייזלאנד! — האָט לאנדוי אויסגערופן, און איך האָב מיט אים פולשטענדיק מסכים געװען. מיר האבן געכאפּט א מפלה און א כשר פארדינטע. מיר זיינען פונדעסטװעגן פארבליבן ביי אונזער אָנגענומענער מיינונג. און ביז איצט בין איך נאָך אלץ נישט זיכער, צי דאָס איז בלויז

איינגעשפּארטקייט און פּאַראורטייל פון וועלכן מיר האָבן זיך נישט נעקאָנט באַפרייען, אָדער די „תחינה פאַר פרנסה" איז געווען איי־נע פון יענע אויסנאַמען, וואָס באַשטעטיגען בלויז דעם כּלל.

## לעצטע טעג

פאַר צוויי יאָרן ווינטער האָב איך, א קראַנקער, פאַרבראַכט אין פלאָרידאַ. איין פאַרנאַכט האָב איך געכאַפּט אַן אַטאַקע. א דאָק־טאָר איז געקומען, געגעבן די נויטיקע איינשפּריצונג און איך בין פאַרזונקען אין א שלאָף. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט איז גע־ווען טיפע נאַכט. דער ערשטער געדאַנק איז געווען — לאַנדוי. מען דאַרף אים שרייבן, טראַכט איך, דערציילן אים וועגן איינענעם צושטאַנד און נאָכפרעגן זיך אויף זיין געזונט. אָבער אַנשטאָט א בריוו האָט אין געדאַנק זיך אָנגעהויבן אויסליינן א ליד. ביז אינ־דערפרי איז עס געווען פאַרטיק. אַזוי שנעל ווי דער דאָקטאָר האָט אַראָפּגעלאָזט פון בעט האָב איך עס אָנגעשריבן און, רוי ווי עס איז נאָך געווען, אין זעלביקן טאָג צוגעשיקט לאַנדוי׳ן. ווייל עס איז אורשפּרינגלאַך עמפינדן געוואָרן ווי א בריוו צו אים, האָט עס געקראָגן די איבערשריפט: „צו זישא לאַנדוי". געלייענט האָט זיך עס אַזוי:

עס איז נאָך דאָ א ליכטיקייט וואָס רופט,
אַ בוים וואָס בליט, אַ וועג וואָס פירט
און פרייד פון גיין.

עס איז נאָך דאָ א בוך, אַ ציימונג צו דער האַנט,
אַ שטול, א זאָפע און א בעט
און פרייד פון רו.

און אז עס בלאַנקט אין שמאָליק־גרין דאָס פּאַלמען־קרויט
און ס׳דראַפּעט זיך אויף ווייס און פּערל־גרוי פון ווענט
די קלעטער־פלאַנץ;

און אז עס גליען דעכער רויט און דער היביסקוס פלאַמט
צווישן טונקעלע סאָסנעס און דער גרינער פּאַלם —
בליט אויף דאָס הארץ.

נאָר אז דער שונא פּאַקט דיך אומגעריכטערהייט
און טרעט מיט שווערער עלפאנט־לאַפּע אויף דער ברוסט,

(דער אָלעאנדער פארן פענסטער שמעקט נאָך אלץ ווי
מאַנדלען זיס,
באַגעגוווילעאס גלעטן נאָך מיט קילן לילא רויט),

ווערט מיט אמאָל די צונג ווי פארמעט און ווי גלאָז דאָס אויג,
און אלע גלידער שרייען אויף פארשטייפט און קאַלט פון שרעק:

— שוין?

מיר, די „יונגע", האָבן שטענדיק געהאט א ווידערגעפיל צו עקזאָטיק. איך האָב דאריבער מורא געהאט, אז די עקזאָטישע נעמען פון טראָפּישע פלאנצן און בלומען, וועלן דאָס ליד פסל'ען ביי לאנדוי'ן אין די אויגן. אין דעם בריוול, וואָס איז מיטגעגאנגען מיטן ליד האָב איך אים וועגן דעם אויפמערקזאם געמאכט און אים דערקלערט, אז פאר מיר זיינען נישט מער עקזאָטיש די דאָזיקע טראָפּישע בלומען און פלאנצן, נאָר היימיש געוואָרענע שטענדיקע באַלייטער, וואס די אויגן באגעגענען, וואו נאָר זיי קערן זיך.

אין עטלאכע טעג ארום האָב איך פון לאנדוי'ן באקומען דעם ענטפער:

„ליבער אייזלאנד:

„איך בין דאָ (אין ניו יאָרק) און אין לייקוואוד, און דערפאר האָב איך לעצטנס פארלוירן יעדע פארבינדונג מיט אייך. די פּאָר טעג וואס איך בין אין ניו יארק רינען עפּעס אוים צווישן די פינגער, און נישט שטענדיק קאָן איך קריגן דורכן טעלעפאן שעליובסקין געוואָר צו ווערן וועגן אייך. עס איז געוועז זייער גלייך פון אייך מיר צו שיקן די פּאָר

ווערטער. לייקוואוד האָב איך אויפגעגעבן אינגאַנצן, און וועל זיך אפשר אומקערן אין א פּאָר וואָכן ארום, ווען עס וועט אָפּלאָזן די ביטערע קעלט.

„איך בין פולשטענדיק אָלראַיט. און די טעג וואָס איך פיל זיך ניט אינגאַנצן מיט אַלעמען, איז עס מיין אייגענע שולד. טרינק און עס צופיל. בין לעצטנס דענערווירט פון דער צו גרויסער מאָס צוקער, וואָס געפינט זיך אין מיר און מאַכט מיך דורשטיק די גאַנצע צייט.

„וואָס עס האָט מיך אביסל ניט אנגענעם איבערראַשט אין אייער ליד זיינען נאָט די טראַפּישע פלאַנצן, נאָר עפּעס אַנדערש. נעמלאַך, וואָס איר נוצט דאָס עקזאַקטע וואָרט פאַר א ווירקלאַכן, עקזיסטירנדיקן צושטאַנד. אין די יאָרן ווען מיר האָבן גערעדט וועגן דעם עקזאַקטן וואָרט, האָבן מיר גע-מיינט, אז מען מוז עס באַנוצן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן עפּעס, וואָס עקזיסטירט ניט . . . איר שרייבט נאַטוראַליסטישע פערזן, דאָס איז זייער ניט גוט און ניט אנגענעם פאַר א פריינט צו לייענען.

„איך ווייס נישט צי איר האָט יאָ אָדער ניט קיין אור-זאַך צו זיין אזוי אומרואיק. אָבער עס איז ניט גוט, וואָס איר האָט אזא געפיל. לייקוואוד איז מיר אריין אין די ביינער, און ניט קוקנדיק וואָס די מעדיצין ווייסט ניט פאַרוואָס עס זאָל מיר דאָרט זיין בעסער ווי אין ניו יאָרק, איז מיר דאָרט פּאָרט בעסער, און די גאַנצע צייט וואָס איך בין דאָרט, פיל איך זיך זייער גוט.

אייער

לאנדוי.“

איך געדענק ניט, אז מיר זאָלן ווען עס איז האָבן גערעדט, אז דאָס עקזאַקטע וואָרט דאַרף מען באַנוצן נאָר „ווען עס האַנדלט זיך וועגן עפּעס וואָס עקזיסטירט ניט.“ מיר איז אפילו נישט גענוי קלאָר, וואָס לאַנדוי האָט דאָ געוואָלט זאָגן, סיידן ער האָט געמיינט אַרויסצוברענגען, אז מיר זיינען שטענדיק געווען קעגן נעמען א פאַקטיש-עקזיסטירנדיקן צושטאַנד אלס מאָטיוו פאַר א ליד. אויב

ער האָט דאָס געמיינט, האָט ער פארגעסן א שטיק איינגענע גע־שיכטע, ווען ער האָט אינאיינעם מיט מיר געפּרעדיקט און פּראַק־טיצירט די פארדיכטונג פון דעם פּ א ק ט י ש ן טאָג־טעגלאכן, וואָכעדיקן לעבן. ווי שוין אויבן געזאָגט, איז דאָס געקומען אלס רעאַקציע צו דער שאבלאָנער „פּאָעטישקייט", וואָס מיר האָבן גע־פונען ביי אונזער קומען. אפילו שפּעטער, ווען די „וואָכעדיקייט" טעאָריע איז פארוואָרפן געוואָרן, ווייל די סבה, וואָס האָט זי ארויס־גערופן איז מער נישט געווען און דער עיקר, ווייל דאָס מיטל קעגן שאבלאָנען איז אליין געוואָרן שאבלאָן, האָט לאנדוי נאָך אלץ גע־לערנט, אז „נאָר דאָס וואָס איז דאָ איז שיין".

אגב איז דאָס געווען א צייט נאָכדעם ווי לאנדוי האָט דוקא באזונגען דאָס „ניטדאָאיקע". אָן איבעריקער באווייז ווי געזעצ־מעסיק נישט אויסגעהאלטן קינסטלער זיינען.

דער בריוו איז דאטירט דעם 14־טן פעברואר, 1936. עלף חדשים נאָכדעם, כמעט צום טאָג, איז לאנדוי שוין געווען טויט.

אין דער צייט וואָס איך האָב פארבראכט אין פלאָרידא, האָבן מיר זיך בלויז נאָך איינמאָל דורכגעשריבן, און ווען איך האָב אין פרילינג זיך אומגעקערט קיין ניו יארק, און ער איז געקומען דאון־טאון זיך זען מיט מיר, איז מיר געוואָרן א לאָך אין הארצן. אזוי שלעכט האָט ער אויסגעקוקט. ווי ער האָט געפילט, ווען ער האָט מיך דערזען, דאָס ווייס איך נישט. נאָכדעם האָבן מיר זיך ווינציק געזען. דאכט זיך, אז נישט מער ווי א צוויי־דריי מאָל. מיר איז געווען שווער צו פאָרן צו אים און אים איז געווען שווער צו קומען צו מיר. ווען מען האָט מיר אָנגעזאָגט, אז לאנדוי לעבט נישט מער, איז עס פאר מיר נישט געווען קיין איבערראשונג. מיר האָבן אין די לעצטע עטלאכע יאָר געוואוסט, אז לאנדוי איז א טויט־קראנקער מענטש, אז יעדער טאָג, וואָס ער דרייט זיך ארום צווישן אונז איז ממש א נס, און אז ביי זיין נישט היטן זיך קאָן ער צו יעדער מינוט פאלן אינמיטן גאַס און מער נישט אויפשטיין. און אזוי איז טאקע געווען. קיין איבערראשונג נישט. אָבער דער ווייטאָג איז געווען גרויס. אָן איינגן שטיק לעבן איז אָפּגעריסן גע־וואָרן, און עס פעלט און וועט פעלן אזוי לאנג ווי די אויגן וועלן זיין אָפן.

**ר. אייזלאנד.**

# אַ דריטער צו די צווײ

## די געשטאָרבענע, די צווײ

זײ זײנען נאָך ניט װײט אַװעק
די געשטאָרבענע, די צװײ.
איך זע זײ אױף יעדן גאַסן־עק
װען איך גיב דעם קאָפּ אַ דרײ.

און װען עס עפנט זיך די טיר —
דער ערשטער שטעקט אַרײַן דעם קאָפּ;
ער גיט אַזױ אַ פּאַל אױף מיר
און גיסט מיט ליכטיקײט מיך אָפּ.

דער צװײטער זיצט אין גרױסן שטול,
װען איך קום פֿון גאַס אַרײַן.
ער איז אַלײן אױך גרױס און פֿול
מיט אַ ניט־דאָאיק, פֿרעמדן זײַן.

נײן, איך בין דאָך ניט געשײדט
מיט קײנעם פֿון די צװײ;
און יעדע װײַלע בין איך גרײט
אַ דריטער זײַן צו זײ.

## אַ דריטער צו די צוויי

ווען איך בין יענעם אינדערפרי געפאָרן דעם לאַנגען וועג פון די בראָנקס ביז דעם „פאָרווערטס“ האָל, אויף איסט בראָדוויי, וואוהין מען האָט געבראַכט לאַנדוי׳ן און וואו חברים ליטעראַטן האָבן גע־דאַרפט רעדן וועגן אים, האָבן די 27-28 יאָר פון מיין באַקאַנט־שאַפט מיט אים אָנגעהויבן דורכגיין פאַרביי מיר, ווי די גאַסן און סקווערן וואס איך בין פאַרביי געפאָרן. און וואָס קלערער זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט און וואָס נענטער זיי זיינען צו מיר צוגעטראָטן, אַלץ מער איז דער טרויער פון מיר אַוועק און זיין אָרט האָט פאַר־נומען א פריידיקע באַרוישונג, וואס איך בין 27 יאָר געווען חבר מיט לאַנדוי׳ן, זיך באַגעגנט מיט אים, גערעדט וועגן לידער, אידישע און גוי׳שע, געלייענט איינער פאַרן צווייטן אייגענע נייע לידער, געלעבט מיט לידער. און וואָס דאַרף אונזערער א מענטש מער? !

לאַנדוי איז געשטאָרבן ; עס זיינען אבער אויף־דאָס־ניי גע־באָרן געוואָרן זיינע לידער. און דאָס וואס איז געווען ביז אָהער צעשפּרייט און צעוואָרפן אין לאַנגיאָריקע, פאַרגעסענע צייטונגען און זשורנאַלן וועט איצט זיין צונויפגעזאַמלט און איינגעזאַמלט ; און דאָס וואס איז געווען פאַרשריבן אין שוואַרץ־טאָוולדיקע טאָג־ביכלאַך און אויף אָפּגעריסענע שטיקלאַך פּאַפּיר און געלעגן פאַר־שלאָסן אין שופלאָדן און קעסטעלאַך, וועט זיין אָפן פאַר אונז אַלעמען און פאַר דער גאַנצער וועלט.

לאַנדוי איז דער דריטער פון דער גרופּע „יונגע“, וואָס זיי־נען אין די לעצטע פּאָר יאָר געשטאָרבן — פאַר אים מ. ל. האַל־פּערן און א. מ. דילאָן. און מאָדנע — יעדעס מאָל ווען איך האָב זיך דערוואוסט פון א פרישן טויט, פלעגט מיך די ערשטע בשורה אביסל איבערראשן, ווייל זיי אלע זיינען געשטאָרבן אומגעריכט פאַר אונז. אַן אומהיימליכער קלונג פלעגט שטיין אין מיינע אויע־רען, אזוי ווי ווען מען דערזעט זיך פּלוצלונג ביים ראַנד פון אַן אָפּגרונט. א קלונג, וואָס וויל ניט אויסגיין. אָבער שפּעטער פלעג איך ווערן רואיק און אָפּגעבן צדוק הדין : ווי דען, מיר דאַרפן דאָך אַריבערשיקן שלוחים אויף יענער זייט, באַזעצן עס. און וואָס מער פון אונזערע עס וועלן זיין דאָרטן פון פריער, אַלץ היימלאַכער

וועט זיין פאר די דאָ געבליבענע צו גיין אַ ה י ן. אַזוי האָבן אַמאָל אידישע פאמיליעס אין די היימישע שטעטלאך אריבערגעשיקט קיין אמעריקע זייערע קינדער, ברידער און שוועסטער. זיי האָבן געוואוסט, אז נאָך יענע וועלן זיי אליין קומען. און צוליב נאָך אַ טעם איז ביי מיר דער טאָג געווען אַ פייערלאכער, אַ דערהויבענער. פאר אונז איז דער טויט פון איינעם פון די חברים ניט קיין פאר־שווינדן, ניט קיין צערינונג, נאָר אַ באַפעסטיקן זיך, אַן איינבויען זיך, ווערן אַ בערווענע אין דער הויז פון דער אידישער ליטעראטור. פריער זיינען מיר געווען צעבראָכענע שטיקלאך ליד, צעשאָטענע גאַמען; אָבער דער טויט מאכט אונז גאַנץ; פון שערבלאך מאכט ער אַ כלי, פון זאנגען — אַ גאַרב, און מיר וואָלטן ניט געהאט מ. ל. האלפערנ׳ס לעצטע צוויי ביכער, און ניט דילאָנ׳ס בוך, ווען זיי וואָלטן נאָך איצט געלעבט.

קיין ארויסטאַרטשנדע, דראמאטישע עפּיזאָדן אין די פילע יאָרן פון מיין באקאַנטשאַפט מיט לאַנדוי׳ן זיינען, דוכט זיך, ניט געווען. ניט געווען קיין מלחמות און שלומ׳ס צווישן מיר און אים; עס זיינען כמעט ניט געווען קיין ברוגז׳ן און קיין פּאראיבלס. וואָס עס שווימען פאר מיר ארויס איז שטילע, אינטימע רייד אין שפּעטע נאכט־שעה׳ן אַמאָל ארום דעם ברייטן טיש אין זיין פיל־צימערדי־קער דירה און אַמאָל אויף אַ שוועל פון אַ פרעמדער הויז און אַ פרעמדער גאַס, וואו מיר פלעגן זיך צוזעצן אָפּרוען. דעמאָלט פלעגט דערזעלבער לאַנדוי, וואָס האָט מיט אַ שעה פריער געקרימט מיט דער נאָז אויף הייגע׳ן און צו קליין גע־מאַכט פּושקינ׳עו, ציטירן גאַנצע לידער הייגע׳ס אויף אויסעג־ווייניק און טרינקען פון פּושקינ׳ס גוטן וויין. ביי לאַנדוי׳ן, וואָס האָט זיך אַזוי נאכלעסיק בארימט, געכוואַסטעוועט, אז ער לייענט קיינעם ניט און וויים פון קיינעם ניט, איז דער גרויסער רונדער טיש אין עס־צימער געווען מער ווי העלפט פארלייגט מיט ביכער, געבונדענע און ניט־געבונדענע, פון אַלטע און גאַר־נייע שרייבער, ביכער אויפגעשניטענע, געבלעטערטע, געלייענטע...

ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיט לאַנדוי׳ן צום ערשטן מאָל, ווער עס האָט מיך מיט אים באַקענט, אין וועלכן רעסטאָראַן אָדער הויז — געדענק איך ניט. איך דערמאָן זיך ווען איך האָב זיך

צום ערשטן מאָל באקענט מיט מאני-לייב׳ן. (ביי אים אין דערהיים אויף עשפאָרד עווע. אין איסט ניו יאָרק.) איך דערמאָן זיך מיין ערשטע באקאנטשאפט מיט דוד איגנאטאָוו׳ן, מיט י. י. שווארצ׳ן, מיט מ. ל. האלפערן. לאנדוי׳ן אָבער דערמאָן איך זיך שוין א גע-קאָנטן. אָבער איידער איך האָב אים געזען פערזענלאך האָב איך שוין געהערט וועגן אים פון מאני-לייב׳ן און אנדערע. איך גערדיינק א זומערדיקן שבת פארנאכט אויף איסט-בראָדוויי, איך האָב גע-האלטן א פארנאנדערגענומענעם „ארבייטער" און געלייענט דאָרטן לאנדוי׳ס א ליד. איך גערדיינק אים, ווי ער פלעגט צוקומען צום ציימונגס-סטענד אויף קאָלאָמבוס עוו. און 81טע סטריט, וואו איך האָב געארבעט, אריינגיין אין ביידעלע, און ריידן וועגן זיין משפחה אין פלאָצק, זיין טאטע-מאמע, און זיין יונגע שוועסטער, און אויך וועגן זיין מומען, וואָס האָט אויך געוואוינט אויף קאָלאָמבוס עוו. און וואו ער איז איינגעשטאנען לאָזשי. איך געדיינק אים פון דער צייט, ווען ער האָט געוואוינט ביי דר. קלינג אין הויז צוזאמען מיט משה ווארשע. ער האָט איינצייט פארנאנדערגעטראָגן צייטונגען, ווי א סך פון אונז, און געקראָגן דערפאר 4 דאָלאר א וואָך.

זיינע באליבטסטע דיכטער זיינען געווען: פיאָדאָר סאָלאָגוב, קוזמין, דער דייטש טעאָדאָר שטאָרם, און די לעצטע יאָרן: האָוז-מאן און ראָבערט פראָסט.

**י. ראָלניק.**

# זישא לאַנדוי

1.

יעדן דיכטערס לעבן באַשטייט פון ווידערשפּרוכן.

און אויך יעדן מענטשנס לעבן, אויף אזוי פיל וויפיל דער מענטש איז דיכטער.

קיינער פון אונז איז ניט גאַנץ און אויסגעהאַלטן אפילו ווען מיר מיינען אַז מיר זיינען עס.

זישא לאַנדוי איז געווען א דיכטער. און אַלץ אין אים האָט זיך ווידערשפּראָכן.

ברייט און שווער-באַוועגלאַך אין גוף, און דין און לייכט-שפּילעוודיק אין גייסט. באַלעבאַטיש און — וואויל-יונגיש.

ניי אין זיין בליק אויף ליטעראַטור — און אַלטמאָדיש אין זיינע הויז-פירונגען.

רעוואָלוציאָנער אין דער פּאָעזיע — און רעאַקציאָנער אין דער פּאָליטיק.

אין דער דיכטונג — ניי, געוואַגט און אויסטערליש.

אין דער פּאָליטיק — רואיק און א פרעדיגער פון „סטאַטוס-קוואָ".

אין דער פּאָעזיע זיינע ליבלינגע — סאַלאָגוב און קוזמין; אין דער פּאָליטיק — באַלדווין און פּרץ ווערניק.

און ווייטער:

זיין הויז-מעבל שווער, אַלטמאָדיש, ניט צום רירן, און זיין גערדאַנק דער רירעוודיקסטער.

אַ מענטש אַליין אַ לויטערער און פרײדיקער ביז גאָר, און אויף די ווענט פון זיין דירה, שרעקנס-בילדער פון קאַפּמאַן, וועלכן ער האָט פאַרהערלאַכט מער ווי אַנדערע מאָלער...

אין אויסזען אַן אַריער, און זיך אומגעטראָגן מיט'ן יחוס פון „רבינס הויף".

אין לעבן — שטענדיק שטילע רייד, ווי ער וואָלט דערציילט אַ סוד, און אין ליד — פשוט און הויך גערעדט פון גראָבע פיס פון ניגערטעס.

אין לעבן — אַ פּרעסער, אין ליד — אַ קאַרגער אויפ'ן וואָרט.

אין לעבן — אַ ליבהאָבער פון מחזורים'דיקע איינבאַנדן און בילדער אין שווערע ראַמען.

אין ליד — גרינג-שפּילעוודיק און קאָקעטיש.

דיסאָנאַנסן, ווידערשפּרוכן, סתירות און זיגזאַגן אומעטום. האָט ניט געקענט קיין לשון קודש און זיך דאָך גע'יחוס'ט מיט זיי-דעס מחברים, אין אַ שפּראַך, וועלכע ער האָט ניט פאַרשטאַנען און ווען ער וואָלט געקענט לייענען די שירים פון זיינע זיידעס, וואָלט ער זיי נעווים פאַררעכנט פאַר בטלנות . . .

פיינט געהאַט ריידן פון אידישקייט און זיך געצאַצקעט מיט אַן אַלטן זילבערנעם קידוש-בעכער . . .

אין זיין בליק אויף ליטעראַטור איז ער געווען אַ „גריך", אָבער אַנשטאָט ווידמענען לידער אַ לעבעדיק מיידל, האָט ער געווידמעט לידער צו ר' אברהם לאַנדוי . . .

אַ פירער פון די „יונגע" אָבער אין גרונט, אַ פאַרהייליקער פון די „אַלטע", אפילו ווען ער האָט געוואָלט „מורד זיין" אין י. ל. פּרץ'ן האָט ער דאָך געהאַלטן פון פּרץ'ן, באַוויז: מיט וואָס פאַר אַ ליבע ער האָט צוזאַמענגעשטעלט פּרץ'ס געזאַמלטע ווערק (פאַר-לאַג „אידיש").

ביי לאַנדוי'ן זיינען געגאַנגען צוזאַמען ראַזאַנאַוו און עטינ-

גער, טעפּער און אב קאהאן . . .

און מאָדנע ווידערשפּרעלאַך האָט אים צוגעשפּילט דער שיקזאַל.

פון נאַטור פיינט געהאַט מליצה און איבערטרייבונג — און חיונה געמוזט דוקא ציען פון „פּובליסיטי".

און צום סוף — איז אויך דער טויט געגאַנגען אין זיינע וועגן: אים, דעם עסטעט, געפּאַקט דוקא אין מיטן גאַס . . .

2.

זישא לאַנדוי איז געווען א דיכטער, וואָס האָט זיך געשפּילט.

ער האָט דאָס ליד גענומען זייער ערנסט, אסך ערנסטער ווי פילע דיכטער פון זיין דור. און דערפאַר טאַקע האָט ער זיך ארום־געשפּילט ארום דעם ליד, און מיט דעם ליד . . .

אָפט האָט עס מיר אויסגעקוקט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אריין אינוויייניק אין פּאַלאַץ פון דער שירה . . . צופיל דרך ארץ געהאַט פאַר׳ן פּאַלאַץ . . .

אָבער שפּילן זיך ארום פּאַלאַץ איז עפּעס אנדערש . . .

האָט עס אָפט געמאַכט דעם איינדרוק, אז זישא לאַנדוי האָט מער ליב געהאַט צו ריידן פון א ליד — ווי צו שאַפן א ליד . . .

לאַנדוי׳ס ליבע צו אנטיקן, זיין פאַרגעטערן אַלטע ליטאָגראַ־פיעס, זיין פאַרליבן זיך אָפט אין „שמות" — איז א טייל פונ׳ם שפּיל . . .

לאַנדוי האָט אימער געהונגערט נאָך שפּיל.

און ווען זיין קראַנקהייט האָט די לעצטע יאָרן אים געשטערט צו שפּילן זיך, האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל, אז ער שפּילט זיך . . .

פּאָעזיע איז געווען זיין גרעסטער הונגער נאָך שפּיל.

און אויך „אין דאָקטוירים" האָט ער זיך געשפּילט. ער האָט באַוואונדערט דאָס וואונדערלאַכע וואָס איז דאָ אין דער מעדיצין און ניט אויסגעפאָלגט די רעצעפּטן פון די מעדיקער . . .

ער האָט אין יעדן „תוך“ געזען שפּיל. און אין יעדן „שפּיל“ — תוך.

ער האָט געזוכט דאָס עכטע אין לעבן ווי אין דיכטונג ניט דורך שווערע פּראָבלעמען און הארבע לייזונגען — נאָר דורך פלאַטערן ארום שיינקייט און ארומשפּילן זיך מיט עסטעטישע לאָ-זונגען . . .

און דערפאר ווייל ער האָט ליב געהאט שפּיל מער ווי אַלץ, האָט ער אין שרייבער און קינסטלער, מער געזען דאָס אנעקדאָטישע — ווי דאָס פונדאמענטאלע . . . אן אנעקדאָט איז א „מופת“ — ער קומט פון דער זייט, אָבער ער איז אָפט קליגער ווי דאָס נעמען א קינסטלער פון „מיטן“. דורך אן אנעקדאָט וועגן א באַרימטן שרייבער, אָדער מאלער, קען מען מער זען דעם שפּיל אין ליכט און שאָטן . . .

לאנדוי האָט מורא געהאט דערפירן זיך אליין צו א גרעניץ.

און דערפאר, גלויב איך, האָט ער ניט געזאמלט זיינע לידער אין בוך פאָרם. ווייל דאָס וואלט געהייסן אוים מיט'ן שפּיל! פאר-ענדיקט — און וואַרט אויף דעם וואָרט פון דער קריטיק, וועלכע איז ביי אונז אזא אָנגעבלאָזענע!

און דערפאר האָט ער ליב געהאט זיך עוסק'ן מיט ארויסגעבן שאַפונגען פון חברים.

מיט דער גאנצער ערנסטקייט און אפילו פּעדאנטשיקייט, מיט וועלכע ער האָט עס ארומגערינגלט — איז ער אליין געשטאנען העכער איבער דעם . . .

עס איז געווען ווי ער וואָלט געזאָגט:

— פאר זיי, איז עס זייער אן ערנסטער ענין — אָבער פאר מיר איז עס נאָר א שפּיל . . .

## 3.

לאנדוי איז געווען אין זיין בלוט א „רבי“, גרייט צו זיצן אויף א „רביים“ שטול מיט „לייבן“, פירן א טיש און זאָגן „תורה“.

און זיין שטיל ריידן, כמעט שעפּטשען, זיינען פאַר דעם געווען די ריכטיקע מיטלען.

ער האָט עס געקראָגן בירושה . . .

אָבער ער איז געווען אַ מאָדערנער מענטש און דיכטער, האָט ער זיך ארומגערינגלט מיט מאָדערנע „חסידים“, וועלכע האָבן צוגע־לייגט אַן אויער צו זיין „תורה“ . . .

קיין סך „תורה“ האָט ער טאַקע ניט געזאָגט, נאָר אַ „טיש“ האָט ער געפירט . . .

ווי „אַ רבי“ איז ער געווען ארומגערינגלט תמיד מיט יונגע דיכטער און חברים־צוהערער, און אויפ׳ן טיש זיינען געלעגן די ספרים פון זיינע זיידעס, וועלכע ער האָט ניט געקאָנט לייענען, צוזאַמען מיט די מאָדערנסטע ענגלישע, דייטשע און אידישע . . .

4.

ביי אונז אידן איז אָנגענומען, אַז יעדע פערזענלאכקייט מוז פריער פון אַלץ זיין אַ „פּיקח“.

איז אויך זישא לאַנדוי געווען פאַררעכנט פאַר אַ „פּיקח“ . . .

האָט ער זיך געשפּילט מיט זיין „פּיקחות“ . . .

האָט זי איהם צייטנווייז געהאָלפן און צייטנווייז געשטערט . . .

ער איז קלוג ארומגעגאַנגען ארום אַ ליד, פאַררעדט עס מיט אַ קלוג ווערטל, מיט אַ ראַפאַנירטן זשעסט, מיט אַ פיינעם טעאַט־ראַלישן קנייטשל . . .

וואָס דען?

לאַנדוי האָט אָפט אָנגעהויבן אַ ליד זייער אַלטמאָדיש, אָבער זיך תיכף געכאַפּט:

— אָט אַזוי זינג איך?

— ווי פּאַסט עס פאַר מיר?

— עס קוקט דאָך אויס אַזוי נאַריש!

און ער האָט גלייך צוגעשטעלט אַ חכמה . . .

אָבער איך גלויב, אַז ווען לאַנדוי וואָלט זיך ווינציקער געשפּילט אין „פּקחות“ וואָלט ער אין זיין ליד געגאַנגען אסך ווייטער . . .

אייניקע פון זיינע לידער וואָלטן אפשר געווען אסך „נארישער״ אָבער דערפאר מער לידער.

לאנדוי׳ן האָט זיין „פיקחות״ געשטערט. ער האָט שיעור פון דעם ניט געמאכט קיין מעטאָדע, אָבער געראַטעוועט האָט אים זיין שפּילעוודיקע נאַטור . . .

5.

לאנדוי איז בטבע געווען א ריינער ליבהאָבער פון פּאָעזיע אָן קיין שום צומיש פון פּסלת.

און פּסלת האָט ביי אים געהייסן יעדע פּראָזע.

פּראָזע האָט ער באמת ניט ליב געהאט, פּראָזע איז געווען צו שווער-לייביק פאר אים דעם גרינג-זינגענדיקן און פלאטערדיק-שפּילעוודיקן . . .

ער האָט אין גרונט פון זיין נשמה ליב געהאט דעם „ס׳איז גאָרנישט געשען״ און ער איז אנטלאָפן פון פיל-ריידעריי . . . און פּראָזע האָט ביי אים געהייסן פיל-ריידעריי . . .

פארשטיי איך לאנדוי׳ס באציאונג צו פּראָזע:

צו פּראָזע דארף מען גיין צופוס . . . אָפט זיך שלעפּן לאנג-שווער . . .

צום פארנאס קען מען רייטן . . .

און רייטן איז ריטערלאכער . . .

לאנדוי, דער שפּילעוודיקער, האָט פיינט געהאט שוויסיקייט און שרייבן פּראָזע האָט פאר אים געמיינט שוויצן . . .

און ער האָט ליב געהאט זיך צו שפּילן, ווען אנדערע האָבן געשוויצט . . .

שרייבן א ראָמאן — הייסט האָרעווען מיט דער פעדער, ווי מיט א האַק; שרייבן א ליד מיינט, ארומגיין ארום דער מוזע ווי א קאוואליר, ווי א ריטער אין אלטע צייטן. זאָל זיין אפילו ווי א דאָן קיכאָט מיט זיין דולצינע . . .

און ווי שיין עס איז צו זינגען — ווי גרינג!

און דאָס ביסעלע פּראָזע וואס ער האָט געשריבן איז בלויז א:

„ארײַנפֿיר" צו לידער . . . אויב ניט רייד פֿון א „רבין" וואס מוז זאָגן „תורה" און די פּראָזא אין דראַמאַטישער פֿאָרם איז אויך גיכער א „פֿאָרשפּיל" צו געזאַנג . . . א שפּיל אַזאַ אין נאַכטיגאַל, פּיערא, קאָלומבינא, בעל שם טוב, שרה בת טובים און מאַרקיזין פּאָמפּאַדור.

עס איז אַזוי טשיקאַווע צוזאַמענפֿירן שרה בת טובים מיט מאַרקיזין פּאָמפּאַדור!

דעם בעל שם טוב מיט אַרלעקין! . . .

שיר השירים — מיט דעלאַ-אַרטאַ!

לאַנדוי האָט געהאַט אין זיך עפּעס פֿון פּיראַנדעלאָ בנוגע צו וועלן פֿאַרשפּילן מענטשן און אידייען . . .

## 6.

לאַנדוי האָט ליב געהאַט יחוס און גוטע אָפּשטאַמונג.

אַלטע עטשינגס ווי אַלטע ספֿרים.

נײַע לידער וואָס שמעקן אַלט, אַלטע לידער וואָס שמעקן נײַ. אים, דעם נײַעם, האָט בעיקר זיך געוואָלט די אַלטקייט באַנײַען . . . און די נײַקייט פֿאַר־יחוס'ן . . .

אידישע אַריסטאָקראַטישקייט — ווי אַן אַלטער אײַנבאַנד פֿון אַן אַלטן ספֿר האָבן אים אימפּאָנירט.

פֿאַרבינדונג מיט דורות, מיט טראַדיציע, האָבן אים באַהערשט . . .

איז אויך דאָס געהערט צו די ווידערשפּרוכן פֿון זײַן נאַטור . . .

## 7.

זישא לאַנדוי איז געווען א מיטגליד פֿון דער אַלטער טרובאַדורן משפּחה, נאָר מיט א גוואַלדיגער פֿאַראַכטונג צו פּאָעטישע באַנאַ-ליטעטן און סתם גראַמערײַען . . .

ער איז געווען א זינגער, וועלכער האָט פארשטאַנען, אז אויב זינגען מוז עס זיין גוט!

ווען געזאַנג האָט אים צו שטאַרק באַהערשט — האָט ער עס געצאַמט מיט „פיקחות" . . .

לאַנדוי איז געווען א וואונדערלאַכער פארגייער פון דעם זינגענדיקן איציק מאַנגער. זייער ביידנס ליבע צו דער באַלאַדע איז אַן עדות אויף דעם.

דער באַלאַדע עלעמענט אומעטום, און לאַנדוי איז ניט נאָר באַלאַדיסט אין זיינע ענגלישע באַלאַדן . . .

און באַלאַדע איז די זינגענדיקסטע פאָרם פון געזאַנג. זי זינגט ביז פארוויגן זיך אליין.

לאַנדוי, ווי מאַנגער נאָך אים, האָבן אויךביידע ליב דאָס פורים-שפּיל, און דאָס העלפּט זיי ביידן ארויס אין זייער געזאַנג.

לאַנדוי האָט בטבע ניט געקאָנט פארטראָגן גערדאַנקען אין פּאָעזיע, סימבאָליזם און משיח׳איזם, דעם גוט-באַקאַנטן נביא׳שן טאָן און דעם הייזעריקן אויסגעשריי אויפ׳ן חשבון פון דעם ליד . . .

ער האָט אויך ניט ליב געהאַט קיין ברייטע שורות . . .

א ברייטע שורה אין א ליד — מיינט אָפּט ציען טאָן מיט גוואַלד . . .

און דערפאַר זיין ווידערווילן צו האַלפּערין און לייוויק. צו שרייענדיק זיינען זיי געווען פאַר אים, צו היסטעריש-דעקלאַמאַטאָריש . . .

אידייען אין א ליד — ווער דאַרף עס? ביי אים איז די אידייע דאָס ליד אליין . . .

און דערפאַר זיין ליבע צו מאַני לייב, דעם ראַפינירט-זינגענדיקן דיכטער און וואָרט-קאָקעט . . .

און דערפאַר זיין אכטונג צו יוסף ראָלניק, וואָס זינגט שטיל און פרום. כאָטש אין עצם, איז אים געווען פרעמד זיין ליטווישע געצאַמטקייט און אסקעטישקייט . . .

## 8.

האָט לאַנדוי געהאַט א „שיטה" ?

אויב מ׳קען רופן „שיטה" דאָס אייביגע פלאַטערן ארום פּאָע-טישן וואָרט, דאָס אייביקע זוכן שיינקייט דאָ און דאָרטן, האָט ער געהאַט אַ שיטה . . . אַ שיטה פון פלאַטערן און פיבערן פאַר דער שיינקייט פון וואָרט . . .

איז עסטעטיק איבערהויפּט אַ שיטה ? — איך גלויב, אז ניט. ווען איינער האָט ליב דעם ריח פון אַ בלום, וועט ער דערפון מאַכן אַ שיטה ?

שיינקייט — איז קאַפּריזנע.

עסטעטיק — איז שפּילעוודיק.

ער האָט געהאַט די „שיטה" אין זיין בלוט.

ער האָט אַנדערש ווי עסטעטיש, אַ ליד ניט געקענט אויפנע-מען . . .

לאַנדוי מיט זיין גאַנצער נייקייט איז אין תוך געווען אַ קאָנ-סערוואַטיווער דיכטער.

און ווי אַזוי האָט זיך ביי אים געפּאָרט זיין עסטעטיק מיט זיין קאָנסערוואַטיזם ?

פאַרשטיי איך עס אַזוי :

עסטעטיק — איז אין תוך אַן איינגעשטעלטע פאָרם, און דאָס מיינט קאָנסערוואַטיוו.

צו זיין עסטעט און געניסן פון שיינקייט — מוז מען זינגען אין גלייכע ליניעס, גוטע פאָרם און פיינעם ריטם . . .

כדי ניט ארויסשפּרינגען פון עסטעטישן „צאַם" מוז מען ווערן אַריסטאָקראַטיש ; זיך אָפּטיילן פון „המון" און פאַרגעטערן שיינ-קייט.

כדי צו זיין עסטעטיש, דאַרף מען זיך ניט קימערן ווענן עטיק, ווענן „גרויסע פראַגן און גרויסע ענטפערס" . . .

שיינקייט איבער אַלעם.

און געזאַנג איבער דער שיינקייט . . .

עסטעטיק האָט ליב שפּיל, און זאָרגלאָזיקייט איז דער היפּך פון עטיק וועלכע איז תמיד ערנסט און פאַרזאָרגט . . .

זישא לאנדוי'ס „פויגל" פון אלע פארבן, זיינען עדות אויף זיין קאָנסערוואטיוו-עסטעטיש-שפּילעוודיקן קוק אויף דער פּאָעזיע.

ווער נעמט עם היינט צו טאָג א נאכטיגאל פאר א טעמע ?

לאנדוי דער מענטש און דיכטער, וואס איז פול מיט ווידער-שפּרוכן, האָט באמת ניט געקענט סובל זיין די פרייע פערז-מאָדע אין דער אידישער פּאָעזיע. ביי אים האָט עס געהייסן צוצושטערן די אריסטאָקראטישע סביבה ארום דעם ליד.

לאנדוי דעם מאדערניסט-קאָנסערוואטאָר איז אפילו ניט געווען צום הארצן דאָס ארויסווארפן פונ'ם אידיש די שטומע „ה'ייען" און „עין" . . .

וואָס זשע איז פּאָרט געווען לאנדוי ? איך וואָלט געזאָגט: אן אלטער דיכטער וועלכער איז צוריקגעקומען . . . און געוואָלט אום-קערן דאָס נייע ליד צו זיין אור-קוואל . . . ציען ווייטער זיין „גאָל-דענע קייט", אפּשיידן פון שלעכטן גראַם, אויסאיידלען און באַ-העפטן מיט דורות אלטע און נייע שפּילעוודיק-זינגענדיקע דיכ-טער . . .

**חיים גוטמאן.**



# אַ פראַגמענט

איך טרעט אַריבער די שוועל פון טויט זיך צו זעען מיט זישאַ לאַנדוי׳ן און רעדן מיט אים. און אַט דערזע איך זיך אַליין אַרום-וואַנדערן אַ טויטער מיטן טויטן. ווי לאַנג און מיר וועלן דאָרט אויך זיין ? אָבער דערווייל בין איך דאָ, און מערקווירדיק ווי זיכער מיטן טראָט און מיטן אָנגעשטעלטן געהער און מיט די אָפענע אויגן.

ווען עס גייט פון אונז אַוועק אַ נאָענטער, אַ ליבער, גייט ער נישט אַוועק אַליין נאָר ער נעמט אונז מיט, און צוגלייכער צייט בלייבט ער מיט אונז דאָ. מיר ווילן אים נישט אָפּלאָזן. מיר האַלטן אים צו : גיי נישט, גיי נישט אַוועק. צעררייס נישט דעם בונד. נאָר אויב אַזוי איז דער שיקזאַל, וועל איך דאָ אַ ווײַלע בלייבן פון דיר צו טראַכטן, פון דיר צו רעדן, וועגן דיר צו זינגען, העלפן אויפשטעלן אַ געצעלט אַרום דיין וועזן, שאַפן לופט אַרום דיין נאָמען וואָס איז ווי אַ שטערן וואָס מען דאַרף אים ערגעץ אַריינשטעלן ער זאָל אויף ווייטער לייכטן.

זישאַ לאַנדוי איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער וועלט אַ זינגעוודיקער.. די פרייד האָט פון אים אַרויסגעקוועלט ווי וואַסער, ווי וויין, ווי ליכט, און צוגעגעבן אַ זין זיין אומגעבונג, די מענטשן און זאַכן אַרום. אַן אינזל געשאַפן. אויפגעשטעלט אַ שטוב, און מען האָט אָנגעהויבן צו אים קומען ווי צו אַ גוטן אידן : זעען און הערן די פרייד אויך אויסערהאַלב דעם ליד..

געוועז אזא הרחבה אין זיין נאַענטקייט. ווען אזא מענטש ווי זישאַ לאַנדוי באַוויַיזט זיך אין אַן אָרט, ווערט דאָס אָרט גרעסער. עס ווערט העל, ליכטיק, טאָג. דער דרויסן שטעלט זיך אַוועק אין שטוב. עס צעגעמען זיך די ווענט, און דו שטייסט ווי אין א פעלד. און ווען דו גייסט דערנאָכדעם אַוועק, איז ווי דו וואָלסט צוריק אין א שטוב אריין. גוט איז מיט אזא מענטשן ווען ער לעבט, און גוט איז מיט אזא מענטשן אפילו ווען ער איז שוין נישטאָ.

דאָס פערזענלעכע לייזט זיך אויף אין וועלטלעכעס, ווערט ירושה-אוצר און בלייבט לעולם ועד.

עס גייט ארום אויף דער וועלט ווי א קול וואָס מישט זיך נישט צונויף מיט אַנדערע קולות. עס איז דערהערבאר און דערקענט-לעך. עס איז א וועזנטלעכע איינהייט וואס לאָזט זיך נישט צע-טיילן, לאָזט זיך נישט מינערן, לאָזט זיך נישט צוגעבן, און ווער קען דאָס מיט אייגענע ווערטער איבערגעבן?

ווער איז געווען זישאַ לאַנדוי? אַלע זיינען איינשטימיק, אַלע ווילן האָבן דאָס אייגענע צו דערציילן. איך האָב געהערט אַלע מעשות, געהערט מבינות, און עפּעס איז עס נישט דאָס. לאַנדוי איז מער. יעדער מענטש, בפרט זישאַ לאַנדוי. הינטער אַלע מעשות שטייט ער און שמייכלט, לאַנדוי, און באַוועגט ליכט מיטן קאָפּ. אפילו ער אַליין קען זיך נישט. אָבער פונדעסטוועגן בעסער ווי אַן אַנדערער קען אים.

ער האָט א סך פאַרדעקט אין זיך, פאַרבאַהאַלטן פון א פרעמד אויג. און פיל פון דעם וואָס ער האָט אַרויסגעוואָרפן פאַר אַלעמען איז געווען א כיוון צו פאַרפירן. ער פאַרבלענדט און פאַרפירט, שטעלט אויף ווענט, באַהאַלט זיך. אַליין איז אים גוט. געמיטלעך.

דאָס קלוגע וואָרט איז זיין פּאַנצער. מיטן קלוגן וואָרט איז ער זיכער קעגן דער וועלט. אָבער אַליין פאַר זיך, דאַרף ער נישט דאָס קלוגע וואָרט. גראָד דאָס לייכטע, דינע, איידעלע וואָרט, דאָס וואָרט פון געמיט. נאָר דאָס איידעלע וואָרט וועט דאָך ברענגען די גאַנצע סענטימענטאַלע גאַס צו אים אין שטוב אריין, גיט ער זיך א קלייד אָן אין קלוגקייט, און האַלט! —

איך וויל נישט טרייבן דעם דאָזיקן געדאַנק צו ווייט — ער קען מיך אַליין פאַרפירן. איך מוז צוריקגיין צו אים אַליין, אין

זכרון צוריק ארויסרופן אים און פרעגן בא אים: זישא לאנדוי, גיב זיך צו דערקענען.

איך זיץ מיט אים אליין און קען ווייטער שרייבן.

אָט אזוי אינם מיטן צווישן זיין און נישט-זיין, לעבט דאָס אמת׳ע לעבן; דער סך הכל: די דיכטונג. דאָס באַוועגן זיך אָן זיך צו באַוועגן, דאָס הערן אָן געהער, דאָס זעען אָן די אויגן. דאָרטן וואו לאנדוי איז פון איצטער אָן, אין דעם אָרט פון דיכטונג, בלויז דיכטונג.

זאָלן מיר אים ארומוועבן מיט מעשות אָדער לאָזן אים אזוי שטיין א נאקעט-אויפגעלויכטענעם פאר אונז אין זיין ליד — אזוי, אָן פּנים, אָן גוף, אָן קלייד און שוך, — בלויז ריטם, טעם, אָטעם.

ווי אומפארלעסלעך זיינען די אלע אויפמאָלרייען פונם דיכ-טער וואס דער דיכטער מאָלט נישט אויף פון זיך אליין. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט אין די לידער.

„עס איז גאָרנישט ניט געשען״ אָבער די דיכטונג איז געשען.

אפשר איז דאָס פארגענגלעכע לעבן פאראנען בלויז צוליב דער שטילער, דויערהאפטיקער דיכטונג, און עס איז דאָ אחריות אין אזא ווילן פאר דיכטונג, און די דיכטער גיבן דערמיט דעם איינציקן גרויסן זין דעם לעבן.

דער דיכטער שטייט צווישן דער ווירקלעכקייט און דער דער-גרייכונג. דאָס לעבן פירט זיך גראָב און שווער און אָן א רודער, און דאָס ווערק, איינגעצאמט און מוסטערהאפט, ליגט אין הארצן פארהוילן ווי אין א טראכט. אָט דעמאָלט מאכט דאָס דער דיכטער דעם טאָלק אין זיין אומרואיקן שווערן לעבן, באצווינגט עס מיטן ריטם פון אידעאלן זיין, וואשט עס און ברענט עס — ביז וואנען דאָס ליד באווייזט זיך — שטיל, טיף און וואָרהאפטיק, אזוי ענלעך און נישט-ענלעך אויפן לעבן אליין.

און ווי מיר שטייען אזוי פארגאפט און באוואונדערן דאָס אליץ, צעשמייכלט זיך ליב דער דיכטער: „עס איז גאָרנישט ניט געשען״

און מיט די ווערטער איז די מעשה צו ענד. אָבער די מעשה „זישא לאנדוי״ הויבט זיך ערשט אָן.

**יהודה טאָפּעל.**



חייה'לע לאנדוי　　רייזל לאנדוי　　זישא לאנדוי　　אסתר'ל לאנדוי

# וועגן זישא לאנדוי

ערשט גאָר ניט לאַנג צוריק איז זישא לאַנדוי פון אונז אוועק. עס איז נאָך צו־פרי צו שרייבן איצט וועגן זיין לעבן, צו געבן א פולן ליטעראַרישן פּאָרטרעט, אַן אויסשעפּנדיקע אָפּהאַנדלונג און אַן אָפּשאַצונג פון איינעם פון די קאָלירפולסטע און טיפסטע פּאָרשטייער פון אונזער מאָדערנער דיכטונג.

דאָס וועט געוויס געטאָן ווערן, — איך האָף, אז אין דער גאָר נאָנטער צוקונפט. עס וועלן זיין געווג געלעגנהייטן צו שרייבן דערווייל אָבער זיינען לאַנדוי׳ס פריינט איינציק, אז עס מוז ארויסגעגעבן ווערן א בוך וועגן לאַנדוי׳ן, וואָס זאָל קאָנען באַגלייטן לאַנדוי׳ס אייגענע ביכער; דאָס בוך וועגן לאַנדוי׳ן פון לאַנדוי׳ס פריינט און נאָנטע זאָל זיין א פּאָרלויפיקער מאָנומענט דעם אוועקגעגאַנגענעם פריינט און חבר.

א פּאָרלויפיקער מאָנומענט. אבער ניט א קאַלטער, שטומער שטיין, א צייכן פון אייביקער אָפּגעשיידטקייט, נאָר א מין ווידערזען זיך מיט אים, ווי ער איז געווען אַלע יאָרן און ערשט ניט לאַנג צוריק.

דער לייענער, וואָס וויל באַקומען וועגן לאַנדוי׳ן עפּעס סיסטעמאַטישעס, וועט מוזן קודם כל לייענען לאַנדוי׳ן אליין; ער וועט מוזן זיין אביסל געדולדיק און וואַרטן, ביז עס וועלן ארויסגיין פון דרוק לאַנדוי׳ס ביכער, און מען וועט שרייבן וועגן אים פולערע אָפּהאַנדלונגען. אין דער איצטיקער זאַמלונג וועט ער געפינען נאָר

פראגמענטן, פרישע בלעטלאך פון זכרונות, פארנאָטירונגען פון פריינט, וואס אויב זיי ווילן דאָ עפּעס ארויסזאָגן, איז דאָס דער עיקר — אז לאנדוי איז ניט געבליבן אליין אין אונזער שריפט־שטעלערישער וועלט, אז ער לעבט אין זיי מיט זיין פערזענלאכקייט, מיט זיין קולט פון שיינקייט און מיט דער הויכער קולטור פון ליד, וואס ער האָט אזויפיל געטאָן צו ברענגען אין אונזער פּאָעזיע.

---

עס איז זייער שווער אָנצונעמען עפּעס אן אקאדעמישן טאָן, שרייבנדיק וועגן לאנדוי׳ן, ווען ער שטייט פאר די אויגן אזא לעבעדיקער. אָט איז ער דאָ אנטקעגן מיר מיט זיין ליבן שמייכל און ווארפט לאקאָנישע באמערקונגען, וואָס זיינען אָפּטמאָל אויסגעטאָקטע אפּאָריזמען. אָט בויגט ער זיך אָן צו מיר און זאָגט מיר, פארטרויט מיר עפּעס שטיל. אָט זייט ער עפּעס ארויס געציילטע ווערטער, קוקנדיק אין א בוך. אָט הויבט ער אלע ווײלע אויף די בלויע אויגן, ווען ער רעדט מיט א קנייטש אויפן שטערן וועגן אן ערנסטן פערזענלאכן ענין. אָט לייענט ער פערזן רוסישע, אָדער ענגלישע, אָדער אייגענע אידישע, און ער צעשטראלט זיך, אָדער ער קרימט זיך. אָט זיצט ער ביי מיין זייט, רויכערט א פּאפּיראָס, און ווען נאָר איך נעם זיך שטייף פארשנורעווען א זאץ וועגן אים, אָנצינדן א קאלט פייערל פון פּאטאָס, צעלאכט ער זיך א פארויטלטער, און איך לאך מיט מיט אים א פארשעמטער. ער ווייס, אז איך וויל דאָס ניט, און ער אליין וויל דאָס געוויס ניט. דעריבער וועל איך די עטלאכע קורצע נאָטיצן מוזן שרייבן כמעט אזוי, ווי איך וואָלט דאָ ערנסט געשמועסט מיט אים אליין, אָדער מיט עמיצן, ווען ער איז דערביי, אָדער מיט עמיצן, וואס איז אים געווען נאָנטער. איך וועל דערמאָנען מאָמענטן אפשר ניט די גאָר וויכטיקסטע, נאָר וואס קומען מער אויפן זין, אפשר ווייל דאָ איז געווען מער פּערזענלעכע שיכות.

איך קאָן מיר ניט העלפן, אויב די איצטיקע נאָטיצן וועלן אויסקומען ערטערווייז צו סוביעקטיוו און ניט געבונדן אין געהעריקער פּראָפּאָרציע. די טעמע, וואָס איך האב גענומען, איז סאַוויי צו גרויס: אייניקע בלעטלאך פון לאנדויס לעבנס־געשיכטע,

אביסל „טעאָריע", אביסל פּערזענלאכע זכרונות, — יעדע זאך א טעמע פאר זיך אליין, און דער ליבער לייענער וועט מיר מוחל זיין, אויב ער וועט דאָ ניט געפינען קיין געהעריקע אָרדענונג אָדער סיס-טעם אָדער עפּעס אנדערש, וואָס ער האָט דערוואַרט.

עס ווילט זיך נאָך שוייגן אביסל וועגן לאַנדוי׳ן. שווייגן און פרייזיין פון שווערע אייביקע סודות. שווייגן אין טיפער באַשיידנ-קייט פון פריינטשאַפט. עס ווילט זיך אָפּשטופּן פון זיך לאַנדוי׳ן ווי א טעמע, ווען לאַנדוי שטייט אזא לעבעדיקער פאר די אויגן, און עס ווילט זיך, ער זאָל אזא בלייבן.

ווארום עס איז שוין אזא גרויזאַם נאַטור-געזעץ, אז א זאך, וואָס זי זאָל ניט זיין, — אויך א מענטש, — מוז זיין אביסל דער-ווייטערט, כדי אונזער אויג זאָל עס קאָנען אין זיך איינגאַנצן אויפ-נעמען; אָדער אז מען זאָל אָן דעם געגענשטאַנד צי אָן דעם מענטשן אויף א וויילע קאָנען פארגעסן, כדי דערנאָך צו קאָנען ארויסרופן אין זיך א העלע דערמאָנונג. עס איז אבער איצט אומ-מעגלאך צו שרייבן וועגן לאַנדוי׳ן און אויף א וויילע אָן אים פאר-געסן אָדער אים אביסל דערווייטערן. אוממעגלאך די גאַנצע פּראָ-צעדור, די אלע באַוואוסטזיניקע הכנות. דעריבער קאָן מען זיך ניט פארנעמען איצט מיט געבן א פולן „אָביעקטיוון פּאָרטרעט" פון לאַנדוי׳ן, אָן אלזייטיקע באַלויכטונג פון זיין פּאָעטישער און שריפטשטעלערישער ארבעט, אָדער סתם מיט א סדר און מיט איינ-צעלהייטן וועגן אים דערציילן.

איך האָב לאַנדוי׳ן געפילט, אפילו ווען ער איז לעבן מיר ניט געווען. איך האָב געמעגט צייטנווייז אים לאַנג ניט זען, — וואָס איז, ליידער, געשען צו-אָפט די לעצטע יאָרן, — אבער איך האָב אלעמאָל געוואוסט, אז עס איז פאַראַן לאַנדוי, און צו יעדער צייט קאָן איך זיך מיט אים טרעפן. אזויפיל יאָרן איז ער געווען מיט אונז, און ער וועט נאָך א לאַנגע צייט בלייבן מיט אונז א לעבעדיקער.

ווארום לאַנדוי איז געווען אזא העלע, לעבעדיקע פיגור, אז עפּעס מיט זיין זיין אליין איז ער אלעמאָל געווען אומגעהייער וויכ-טיקער און פולער פון יעדער מעגליכער טעאָריע, קאָנצעפּציע, פון יעדער געשטאַלטונג פון אים, וואָס עמיצער פון זיינע נאָנטע וואָלט

זיך פארנומען צו געבן. ער האָט אזוי אויסגעפילט יעדע רגע, וואס מען איז מיט אים געווען, און ער איז געווען אזוי אינערלאך אַק-טיוו, אז זיין איז געווען פולשטענדיק געגוג און האָט קיינמאָל ניט געוועקט קיין קשיות, ווער און וואָס, אייגנטלאך, ער איז.

אפשר דערקלערט זיך מיט דעם, וואס מען האָט ווענן אים אזוי ווייניק גערעדט ט ע אָ ר ע ט י ש און אזוי ווייניק געשריבן. די נאָנטע זיינע איז קיינמאָל ניט איינגעפאלן צו געשטאלטן לאנדוי׳ן, ווי א פארענדיקטע זאך, ווייל ער איז אלעמאָל געווען אינטערעסאנט מיט זיין ו ו ע ר ן, מיט עפּעס א נייער אנטוויקלונג אין אים; און פאר די ווייטערע איז געווען ניט לייכט אים צו באנעמען.

„צווישן אונז גייט ארום א מת״. — אזוי האָט מיר אין פאר-לויף פון לעצטן יאָר א פּאָר מאָל געזאָגט ראובן אייזלאנד, וועלכער האָט ליב אין ווייטאָג און שרעק, ווי אין פרייד, צו געפינען אן אַנ-שפאר אין שארפע איינענע פאָרמולירונגען.

איך מוז צוגעבן, אז די ווערטער פון אייזלאנד׳ן, וועלכער איז געווען לאנדוי׳ס א זייער נאָנטער פריינט, האָבן מיך דעמאָלט שאָ-קירט, האָבן מיר געקלונגען גרויזאם, כאָטש זייער אמת וואָלט איך ניט געוואָגט צו לייקענען, ווי מיר טוען דאָס אָפט מיט א ניט-גע-ווינשטן אמת. מיר האָבן אלע געוואוסט, אז יאָרנלאנג איז שוין לאנדוי א געפערלאך-קראנקער, און אז זיינע פירונגען קאָנען ברענ-גען זיין טויט יעדן טאָג. אָבער מיר האָבן דאָס אלץ ווי אוועקגע-שאָרט פון זיך. מיר האָבן זיך ווי איינגעלעבט מיט זיין שווערן הארץ-קראנקן צושטאנד.

ביז איין טאָג, שבת, יאנואר 16, 1937, האָט אונז געגעבן די שאַרפסטע באשטעטיקונג פון אייזלאנד׳ס שארפער פאָרמולירונג.

איצט אָבער גייט צווישן אונז ארום אן אויפסניי לעבעדיקער לאנדוי. די אלע געפארן, וואס האָבן אויף אים געלויערט לאנגע יאָרן ביז מיט עטלאכע חדשים צוריק, זיינען שוין ניטאָ. איין נייע געפאר איז נאָך פאראן פאר לאנדוי׳ן: די געפאר פון ניט פאר-שטאנען ווערן און פון מוזן ענטפערן אויף עפּעס, וועט קיין ענטפער איז ניט מעגלאך.

נעמט, למשל, א קליינקייט: די אויסלעגונג פון זיין נאָמען. עס זיינען געווען געוויסע קליינקייטן, אין וועלכע לאנדוי האָט עפּעס ניט געהאט קיין מזל. ער האָט געשריבן זיין ערשטן נאָמען אלעמאָל ז י ש א, און ניט ז י ש ע; און איך געדענק, ווי ער האָט זיך אמאָל געערגערט, ווען אין א נאָטיץ אין א היגער צייטונג איז זיין נאָמען געווען געדרוקט ז י ש ע. איצט, ווען ער איז געשטאָרבן, איז אין א העלפט פון די ארטיקלען און נאָטיצן וועגן אים אין צייטשריפטן פון פארשיידענע לענדער געווען גע-דרוקט דער נאָמען ז י ש ע. דאָס איז נאָר אונזער אויסערגע-וויינלאכע אָפּגעלאָזנקייט, ווארום די אלע מספּידים און נעקראָ-לאָגן-שרייבער האָבן דאָך געווים ניט געמיינט אויסצודריקן אומ-אכטונג צו לאנדויען.

אָט האָט אלמי געהאט וועגן לאנדויען צוויי ארטיקלען, אין דער היגער „פרייער ארבייטער שטימע" און אין די „ליטעראַרישע בלעטער", איז אין ביידע ארטיקלען דער נאָמען געווען ז י ש ע. אלמי איז געווען באפריינדט מיט לאנדויען, און ער וואָלט אים בשום אופן ניט געוואָלט באליידיקן. שוין דער אינהאלט אליין פון די ארטיקלען זאָגט עדות אויף דעם. און די צוויי רעדאקציעס זיי-נען אויך ניט אומפריינטלאך צו לאנדויען. און דאָך האָט מען פאר-זען, אז אין טעקסט און אין די „קעפּ" פון ביידע ארטיקלען האָט לאנדוי באקומען א פרעמדן נאָמען.

איך וועל דאָ פּרואוון אביסל דערציילן וועגן לאנדויס לעבן און וועגן איינינגע מאָמענטן פון זיין פּאָעטישער ארבעט.

## פלאָצק — ניו יאָרק; טראַדיציע און „סאָציאַלער" שאַבלאָן

די באבע שפּאַנט ארום א שטראָלנדיקע,
חן-גריבלאך חנ׳דלען זיך אין איר געזיכט.
און ס׳בלאנקט דער טיש מיט פּאָרצעליין און זילבער,
און אין מאָסיווע לייכטער ברענען גראָבע ליכט.

מען האַלט זיך אלץ אין גרייטן, ס'איז דער ערשטער סדר.
מיר, קינדער, אָבער זיצן שוין ביים טיש פון לאנג;
מיט לויכטנדיקע אויגלאך וויגן מיט די פיסלאך,
עס סקריפּעט אונטער אונז די לאנגע באַנק.

אין אַטלאס און אין פּערל גייט אַרום די באָבע,
און ווי א שעמעוודיקע כלה קוקט זי אויס:
עס זיינען היינט צום ערשטן מאָל צוזאמען
די קינדער און די אייניקלאך ביי איר אין הויז.

זי קוקט אויף אונז און קנעט די הענט אָן אויפהער
און ווייס ניט וואָס צו טאָן מיט זיך פאר פרייד,
און מיטאמאָל אנטלויפט זי גאָר אינגאַנצן,
קומט באלד צוריק און טראָגט וואָס אין איר קלייד.

זי גיט א וואָרף, און אויפן טיש געפאַלן
אודאי הונדערט כוסות זיינען מיט אמאָל.
— „איך וויל אייך, קינדער גאָלדענע, ניט ציילן"—
קלינגט מיט דעם זילבער גלייך דער באָבעס קול.

(ז. ל., „די סטריקאָווער רביצין").

דאָס לעבן פון א אידישן שריפטשטעלער איז אָרים אין אוי-סערלאכע געשעענישן, און לאנדוי איז אין דעם פּרט קיין אויסנאַם ניט געווען. די גרעסטע ווירקונגען קומען דאָ פון ירושה, אָפּשטאַם, און פון פאַרשיידענע ליטעראַרישע איינפלוסן.

ביי לאנדוי'ן זיינען משפחה-איינפלוסן געווען באַזונדערס קלאָר און באַזונדערס וויכטיק. זיי קלערן אויף פאר אונז א סך פון די סתירות אין לאנדוי'ן, וועלכע האָבן ביי אונז א סך מענטשן אזוי שטארק געווירקט אויף די נערוון, וועלכע מען האָט ביי אונז גע-האַלטן פאר ווער ווייס וואָסערע פאַרברעכן.

נעשטאַמט האָט לאנדוי פון אן אלטער יחוס'דיקער פאמיליע. זיין פאָטער מענדל איז געווען א הענדלער אין דער שיינער פוילישער שטאָט פלאָצק, ניט ווייט פון דער דייטשער גרענעץ. ער איז געווען

דער זון פון א חסידישן רבי׳ן, ר׳ מאָטל. די מוטער איז געשטאָרבן, ווען זישא איז געווען צוויי יאָר אלט, און דער פאטער האָט חתונה געהאט מיט איר שוועסטער, וועלכע איז געווען א וועלטלאכע פרוי, האָט גערעדט פויליש און האָט זיך געקליידט שיין.

אין דער פאמיליע האָבן געהערשט אין דערזעלביקער צייט באגריפן און לעבנס-פירונגען פון אידישן מיטלקלאס און פון רבי-אישער אריסטאָקראטיע, פירונגען פון דער גרויסער וועלט און טרא-דיציעס פון לאנדוי׳ס זיידן, דעם סטריקאָווער רבי׳ן, ר׳ וואָלף לאנדוי, און פון זיין עלטער-זיידן, דעם בארימטן טשעכאנאָווער רבי׳ן ר׳ אברהם לאנדוי. די אלע ווירקונגען, די רביאישע טרא-דיציעס געמישט מיט וועלטלאכקייט, האָבן געהאט א טיפן איינ-פלוס אויפן יונגן לאנדוי׳ן, וואס מען קאָן זען אין זיין גאנצן וויי-טערדיקן לעבן און אין זיין דיכטערישער ארבעט.

פארשיידנארטיק איז אויך געווען לאנדוי׳ס בילדונג. ער האָט באקומען א אידישע בילדונג אין חדר און האָט געלערנט וועטלאכע לימודים, העברעאיש, פויליש און דייטש ביי פריוואטע לערער. אי-דישער מיטלקלאס וואוילשטאנד איז ניט קיין זיכערע זאך. ווען זיין פאָטער׳ס געשעפטן אין פלאָצק זיינען אוועק שלעכט, איז דער יונגער זישא אוועקגעפאָרן קיין ווילנע, וואו ער האָט א קורצע צייט געארבעט אין געשעפט פון זיין פעטער יעבץ. מיט דעם פעטערס פאמיליע האָט ער דערנאך אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע, און ער האָט מיט זיי געוואוינט די ערשטע דריי יאָר אין דער נייער וועלט.

אין יענע דריי יאָר האָט לאנדוי געדרוקט זיינע ערשטע לידער. דאָס זיינען געווען יוגנט-לידער, מיט די געוויינלאכע פאָעטישע טע-מעס און טענער פון יוגנט. דער שפעטערדיקער לאנדוי איז אין זיי ניטאָ, זיי טיילן זיך ניט זייער שטארק אוים פון אנדערע לידער, וואָס דעמאָלטיקע פיינערע יונגע אידישע פאָעטן האָבן דאָ גע-שריבן, כאָטש מען קאָן אין זיי שוין דייטלאך זען א פעסטערן גע-דאנק און אן אויפמערקזאמקייט צו פאָרם. ערשט אין די יאָרן 1910, 1911, 1912, איז רייף געוואָרן לאנדוי׳ס איינגארטיקייט.

אין לאנדוי׳ס משפחה האָט מען, פארשטייט זיך, דערציילט אלערליי מעשות וועגן די פירונגען אין די הויפן פון ר׳ אברהם

טשעכאַנאָווער און ר׳ וואָלף סטריקאָווער. לאַנדוי האָט אַלעמאָל ליב געהאַט צו ווייזן זיינע פריינט און פאַראינטערעסירטע געסט ספרים און חפצים, וואָס האָבן געשטאַמט פון זיינע זיידעס די רביים. די רביאישע טראַדיציעס פון זיין משפחה זיינען אים אַלע-מאָל געווען טייער.

איין זייער כאַראַקטעריסטישע געשיכטע האָט מיר דערציילט ניט לאַנדוי אַליין, נאָר יוסף אָפּאַטאָשו, וועלכער איז לאַנדוי׳ס א ווייטער קרוב און וויים זייער גוט לאַנדוי׳ס יחוס. ר׳ אברהם טשעכאַנאָווער האָט געהאַט דורכגעפירט א שידוך צווישן זיין טאָכטער און דעם זון פון א רייכן סוחר אין א דערבייאיקער שטאָט. דער רבי האָט באַשטימט דעם טאָג פון דער חתונה און האָט דאָס געלאָזט וויסן זיין צוקונפטיקן מחותן. דער סוחר האָט אים אבער געענטפערט, אז ער וועט צו דער צייט, וואָס דער רבי האָט באַ-שטימט פאַר דער חתונה, מוזן ערגעץ אוועקפאָרן צוליב געשעפט.

דעם סוחר׳ס ענטפער איז דעם רבי׳ן שטאַרק ניט געפעלן גע-וואָרן. א חתונה אָפּלייגן צוליב געשעפטן? און דער רבי האָט באַלד אָנגענומען א פעסטן באַשלוס. ער האָט געשיקט רופן אַן אָרימען אַרענדאַר, א פשוט׳ן אידן. יענער איז געקומען א דער-שראָקענער: דער רבי רופט, וואָס קאָן דאָס זיין? דער רבי האָט אים אבער זייער פריינטלאַך אויפגענומען און אָנגעהויבן אים פאַנאַנדערפרעגן.

— האָסט א זון?

— יע, רבי.

— וואָס טוסטו, ווען דו שטייסט אויף אינדערפרי?

— איך טו מיך אָן, גיס אָפּ נעגל-וואַסער, גיי אַרויס און גיב עסן די בהמות און עופות. דערנאָך גיי איך צוריק אין שטוב און שטעל זיך דאַווענען. דערנאָך וואַש איך זיך און בייס עפּעס איבער.

— אַזוי? גיסט פריער עסן די בהמות און עופות און דערנאָך דאַווענסטו און עסט אַליין? אַזא איד איז גוט גענוג צו זיין מיין טאָכטערס שווער.

און מען האָט באַלד געשטעלט א חופּה.

דער פאַל, זאָגט מען, איז געווען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר ר׳ אברהם טשעכאַנאָווער, וועלכער איז געווען פריער פון אַלץ א

שטרענגער מענטש פון דין. אין דעם פאַל איז עפּעס אויך זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין אור-אייניקל זישא לאַנדוי, וועלכער פלעגט אויך אַזוי אָפּטמאָל אָננעמען פּלוצלונג „מאָדנע" פעסטע באַשלוסן, וואָס מען האָט געקאָנט האַלטן פאַר ריינע קאַפּריזן, אָבער וואָס האָבן אין דער אמת'ן געהאַט זייער לאָגיק, אַמאָל גאָר די שאַרפע לאָגיק פון געזעץ.

בכלל האָט מען אין אַפּשאַצונגען פון לאַנדוי'ן אָפּגעגעבן צו-פיל אָרט זיינע „קאַפּריזן", ווען זיי זיינען אין דער אמת'ן זייער אָפט געווען בליץ-שנעל דורכגעטראַכטע און דורכגעפירטע לאָגישע אויספירן און באַשלוסן, אָדער גאַנץ פאַרשטענדלאַכע, ראַציאָנאַלע רעאַקציעס פון אַ זייער סענסיטיוון און אַקטיוון מענטשן.

## אין דער היים און צווישן פריינט

מענטשן, וואָס האָבן לאַנדוי'ן קיינמאָל ניט געזען און האָבן נאָר געלייענט וועגן אים, אַז ער איז ביי אונז דער פאָרשטייער פון „ריינעם עסטעטיזם", אַ קעגנער פון סאָציאַלער און פון געדאַנק-לאַכער פּאָעזיע, אַ אידישער אָסקאַר וואַילד, האָבן זיך אים געקאָנט פאָרשטעלן, ווי אַ מענטש מיט אַ „פּאָעטישן" אויסזען און קליידונג, וואָס טראָגט אייך פאַראויס דעם פּאָעט, וואָס קוקט אויף אַלץ און אַלעמען פון אויבן אַראָפּ און וויל ניט הערן און זען קיין זאַך, וואָס האָט ניט צו טאָן מיט פּאָעזיע און האָט אַ שיכות צו קליינע ערדישע זאָרגן און אינטערעסן; און אַ מענטש, וואָס איז נאָך דערצו עפּעס „פּערווערז".

דאָס אַלץ איז אָבער פּונקט דער היפּוך פון דעם, וואָס לאַנדוי איז געווען. אויף אַזוי ווייט דער היפּוך, אַז מענטשן, וואָס וואָלטן זיך מיט אים באַגעגנט און וואָלטן ניט געוואוסט, אַז ער איז אַ פּאָעט, וואָלטן קיינמאָל ניט פאַרדעכטיקט, אַז זיי האָבן פאַר זיך טאַקע אין דער אמת'ן אַ פאָרשטייער פון ריינסטער פּאָעזיע, אַן אמת'ן עסטעט, וועמעס ליבע צו שיינקייט איז דווקא ניט קיין דרויסנדיקע, נאָר אַן אינערלאַך-טיפע, אַן אמת'ע. נאָר פּאָעטן האָבן דאָס אין לאַנדוי'ן גוט פאַרשטאַנען. א. ליעסין האָט מיר ניט

לאנג צוריק געזאָגט וועגן לאַנדוי׳ן, אַז ער האָט געוואָלט אויסזען ווייניקער פּאָעט, ווי ער איז אין דער אמת׳ן געווען.

לאַנדוי האָט קיינמאָל ניט באַלעסטיקט מיט פּאָעזיע אַ מענטשן, וואָס האָט ניט קיין שייכות צו איר; ער האָט אויך ניט גערעדט וועגן פּאָעזיע מיט אַ מענטשן, אפילו אַ פּערזאָן-שרייבער, אין וועמעס אמת׳ער שייכות צו פּאָעזיע ער, לאַנדוי, האָט ניט געגלויבט. ער האָט געקאָנט זיין פּונקט אַזוי אינטערעסאַנט, שמועסנדיק וועגן אַלץ אין דער וועלט, און פון קיין שום „פּערוועוזיטעט" איז ביי לאַנדוי׳ן קיין סימן ניט געווען. פאַרקערט, זיין ליבע צו שיינקייט און צום לעבן איז געווען אַ זייער געזונטע, נאָרמאַלע, איינפאַכע, און דערצו אַן עכט-אידישע. אונזער ליטעראַטור איז אַ דעמאָקראַטישע, אַ ליטעראַטור סוף כל סוף פאַר די פאָלקסמאַסן. איך ווייס ניט, ווי עס וואָלט ביי אונז אויסגעקוקט אַן אָסקאַר וואַילד, אָבער לאַנדוי איז דאָס זיכער ניט געווען און האָט ניט געקאָנט זיין.

פאַר די, אין וועמען לאַנדוי איז געווען פאַראינטערעסירט, איז ער געווען אַ שטענדיקער אויפמונטערער און אַ פריינט אויף דער וואָך, וואָכער פון זיי אַליין. ער פלעגט זיי נאָכזאָגן זייערע שורות, וואָס פלעגן אים באַזונדערס געפעלן, פלעגט זיי העלפן זיך אָריענטירן: „איר געהערט דאָך צו אונזער דור", „אַזאַ פיינקייט אין דעם לעצטן ליד אייערן", „דאָ איז פאַראַן אַ פיינער טאָן, פאַראַן סביבה". געוויינלאַך אָבער פלעגט ער מער שווייגן און שמייכלען צופרידן. אַזוי איז אויך געווען, ווען אים פלעגט עפּעס ניט געפעלן. „אָ, דאָס האָב איך שוין לאַנג דורכגעמאַכט", „איר ווייסט, אייער לעצטע זאַך געפעלט מיר ניט", „מיר וועלן זיך מוזן קריגן צוליב דעם".

איינמאָל ביי אים אין דער היים האָט ער פּלוצלונג שטיל אַ זאָג געטאָן צו אַ פריינט: „גיט אַרויס אַ ביכל לידער". דער פריינט האָט געמאַכט מיט די הענט אַ באַוועגונג, ווי מען פאַרבינדט אַ שניפּס. לאַנדוי האָט אויף דעם אַ זאָג געטאָן מיט אַ האַלב-ביטולדיקן טאָן: „ע", אָבער דער זשעסט איז, קענטיק, אים אַריין אין זינען אויף לאַנג.

זייער אויפמערקזאַם און פריינטלאַך איז ער געווען צו די איינגערע. אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך דורכגעשריבן מיט ראובן לודוויג׳ן. מיט אַזאַ פאַרגעניגן האָט ער מיר עטלאַכע מאָל איבערגע-

חזרט לודוויג׳ס שורות: „טעמפ און נאריש — קלאפט דער רעגן — אויף די ברעגן — פון מיין הוט...“ דאס פארוואָרט צו זיין „אנ-טאלאָגיע“ האָט ער איין צייט געוואָלט ענדיקן מיט „אונזער ראובן לודוויג“, אבער ער האָט דאס ניט געטאָן. איך געדענק דעם זיס-טרויעריקן שמייכל, מיט וועלכן ער האָט מיר איינמאָל דערציילט, אז אין דעם לעצטן בריף האָט אים לודוויג געשריבן: „איר, לאנדוי, זייט דאָך ביי אונז א קלאסיקער“.

וואו אנדערע האָבן געדארפט באאבאכטן, אנאליזירן, האָט לאנדוי געקאָנט באלד דערשפירן א זאך, דערזען זי און דערהערן אין אלע דעטאלן, אויפנעמען אלע ניואנסן. מיט זיין איינגעבאָ-רענעם חוש פאר פאָעזיע, זיין שארפן שכל, לעבעדיקער פאנטאזיע און הומאָר האָט ער אויך פארמאָגט א סך קולטור און געשמאַק. דאס האָט לאנדוי׳ס וואָרט און מיינונג געגעבן אזויפיל וואָג; צו-ליב דעם האָבן ביי אונז אלע לאנג אָנגענומען לאנדוי׳ן פאר דעם געזעצגעבער און שופט אין דער נייער דיכטונג.

ער האָט ביי אונז געהערט צו די, וואס האָבן געזוכט א סינ-טעז צווישן דעם אידעאל פון שיינקייט און דער רעאליטעט פון לעבן, און ער איז אין דעם געווען אונזער ערשטער אמת׳ער מאָדער-ניסט. ער, וועמען מען האָט ביי אונז פאָרגעשטעלט פאר א „פאָ-זיאָר“, איז דאס געווען ווייניקער, ווי אנדערע פון אונז, האָט גאָר פיינט געהאט יעדע פאָזע, יעדע אומנאטירלאכקייט, פאלשקייט און אָנגעצויגנקייט. ווי ווייט ער איז דאס געווען פון דעם קולט פון קונסט איבער׳ן לעבן, פון דער „קונסט פון ליגן“, ביי אָן אָסקאר וואילד!

לאנדוי, ווי אלע אונזערע שריפטשטעלער, איז געווען זייער נאָנט צום פאָלק, און ער האָט אליין געגנוג פארזוכט דעם טעם פון דעם שווערן לעבן פון דיזעלביקע „האָרעפּאַשנע מאסן“, פון וועלכע ער האָט ביי א געלעגנהייט זיך דערלויבט אָפצולאכן מיט׳ן גוט-מוטיקן עכט-אידישן געלעכטער, און אין אזא עכט-אידישן, פאָל-קישן לשון.

ווען ער איז אָנגעקומען אין דער מעטראָפּאָל פון דער נייער וועלט, א אינגל פון א וואָסערע 17 יאָר, האָט ער, צו פארדינען אויפן לעבן, געארבעט ביי וואס עס האָט זיך געמאכט. א טיף-

איינגעוואָרצלטע גוט-אידישע און א גייסטיק-אריסטאָקראַטישע תמימות האָט זיך ארויסגעוויזן אין אַלצדינג, וואס לאנדוי האָט געטאָן, סאַי אין די פארשיידנסטע ארבעטן, וואס ער האָט אָנגענומען, סאַי אין זיין פּערזענלאכן לעבן, אין באַציהונגען מיט מענטשן, אין זיין גאנצער פירונג.

וואס ער האָט זיך ניט פארנומען צו טאָן, האָט ער געטאָן מיט'ן גאנצן הארצן. צי ער האָט פאנאנדערגעטראָגן ציטונגען, צי ער האָט געארבעט ביי הויז-פארבעריי, צי שפעטער אין אמוניציע-פאבריקן, צי נאָכדעם ביי פארשיידענער ליטערארישער „שווארצער" אָדער „ניט-שווארצער" ארבעט, איז ער אומעטום און אלעמאָל און מיט אלעמען געווען דערזעלביקער קלוגער, פלינקער, זייער ארבעט-זאמער, זייער געטרייער און זייער גוט אויפגעלעגטער, פריילאכער און טיף-מענשלאכער חבר און שכן. יעדע ארבעט איז ביי אים געווען גלייך. און דעם ווערט פון א מענטשן האָט ער קיינמאָל ניט געמאָסטן מיט דער מאָס פון קלאַס, געזעלשאפטלאכן שטאנד, באַרוף אָדער אָנגענומענער אויבנאויפיקער רעפּוטאציע, נאָר גיכער מיט דער מאָס פון זיין עלטער-זיידן ר' אברהם טשעכאַנאָווער. אַן עכט-אריסטאָקראַטישער אידישער דעמאָקראַטיזם איז געווען טיף פארוואָרצלט אין אים.

יעדע ארבעט האָט ער געטאָן בשלמות און האָט זיך מיט קיין שום ארבעט קיינמאָל ניט געמיאוסט, ווייל געווען איז ער אפשר נאָך דעמאָלט דער שטאָלצסטער מענטש צווישן אלע זיינע פריינט. ווען ער איז געווען א הויז-פארבער, האָט ער דוקא ליב געהאט צו טאָן די „שווארצסטע" און שווערסטע ארבעט אין דעם פאך. איינמאָל האָט ער זיך מיט אזא ברייטקייט און שמייכלדיקייט צולייגט וואַשנדיק דעם דיל אין וועסטיבול פון א אידישער ציטונג און האָט אזא שיינענדיקער געענטפערט אויף באַגריסונגען, אז מען האָט נעקאָנט מיינען, אז דאָס טיילט דאָ ראקעפעלער פאנאנדער „דאימס" צו אָרימעלייט; אָבער א גייסטיקער גביר, וואָס האָט ליב מענטשן.

יאָרנלאנג זיינען מיר בײדע געווען פארבונדן ביי פארשיידענע ליטערארישע ארבעטן, און איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געהאט אזא פיינעם און ליבן חבר ביי דער ארבעט. ארבעטן מיט לאַנדוי'ן איז אלעמאָל געווען אַן אמת'ער פארגעניגן. די ארבעט האָט ביי אים

געברענט אונטער די הענט, און ער האָט אלצדינק באנומען פון א וואָרט, פון א וואונק. ער האָט ליב געהאט צו טאָן אן ארבעט גוט און גרינטלאך. וואו ער איז דערנאָך ניט געווען באשעפטיקט, האָבן מיר אַלעמאָל געוואוסט, אז מען האָט אים דאָרטן זייער ליב און מען שאצט אָפּ זיין ארבעט זייער הויך. זיין לעצטע שטעלע איז געווען ביי דער צדקה-פעדעראציע פון ניו יארק, און אלע פאַר-שטייער און טוער פון דער אָרגאניזאציע האָבן צו לאנדוי׳ן געפילט א טיפע אכטונג.

צווישן זיינע חברים און פריינט איז ער אלעמאָל געווען דער דערוואקסענסטער. ער איז געווען גרייט צו נעמען אלצדינג אויף זיך, האָט אלעמאָל פארמאָגט איניציאטיוו און דעם ווילן באלד דורכצופירן וואס ער האָט פארטראכט אָדער באשלאָסן. מאני לייב, איינער פון זיינע נאָנטסטע פריינט, האָט מיר ניט לאנג צוריק גע-זאָגט: „ער פלעגט דאָך אונז אלעמען פשוט צודריקן מיט זיין חכמה״. אבער אויב לאנדוי האָט מיט זיין קלוגשאפט און שארפזין פארטונקלט אלע זיינע פריינט, איז דאָס ביי אים אלעמאָל ארויס-געקומען איינפאך און נאטירלאך און אָן קיין שום כוונות עמיצן אריבערצושיינען. א חבר איז ער אלעמאָל געווען א קאָרעקטער, א זייער אויפמערקזאמער און איבערגעגעבענער. ניט זעלטן איז ער מענטשן געווען א בעסערער פריינט, איידער זיי זיינען געווען זיך אליין.

מיר האָבן לאנדוי׳ן גערן מוחל געווען זיינע שוואכקייטן, ווי ער האָט אונז גערן מוחל געווען אונזערע. ער פלעגט אמאָל זיך איינשפארן, אמאָל אפילו ווען ער האָט געוואוסט, אז ער איז אומ-גערעכט. אמאָל פלעגן זיין מיט אים צוזאמענשטויסן צוליב זיין עקשנות. אָבער לאנג זיך אָפּשטעלן ביי דער עקשנות האָט לאנדוי ניט געקאָנט. שוין ביי דער צווייטער באגעגעניש פלעגט אלצדינג זיין נאָך בעסער ווי געווען, און וועגן דעם פריערדיקן סכסוך פלעגט מען איינגאנצן פארגעסן.

מיר איז זעלטן אויסגעקומען מיט אים זיך אויסצוטענהן. מיט לאנדוי׳ן האָט מען בכלל געקאָנט זיך פארשטענדיקן אויפן וואונק, און טענות זיינען זעלטן געווען נויטיק. און זעלטן ווער עס האָט אזוי געקענט פארשטיין און מוחל זיין מענטשן זייערע קליינ-

לאבקייטן און שוואכקייטן, — אויב נאָר זיי האבן דעם מענטש ניט געמאכט דורכאויס מיאוס, — ווי דאָס האָט געקענט לאנדוי. מענשלאכע שוואכקייטן האָט לאנדוי גענומען ווי א גאנץ נאַטיר־לאכע און געהעריקע זאך, ווי א טייל פון דעם סדר העולם. ער האָט זיי גענומען מיט דער גוטמוטיקייט און חכמה פון דער טיפער לעבנס־דערפארונג, וואס ער האָט זיכער באקומען בירושה פון דורות.

ווי איצט זע איך אים ביי אן אָרימען רונדן טיש אנטקעגן מיר. מיט זיין געווייגלאכן אביסל חסידישן ניגון לייענט ער מיר זיינע לעצטע לידער. אין איין ליד שטעל איך זיך אָפּ אויף א ניט־ריכטיקן וואָרט. לאנדוי שפּארט זיך מיטאמאָל איין: עס אַרט אים ניט, זאָל בלייבן ביי אים א ניט־ריכטיק וואָרט! זאָל א קריטיקער האָבן וואס צו דרשנען! דאָס איז געווען זיינס א פיין ליד וועגן טאָלן און לאמטערן־שיין. און אזוי מיט׳ן ניט־ריכטיקן וואָרט האָט ער דאָס ליד געלאָזט אָפּדרוקן און האָט עס אזוי אריינגענומען אין זיין „אנטאָלאָגיע״, וואס מ. י. שעלובסקי׳ס פארלאג „אידיש״ האָט ארויסגעגעבן אין 1919.

לאנדוי איז ניט געווען קיין ערודיט, אָבער ער האָט **געוואוסט** זאכן א סך בעסער, ברייטער און תוכ׳יקער, איידער געוויסע גרויסע קענער און ווייסער ביי אונז. איך פלעג זיך אָפּטמאָל חידוש׳ן, פון וואנען לאנדוי האָט גענומען אזוי פיל אמת׳ן וויסן. ער פלעגט פון א וואָרט אויפכאפּן און באנעמען אזוי פיין און גרינטלאך א טיפן ענין. ער האָט פארמאָגט א מערקווירדיקע איינגעבאָרענע אינטע־ליגענץ, וואס קיין שום אקאדעמישע קורסן קאָנען ניט געבן. עס האָט אים אבער קיינמאָל ניט אויסגעפעלט קיין געלערזאמקייט, ווען ער האָט זי גענדארפט האָבן.

אין פּראקטישע זאכן האָט קיינער לאנדוי׳ן ניט געקאָנט ארי־בערשטייגן. אלץ האָט ער געוואוסט און אין אלץ האָט ער זיך גיך פאנאנדערגעקליבן. אין פארשידענע לעבנס־פּלאָנטערס און סיכסוכים איז לאנדוי געווען דער בעסטער ערן־ריכטער, און פאר זיינע פריינט איז ער געווען דער קליגסטער עצה־געבער.

ער האָט ליב געהאט געגנשטאנדן, זאכן און האָט אלעמאָל עפּעס געזאמלט, — שטיינער, אנטיקן, צייכענונגען, בילדער.

מיר דוכט, אז קיין פרוי וואָלט אים ניט איבערגעטראָפן אין שטוב-ווירטשאַפט. און ווען ער פלעגט גיין מיט זיין רייזלען זען א נייע דירה, פלעגט ער אין איין בליק אריינכעמען אלע לידיקע צי-מערן, ווענט, ווינקלען און פענסטער און פלעגט רייזלען געגוי אויס-מאָלן, ווי אזוי די נייע וואוינונג וואָלט געווען, וואו וואָס עס וואָלט געשטאַנען.

אין דער היים ביי לאַנדוי׳ן איז מיט אים געווען פול יעדער ווינקל. אלצדינג האָט ער געזען און געפילט, און אין אלצדינג האָט ער זיך באַטייליקט. ער האָט געקענט גוט טאָן אלע שטוביקע אר-בעטן, ראַמען, וואַשן, קאָכן און פּרעגלען. אין אלצדינג, וואָס לאַנדוי האָט געטאָן, האָט ער אריינגעלייגט געשמאַק און וויסן און פאַרשטאַנד. אין דעם פּרט איז געווען אלצאיינס, וואָס ער האָט גע-טאָן, צי ער האָט עפּעס געפּרעגלט אָדער געבאַקן, צי ער האָט גע-שריבן א ליד אָדער אַן אַרטיקל, צי ער האָט עמיצן ארויסגעגעבן א בוך.

אין ארויסגעבן שיין ביכער האָבן זיך צו אים געקאָנט גלייכן אפשר נאָר דוד קאַזאַנסקי און דוד איגנאַטאָוו, אויף ווי וויט מיר איז באַקאַנט. ווי אין אלץ, פלעגט ער באַשליסן שנעל און באַלד דורכפירן דעם באַשלוס. און זעלטן ווען ער האָט געמאַכט א טעות. איינמאָל האָט ער ביי מיר גע-פרעגט, וואָס פאַר א פאָרמאַט עס וואָלט געפּאַסט פאַרן בוך לידער פון אברהם משה דילאָן. איך האָב אים געגעבן א באַנד לידער פון דזשעימס סטיוועגס. ווי נאָר לאַנדוי האָט א קוק געטאָן אויפן בוך, האָט ער א זאָג געטאָן צו אלעמען אין שטוב: „דאָס איז דער פאָרמאַט פון אברהם משה׳ס בוך". און אברהם משה׳ס בוך איז איינס פון די שענסטע, וואָס זיינען ביי אונז ווען עס איז ארויס-געגעבן געוואָרן.

לאַנדוי דער בעל-הבית און לאַנדוי דער גאַסט האָט באַצוי-בערט מיט זיין איינפאַכקייט, האַרציקייט, קלוגשאַפט און געשיקט-קייט. קיינער האָט זיך ביי לאַנדוי׳ן ניט געפילט אומבאַקוועם אָדער איינזאַם.

און לאַנדוי, דער געזעלשאַפטלאַכסטער מענטש ביי אונז, וואָס איז אפילו געווען אויף „דו" מיט א סך האַלב-פרעמדע מענטשן,

דערזעלביקער לאנדוי האָט די איינזאַמקייט פון מענטשן זייער שאַרף געפילט, באַזונדערס שאַרף אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן.

## פון סאָציאַלע לידער ביז „וואונדערבאַרע פערזן" און — צוריק

אָ, נעכט באַוויינטיקטע! אָ, טעג באַזונענע!
אָ, קליינע קינדערלאך אין ווייס געקליידטע!
באַבוימטע וועגן ערגעץ ווייט אנטרונענע!
פאַרבלויטע הימלען אזוי לייכט צעשפּרייטע!
בריוו אַלטע אומגעריכטערהייט געפונענע!
רעמיניסצענצן! צייטן לאנג פאַרגעסענע!
אָ, ווערטער, איינגעשפּינוועבטע, צופרעסענע!

(ז. ל., פון דער סעריע „וואונדערבאַרע פערזן", 1917).

אין דעם יאָר, ווען דער 17 יאָריקער לאנדוי איז אָנגעקומען קיין ניו יאָרק, האָט ער אין „פאָרווערטס" אָפּגעדרוקט זיין ערשט ליד, „מיין ליד". פון דעמאָלט אָן האָט ער געדרוקט לידער אין וואָכנבלאט „דער ארבייטער" און אין אנדערע צייטשריפטן, ביז עס האָט זיך פאָרמירט די גרופּע אזוי-גערופענע „יונגע", וואָס האָט גענומען ארויסגעבן אייגענע זאַמלביכער.

„מיין ליד" און די אנדערע לידער, וואס לאנדוי האָט גע-דרוקט אין יענע ערשטע יאָרן, זיינען סאָציאַלע לידער אָדער ליריק לויט די אַלטע אָנגענומענע מוסטערן. לאנדוי איז נאָך דאָ איינגאַנצן אין דעם שאַבלאָן פון אונזער אמאָליקער ארבעטער און רעוואָלוציאָנערער דיכטונג. אָבער ער באַפרייט זיך פון דעם דאָזיקן שאַבלאָן זייער גיך, און אין א פּאָר יאָר ארום הערן זיך שוין ביי אים טענער און עס וואַרפן זיך דורך שורות, וואָס זיינען א קלאָרער אָנזאָג אויף דעם שפּעטערדיקן לאנדוי׳ן, דעם פיינעם עקספּערי-מענטירער און נאָוואַטאָר און דעם דיכטער פון „ווערטער וואונדער-באַרע, דינע".

„פאַראַנען ווערטער וואונדערבאַרע, דינע,
קוים זאָגסטו זיי, ווערט לייכטער דיין געמיט..."

ביז לאנדוי איז צו זיינע ווערטער דערגאנגען, האָט ער דורכ־געמאכט א גרויסע ארבעט, א גאנץ לאנגען פּאָעטישן אנטוויקלונגס־וועג. אבער אָנגעהויבן זיין דיכטערישע ארבעט האָט לאנדוי פּאָס־טיש ווי א סאָציאַלער פּאָעט און יעדנפאלס אין דער אמאָליקער טראַדיציע.

דער וועג זיך ארויסצושלאָגן פון דעם „סאָציאַלן" שאַבלאָן איז געווען דער וועג „צו זיך", צו „איך"־טעמעס, צו אינדיווידועלע אמת'ע איבערלעבונגען, צו מער באוואוסטזיין און קלאַרקייט און פיינערער פאָרם, צום לעבעדיקן וואָרט אין דער פערז־קונסט.

עס איז געווען נאַטירלעך, אז לאנדוי, איינער פון די עמפינד־לאַכסטע און אין דער אייגענער צייט באוואוסטזיניקסטע פון די אינגערע פּאָעטן, וואָס האָט פארמאָגט א כמעט אומפעלבארן גע־הער, זאָל גיך ווערן איינער פון די הויפּט אָנפירער פון דעם רע־נעסאַנס, וואָס די גרופּע אזוי־גערופענע „יונגע" האָט געבראַכט אין דער אמעריקאנער ליטעראַטור און דיכטונג.

לאנדוי האָט זיך שפּעטער גענומען צו אמת'ער סאָציאַלער דיכ־טונג. דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה. לאנדוי האָט אין דער צייט פון מלחמה אָנגענומען א שאַרפע פּראָ־ענגלישע און אנטי־דייטשע אָריענטאַציע און האָט אין פאַרלויף פון א יאָר געשריבן מלחמה־לידער מיט אזא טענדענץ, — לידער־פּראָפּאַגאַנדע, לידער־קאַמפּסרופן. ער האָט אבער גיך איינגעזען, אז ער האָט גע־מאכט א טעות, אז דאָס איז ניט זיין פעלד. צוויי מאָל האָט לאנדוי געוואָלט זיין א סאָציאַלער דיכטער, ער איז דאָס אָבער ניט געוואָרן.

איך האָב שפּעטער אָפט געקלערט: ווי אזוי איז דאָס געשען, אז גראָד לאנדוי, וועלכער האָט אזוי שאַרף אָפּגעשאַצט אונזער איי־גענע אַלטע סאָציאַלע טראַדיציע אין דער דיכטונג, אז גראָד ער זאָל מיטאמאָל ווערן א מלחמה־פּאָעט? דער תירוץ איז מסתמא: צו שטאַרק האָט די מלחמה געווירקט אויף דעם סענסיטיוון און אין תוך טיף סאָציאַלן לאנדוי'ן. זי האָט אים פארכאַפּט, אבער קיין צו קלאָרער קוואַל פון אינספּיראַציע האָט זי פאר אים ניט געקאָנט ווערן.

אויסער עטישע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע (באַלפור־דעקלאַ־

ראציע) מאַטיוון, האָבן לאַנדוי׳ן געצווינגען צו דער מלחמה מאָמענטן פון ראָמאַנטיזם, וואָס ווערן מיט מלחמה אַסאָציאירט. אָבער לאַנדוי האָט גיך איינגעזען די אילוזאָרישקייט פון דעם דאָזיקן מלחמה־ראָמאַנטיזם. מען דאַרף אויך אין זינען האָבן לאַנדוי׳ס איינגעבאָרענעם פּאַטריציִשן קאָנסערוואַטיזם.

און דאָך... לאַנדוי האָט דאָך אַזוי גוט געדאַרפט וויסן די שטרויכלונגען אויפן וועג פון אמת׳ן סאָציאַלן דיכטער. ער אַליין איז קיינמאָל קיין קענער פון סאָציאַלער דיכטונג ניט געווען, כאָטש מען האָט אים פאַר אַזאַ קענער פאַרשריען ביי אונדז. אָבער ווי נאָר ער איז אַליין אַריין אין די וואַסערן פון סאָציאַלער פּאָעזיע, האָט ער דאָ געקאָנט שווימען ניט לייכטער, ווי אַנדערע פּאָעטן ביי אַנדערע פעלקער.

מיט ווייטאָג און הייליקן ציטער האָט ביי אונדז אַמאָל געזונגען דוד עדעלשטאַט:

פאָרווערטס שטופט די פרייהייט־רעדער
מיט דער שווערד און מיט דער פען,
זאָל זיין אַרבעט טאָן אַ יעדער,
ווי ער קען און וואָס ער קען.

דער נאַאיווער עדעלשטאַט, וואָס האָט די פרייהייט אַרויפגעשטעלט אויף רעדער און האָט די דאָזיקע רעדער געהייסן שטופּן מיט אַ שווערד און מיט אַ פען, אַנשטאָט איינשפּאַנען אַ פּאָר פערד, האָט ניט געהאַט קיין געהער פאַר וואָרט. ביי לאַנדוי׳ן איז אַזאַ געהער געווען אויסערגעוויינלאַך שאַרף. לאַנדוי האָט זיך טאַקע אַליין ניט געקאָנט אָפּרייסן פון עדעלשטאַט׳ן און ווינטשעווסקי׳ן, ווי ער וואָלט אין זיי געזען די גרעסטע געפאַר פאַר אונדזער פּאָעזיע. אפילו אין זיין גאָר לעצטער אַרבעט, אין דער פערטער דראַמע פון זיין בוך פּיעסן, לייגט ער אַריין אין מויל פון „האַרעפּאַשניקעס“ פערזן פון די צוויי דערמאָנטע אַלטע פּאָעטן. לאַנדוי האָט זיכער געגלויבט, אַז סאָציאַלע פּאָעזיע איז מעגלאַך, אַז זי קאָן האָבן אין זיך איינגן לעבן. ער האָט וועגן דעם אָפט געקלערט. און כאָטש ער איז אַליין קיין סאָציאַלער פּאָעט ניט געוואָרן, האָט ער אָבער קיינמאָל ניט געקלערט וועגן אויפהויבן אַ קאַמף קעגן סאָציאַלער פּאָעזיע,

אלס אזעלכער. ער האָט נאָר געקעמפט קעגן א „גראמען-דעפּאר-טאמענט ביי נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באוועגונגען.“

לאַנדוי׳ס מלחמה-פּאָעזיע, ווי איך זע איצט, איז געווען א מין פּאָעטישע אוואנטורע, אבער א האלב-באוואוסטזיניקע אוואנטורע ביי דעם זייער באוואוסטזיניקן און זייער אויפריכטיקן לאַנדוי׳ען. זי איז געווען נאָר אן עפּיזאָד אין זיין פּאָעטישן וועג און האָט גע-דויערט ניט לאַנג. אבער לאַנדוי איז דאָ דערגאַנגען ביז צו אן אומ-דירעקטער פארלייקענונג פון זיין אייגענער פריערדיקער פּאָעטישער ארבעט, ביז צו פּאַראָדיעס אויף זיינע אייגענע לידער. זיין מלחמה-פּאָעזיע האָט געווים געהאַט א שלעכטע ווירקונג אויף זיין דע-מאָלטיגער פּאָעטישער ארבעט.

## די „יונגע“; דער ערשטער מאָדערניסט

פאַראַנען לייט, וואָס ווילן שטענדיק רייזן,
און קליין איז נאָך פאר זיי גאָט׳ס גרויסע וועלט.
דאָך מיר איז גוט אַזוי דאָ אומצושפּרייזן
אין דעם פאַרטאָלטן און פאַרבערגטן פעלד.
(ז. ל., פון דער סעריע: „פּריוולאָך ווערט אַזוי“, 1916).

פאראַן ציַיטן, ווען פּאָעטן צושפּאָרן די ענג-געוואָרענע ווענט פון זייער קונסט, מאכן א רעוואָלוציע און פירן איין נייע לעבנס-פאָרמען אין דער וועלט פון דיכטונג.

אין די פאר-מלחמה יאָרן האָבן אזא מין רעוואָלוציע אין אונ-זער היגער דיכטונג אָנגעהויבן די שריפטשטעלער און פּאָעטן, וועל-כע מען האָט געגעבן דעם אומגעלומפּערטן נאָמען „יונגע“, ווייל מען האָט זיך ניט קלאָר פאַנאַנדערגעקליבן אין זייער ארבעט און מען האָט קיין ריכטיקערן נאָמען פאר זיי ניט געפונען.

די ריזיקע וועלט-שטאָט האָט, ווי א ספּרוט, געצויגן און אריינ-געזויגן אין זיך אלע לעבנס-זאפטן פון די אריבערגעקומענע יונגע אידישע וואָרט-קינסטלער, האָט זיי אין בעסטן פאַל איבערגעלאָזן אפּהענטיק, פארלאָרן. אין היגן אידישן לעבן איז דעמאָלט געווען

א גוטע צייט פאר א „ריעל עסטעיט בום", פאר אידישן זשורנאליזם אפילו, אבער ניט פאר אידישער דיכטונג. די נייע זון פון אמע- ריקע האָט נאָר צעברענט און צעשמאָלצן. ווער עס איז אנטשווינגן געוואָרן אינגאנצן, ווער עס האָט פארחלשט געמורמלט עפּעס וועגן טייכל אָדער קוואַלכל, בוים, גראָז, לבנה און מיידל. עס האָבן געפעלט א סך זאכן, און איינע פון די וויכטיקסטע — גרויסע, פעסטע טראַדיציע. ווי אין אידישע לעבן, אזוי אין דער אידישער דיכטונג האָט מען די אלטע טראַדיציע פארלאָרן, און קיין נייע איז נאָך ניט געווען. די גראַמערייען וועגן קוואַלכל און לבנה האָבן געקלונגען פונקט אזוי פוסט, ווי דאָס דאַוונען אין היגע טעמפּלען.

עס האָט געמוזט ביי אונז אויסגעפורעמט ווערן עפּעס נייעס, נייע געזעצן, פאָרמען און וועגן פון דיכטונג, און דאָס האָט אויף זיך גענומען די גרופּע „יונגע". דער אייראָפּעאישער מאָדערניזם איז געקומען צו אונז, ווי אלצדינג, מיט א גרויסער פארשפּע- טיקונג.

א געוויסע צייט זיינען דאָ די „יונגע" געווען אן איינזאַמע, אפּגעשלאָסענע גרופּע. זיי האָבן ארום זיך געפילט כמעט א מדבר. אויסער זיי, אויסער מאני לייב׳ן, דעם פיינסטן ליריקער פון דער גרופּע, און עטלאַכע, וואָס זיינען געווען צו אים נאָנט, אויסער לאַנדוי׳ן, דעם אמת׳ן מאָדערניסט, וואָס האָט טיפער פון אלעמען געפילט, וואָס עס האָט אונז דאָ געפעלט, אויסער דעם דעמאָלטיקן לייוויק׳ן (וועלכער איז צוגעקומען צו דער גרופּע אביסל שפּעטער) און ראַלניק׳ן מיט זייער קאָנצענטרירטקייט און פארביסענער נשמה- אפּגעשלאָסנקייט, אויסער ראובן אייזלאַנד׳ן און משה נאַדיר׳ן, וואָס האָבן די ערשטע דערפילט דאָס לעבן פון וואָרט און די פּאָ- עזיע פון אלטאָג, — אויסער זיי, איז דאָס איבעריקע געווען כמעט אינגאנצן שלאַבעריק און שלומפּערדיק, פארחלשט און פוסט, באַנאַל און גוססדיק און ליגנעריש. די יונגקייט, וואָס איז געווען אויסער דער גרופּע „יונגע", האָט געהאַט שוואַכע פליגל, האָט זיך געשלעפּט פּאַזע ערד.

אין די אלע זינד זיינען נאָך א געוויסע צייט געווען שולדיק די „יונגע" גופא. עס איז געווען נויטיק א גרעסערע אָנשטרענגונג צו צעברעכן די איינגעשטעלטע פוסטע, אבער איינגעפונדעוועטע

שאבלאָנען און זיך באפרייען פון א גאנצן בארג באנאַלקייטן, וואָס האָט צונישט געמאכט יעדן פארזוך ארויסצוברענגען א פריש, לע-בעדיק וואָרט. פון די „יונגע" איז געקומען דער „בונט"; און די גרויסע אָנשטרענגונג איז מער פון אלעמען געקומען פון לאנדוי׳ן. אזוי ווי כמעט די גאנצע דעמאָלטיקע אידישע דיכטונג (אויסער ליעסינ׳ען און יהואש׳ן, וועלכע האָבן געהאט זייערע באזונדערע געשטאַלטן), איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון געזעלשאפטלאכ-קייט און כלומרשטער רעוואָלוציאָנערישקייט, איז געווען א בלייכע קאָפּיע פון דער פארחלשטער רוסישער נאדסאָנישער, אָדער ענ-לאכער פוילישער צי אלטער דייטשער „בירגערלאכער" פּאָעזיע, איז דער „בונט" געווען קודם כל קעגן געזעלשאפטלאכקייט, וועניקסטנס ביי א טייל „יונגע". עס האָט זיך אין א קלענערער מאָס איבערגע׳חזר׳ט ביי אונז די געשיכטע פון די סימבאָליסטן אין רוסלאנד.

די מערסטע דעמאָלטיקע פּראָפעסיאָנעלע משגיחים אויף דער דיכטונג האָבן אויפגענומען די „יונגע" גאָר ניט פריינטלאך. מען האָט זיי, ווי די סימבאליסטן אין אייראָפּע און אין רוסלאנד, די ערשטע זאך א נאָמען געגעבן „דעקאדענטן". אין דער אמת׳ן איז ביי אונז אין דער יונגער אמעריקאנער אידישער ריכטונג געווען זייער ווייניק דעקאדענץ. דעקאדענטישקייט אין דער נעגאטיווער, פּשוטער באדייטונג פון וואָרט איז ניכער געווען אין דעם אנדערן לאגער, ניט ביי די „יונגע", וועלכע האָבן גאָר אין פּאָעזיע גע-בראכט מער געזונטקייט און שכלדיקייט און רעאליזם און אמת׳ן אוממיטלבארן געפיל, צוזאמען מיט אידייען פון אינדיווידואליזם און סימבאָליזם.

קיין סימבאָליסטן אין אייגנטלאכן זין פון וואָרט זיינען די „יונגע" ניט געווען. נאָנטער פון אלעמען צום סימבאליזם איז גע-ווען מאני לייב, — אין מעטאָדן, אויב ניט אין אידייען. די אנ-דערע האָבן געבראכט, אויף וויפיל דאָס איז מעגלאך אין פערזן, א פרישן רעאליזם. דעם נאָמען „דעקאדענט" האָט אפשר טאקע מער פון אלעמען געקאָנט פארדינען זישא לאנדוי, אבער די מאָס „דע-קאדענץ", וואָס איז געווען אין אייניקע פון זיינע דעמאָלטיקע לידער, איז ניכער באשטאַנען פון נאָוואטארישע גענג, פון עקס-

פּערימענטן. אין תּוך איז דעקאַדענץ לאַנדויס געווען דורכאויס פרעמד.

דערפאַר אָבער איז לאַנדוי געווען ביי אונז דער ערשטער אמת'ער מאָדערניסט. ער איז געווען דער ערשטער אין זיין גרופּע, וואָס האָט געוואָלט זאָגן דעם לעבן „יע" מיט א פולן קול.

פראַנסים זשאַם איז געווען דער ערשטער אמת'ער מאָדערניסט ביי די פראַנצויזן, ווי עס ווייזט אָן עימי לאָועל. די פראַנצויזישע דיכטונג פאַר זשאַמ'ען, איינשליסנדיק די סימבאָליסטן (זיי נאָך מער, מיט זייער פּעסימיסטישן אויסקוק אויף דער וועלט און זייער וועלט-צעשפּאַלטנקייט), איז געווען מרה-שחורה'דיק און וויינענדיק, טראַגיש און פּאַטעטיש. זשאַם האָט דער ערשטער געבראַכט אין דער דיכטונג צופרידנקייט און פּשוטע באַנעמונג פון לעבן, ביל־דער פון דער ארומיקער וועלט, ניט באַפאַרבענע מיט קיין שום סימבאָליסטיש-טונקעלע קאָלירן, גאַנץ „אָביעקטיווע" פרייד פון לעבן און „גאַנצקייט" פון דער וועלט.

ענלאַכס האָט ביי אונז געבראַכט זישא לאַנדוי. דאָס, צוזאַ־מען מיט געהעריקע נייע פאָרמען און ריטמען און מעטאָדן, וואס ער האָט איינגעפירט ביי אונז, מאַכט לאַנדוי'ן פאַרן ערשטן פאָר־שטייער פון אמת'ן געזונטן מאָדערניזם אין דער אידישער דיכטונג פון אמעריקע.

פראַנסים זשאַם איז ניט צופעליק געווען איינער פון לאַנדויס באַליבטסטע פּאָעטן. איך געדענק, ווי ער האָט מיר מיט זיין גליק־לאַכן און שיינעם שמייכל און האַלב-חסידישן ניגון דעקלאַמירט א רוסישע איבערזעצונג פון זשאַמ'ס באַרימטער „תפלה צו גיין אין גן עדן מיט די אייזלען": „יאַ ווידו אי סקאַזשו אָסלאַם: יאַ זשאַב" (איך וועל ארויסקומען און זאָגן צו די אייזלען: איך בין זשאַם).

ווען לאַנדוי וואָלט געקאָנט האָבן די גרויסע נאַטור-נאָענטקייט פון זשאַמ'ען, וואָלט לאַנדוי אפשר געוואָרן א אידישער זשאַם. די רעליגיעזיטעט און פּיעטעט און גאַנצקייט און טיפע לעבנס-פרייד און שאַרפע חושים — אין דעם אלעמען און אין אַנדערע פּרטים איז פאַראַן צווישן אונזער לאַנדוי'ן און דעם דיכטער פון דרום-פראַנצויזישן דאָרף א גרויסע ענלאַכקייט.

לאנדוי האָט אונז געגעבן די ערשטע און פיינסטע אמת מאָ-דערניסטישע פערזן, און לאנדוי האָט מער פון אלעמען געלערנט אידישע פּאָעטן צו נעמען אלערליי קליינע פריידן פון לעבן פאר טעמעס.

## „ריינער" פּאָעט און פּאָעט־בירגער

די וועלט-מלחמה און די געשעענישן, וואס די מלחמה האָט געבראכט אין אידישן לעבן, האָבן זישא לאנדוי׳ן פארוואנדלט אויף א קורצע צייט ניט נאָר אין א פּאָליטיקער, נאָר אין א פּאָליטישן פּאָעט.

גרויסע וועלט-אויפטרייסלונגען לאָזן, אייגנטלאך, קיינעם ניט איבער גלייכגילטיק. ביי אנדערע פעלקער האָבן אין אזעלכע צייטן א סך פּאָעטן מיטאמאָל דערפילט, ווי מעכטיק זייער וואָרט איז, און אז עס ליגט אויף זיי א גרויסע בירגערלאכע אחריות; זיי האָבן זייער קונסט געשטעלט אין דינסט פון זייערע נאציאָנאלע מיליטע-רישע, פּאָליטישע און בירגערלאכע פירער.

אין רוסלאנד איז אזא אומגעריכטע פארוואנדלונג פאָרגעקומען מיט די צוויי פאָרשטייער פון דעם עלטערן דור סימבאָליסטן, מיט ק. באַלמאָנט׳ן און וואלערי בריוסאָוו׳ן. ביידע זיינען פריער געווען דורכאויס „א-פּאָליטיש", „א-בירגערלאך", „א-נאציאָנאל" אין דעם ענגען זין פון וואָרט, „א"-אלצדינק, מיט וואָס עס האָט זיך אזוי האָפנונגסלאָז אויסגעצייכנט כמעט די גאנצע רוסישע דיכטונג פון פריערדיקע דורות. זיי זיינען דאָס גראד געקומען מיט מלחמה קעגן יענער דיכטונג, וואס האָט אויפגעהערט צו זיין דיכטונג און איז געוואָרן שוואכע בירגערלאכע גראמען-פלעכטעריי לכבוד דעם מענטשלאכן פּראָגרעס און צו וועקן מיטגעפיל צו די געדריקטע און באַליידיקטע. זיי האָבן אין פארשטיקטן הויז פון דער רוסישער דיכטונג געעפנט די פענסטער און געבראכט פרישע לופט. די צייט, די געשיכטע האָט דערנאָך זייער מלחמה קעגן „פּראָגרעס" און „בירגערלאכקייט" פארעכנט פאר א גרויסן פּראָגרעס, פאר א וויכ-טיקן בירגערלאכן אויפטו: וואָרום אויב אפילו דיכטונג דארף עפּעס

אָדער עמיצן דינען אָדער העלפן, מוז זי דאָך פריער זיין דיכטונג, ניט עפּעס אנדערש.

אָבער ווען עס זיינען געקומען מלחמות און רעוואָלוציעס, זיינען יענע פּאָעטן געוואָרן פייערדיקע פּאַטריאָטן און רעוואָלוציאָנערן. ביי דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע האָט דער „אַפּאָליטישער" באַל-מאָנט גענומען און זיך פאַרשריבן אין דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און האָט באַלד פאַרעפנטלאַכט אַ בוך מיט דעם פלאַמיקן נאָמען „געזאַנגען פון אַ נקמה-נעמער", אַ זאַמלונג ניט נאָר פון סתם רעוואָלוציאָנערע פערזן, נאָר פון פּאַרטיי-הימנען.

און בריוסאָוו איז אין דער מלחמה געוואָרן אַ פייערדיקער פּאַטריאָט און האָט אין זיינע דעמאָלטיקע פערזן פאַרוועגדט זיין טיפן וויסן אויף געשיכטלאַכע פּאַראַלעלן און אַנאַלאָגיעס און אויס-פירן צו באַרעכטיקן די קאָזאַקן און אַנדערע רוסישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך געשלאָגן אין די קאַרפּאַטן-בערג און אויף אַנדערע פראָנטן מיט די „הונען" און זייערע שותפים.

און ווען עס איז געקומען די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש, איז בריוסאָוו געוואָרן אַ קאָמוניסט און האָט שוין פון דעמאָלט אָן מיט זיין גאַנצער ברייטער ערודיציע אָנגעפילט פערזן וועגן וועלט-רעוואָלוציע, לענינ׳ס פלענער און לענינ׳ס פּאַרטיי.

אַלעקסאַנדער בלאָק, פון דעם אינגערן דור רוסישע סימבאָ-ליסטן, איז גראָד געווען זייער סענסיטיוו צו רוסלאַנדס געשיכטע און גורל. ווען עס איז געקומען דער גרויסער שטורעם, וועגן וועלכן ער האָט געהאַט אַזעלכע פאַרכאַפּנדיקע מיסטישע אָנונגען, האָט ער אויסגעזונגען איין גרויסן הימן, די פּאָעמע „צוועלף". אָבער ער איז באַלד געוואָרן שטום, וואָרום ער האָט מער ניט פאַרנומען די מוזיק אין די געשעענישן אַרום אים. באַלמאָנט ווידער האָט מיט פּונקט אַזאַ עקשנות און פייער זיך אָפּגעקערט פון באָלשעוויזם, האָט אים פאַרשאָלטן, איז אוועק אין גלות, און ניט געוואָלט הערן פון קיין שום פשרות מיט דער סאָוועטישער אָרדענונג.

ענלאַכע פאַלן האָבן מיר אויך ביי אַנדערע פעלקער. ביי די דייטשן האָבן אין דער צייט פון דער וועלט-מלחמה אַ גרויסע צאָל דיכטער, פון גערהאַרדט האויפּטמאַן און ריכאַרד דעמעל ביז די אינ-גערע, אין איין כאָר גענומען פאָדערן פון גאָט, ער זאָל „שטראָפן

ענגלאנד״, ער זאל פארטיליקן די שכנישע מלוכה אף די אינזלען פון דער אנדער זייט צפון-ים, וועלכע דעם קייזערס עראָפּלאַנען און האָוויצערס האָבן ניט געקאָנט חרוב מאכן. אין א פערזן-זאמלונג „דער הייליגע קריג״ שילטן זיי דעם קייזערס שונאים אויף די העכסטע אָקטאַוועס און באַווייזן די גערעכטיקייט פון אלע פּלענער פון דייטשן גענעראל-שטאָב.

דאָס איז א נאַטירלאכע זאך פאר א פּאָעט אין א צייט פון א נאַציאָנאַלער געפאר אָדער א געזעלשאַפטלאכער אויפטרייסלונג: ווי „אומבירגערלאך״ א פּאָעט זאל ניט האָבן אויסגעוויזן פריער, ווי אינדיפערענט צו פּאָליטיק אָדער „אַנטי-פּאָליטיש״ ער זאל ניט האָבן געווען, וועט ער אין אזא ערנסטן מאָמענט זייער אָפט זיך פארנויגן, בויגן דעם קאָפּ פאר דעם נאַציאָנאַלן, פּאָליטישן אָדער מיליטערישן פירער און ווערן א „נוצלאכער צוגאָב״ צו יענעמס מאַשין, א פּאָעט-בירגער; אָדער, אין ערגסטן פאל, א טייל פון „גראַמען-דעפּאַרטאַמענט ביי דער סאָציאַלער אָדער נאַציאָנאַלער באַוועגונג״, צו באַנוצן לאַנדוי׳ס אויסדרוק. דערביי וועט דער פּאָעט פארגעסן ניט נאָר זיין באַזונדערע ריכטונג און שול, נאָר זיין אייגענע לעבעדיקע שפּראַך, און וועט אָננעמען די פּראָזעאָלאָגיע פון זיין רעגירונג אָדער זיינע פירער.

און ביי אונז איז אזא אומגעריכטע מעטאַמאָרפאָזע געשען גראָד מיט זישא לאַנדוי׳ן, וועלכער איז פאר דעם און דערנאָך געווען, דוכט זיך, אזוי „אַפּאָליטיש״. לאַנדוי איז געווען ביי אונז דער איינציקער דיכטער, וואס האָט באשלאָסן אין יענער צייט צו זיין א מלחמה-פּאָעט. אזוי ווי לאַנדוי האָט אלצדינג ליב געהאט צו טאָן גוט, האָט ער זיך אריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין דער מלחמה-פּאָעזיע. האָבן מיר דעמאָלט געהאט פאר זיך א מאָדנע דערשיינונג: לאַנדוי׳ס פעדער איז מיטאַמאָל אויסגע-וואקסן אומגעהויער גרויס, האָט אנשטאָט פליסטערדיק תפילה טאָן און שפּילעוודיק זינגען, גענומען שטראָפן, שלאָגן, שילטן, בענטשן, איז פארוואנדלט געוואָרן טאקע אין א שווערד, און לאַנדוי׳ס ערנסט דערביי האָט אזוי מאָדנע פארכאַפּט.

## „רול, בריטאַניאַ!"

לאַנדוי איז געווען אינגאַנצן פאַר די „אַליאירטע". אַזוי זיי־נען געווען זיינע פריינט און מענטשן, מיט וועלכע ער איז געווען פאַרבונדן. א געוויסע צייט האָט לאַנדוי געאַרבעט אין אַמוניציע־פאַבריקן, און עס איז געווען אין זיין נאַטור בכלל אָנצונעמען דאָס אַרומיקע אינגאַנצן, מיט'ן גאַנצן הארצן. עס זיינען, נאַ־טירלעך, געווען איבערצייגונגען אויך. דאָס אַלץ האָט פון דעם וויכן, צאַרטן, שפּילעוודיקן לאַנדוי'ן מיטאַמאָל געמאַכט א פאַר־האַרטעוועטן קעמפער, וואָס א בעסערן וואָלט זיך קיין רעגירונג אין א מלחמה ניט גענדאַרפט ווינטשן צווישן פּאָעטן.

א מערקווירדיקע פּסיכאָלאָגישע דערשיינונג איז דעמאָלט פאַר־געקומען אין לאַנדוי'ן. ער האָט געוואָלט דער מלחמה און דעם זיג אָפּגעבן אַלצדינג, זיין גאַנצן פּאָעטישן פאַרמעגן. אַלע זיינע „ווער־טער וואונדערבאַרע, דינע", אַלע זיינע ניי־געפונענע וואָרט־ביל־דונגען, מאַנירן, ווענדונגען, פאַרמען האָט ער געוואָלט ברענגען אויפן מזבח פון מאַרס.

אָבער צוזאַמען מיט זיינע באַליבטסטע, פרישסטע, לירישסטע ווערטער, צוזאַמען, למשל, מיט זיין נייעם וואָרט „ניטדאַאיק" (וואָס ער האָט ליב געהאַט צו בויגן אויף אַלערליי אופנים און האָט באַ־נוצט אין לידער מיט פאַרשיידענע ריטמען, און וואָס האָט דער־מאָנט אָן דער וועלט פון ריינער פּאָעזיע, צו וועלכער לאַנדוי האָט זיך אַלעמאָל געצויגן, אָדער אָן בלאָק'ס „פייער פון ניטאַאיקע באַגערן", צי אָן מיכאַאיל קוזמינ'ס בוך פון פיינע לידער „נעזדעשניע וועטשערא") — צוזאַמען מיט זיין כמעט גאַנצן פריערדיקן באַגאַזש, וואָס ער האָט איצט מיט אַזאַ גרייטקייט פאַר־ווענדט אויף מלחמה־אַמוניציע, האָבן זיך דאָ ביי אים אריינגע־כאַפּט א היפּש ביסל אַלטע שדימלאַך, וואָס ער האָט, דוכט זיך, אַליין שוין לאַנג פאַרטריבן. עס האָבן זיך באַוויזן טויטקייטן אין לשון, אָפּגעריבענע אַבסטראַקטע טערמינען פון אינטעליגענטישן און צייטונגס־זשאַרגאָן. עס האָבן זיך באַוויזן אַלערליי טענות וועגן דער „וועלט", וועגן דער „פאַרשקלאַפטער מענטשהייט", וועגן „אַלע אמת'ן און ליגן".

„אויב אלץ איז איינס, פאַרוואָס ווערט ס׳הארץ פאַרציטערט
בלויז ביים געדאַנק, אז ס׳זיגן דייטשע וואָפן?
אויב אלץ איז איינס, דאַך ווילסטו ניט דערלעבן
די שעה, ווען דייטשלאנד וועט די וועלט פאַרשקלאַפן!

יאָ, קריג איז קריג און בלוט איז בלוט מסתמא!
דאָך זיינען אלע אמת׳ן אַ ליגן
אין אַנגעזיכט פון זיג, וואָס וועט באלד קומען,
ווען דייטשלאנד וועט פאר אונז צעשמעטערט ליגן!"

(„אויב קריג איז קריג", 1917).

דאָס האָט געשריבן זישא לאנדוי נאָך זיינע לידער-סעריעס אין „ליטעראַטור און לעבן", „שריפטן", „וועלט איין וועלט אויס". איז דאָס דערזועלביקער לאנדוי? געוויס דערזועלביקער. לאנדוי האָט נאָך געוואָלט אונטערשטרייכן, אז דערזעלביקער, און ער האָט אומיסטן איבערגעחזרט דאָ ווערטער, שורות פון זיינע פריערדיקע בעסטע פערזן, מען זאָל וויסן, מען זאָל באלד זען און קיין טעות ניט מאכן, ווער עס האָט דאָס געשריבן און ווי ערנסט ער איז.

איך וויים ניט ווי פאר וועמען, פאר מיר זיינען לאנדוי׳ס מלחמה-פערזן קיין צו גרויסע פרייד ניט געווען. זיי האָבן אפשר געקאָנט אין אונזער ווינקל העלפן ברענגען דעם זיג, אבער פאר לאנדוי׳ן אליין זיינען זיי קיין זיג געוויס ניט געווען. אבער איך מוז צוגעבן, אז די מלחמה-און-רעוואָלוציע-לידער פון וואַלערי בריו-סאָוו און אנדערע פּאָעטן האָבן אין זיך ניט געהאט מער לעבן, ווי לאנדוי׳ס מלחמה-לידער.

אַ מאָדנע זאַך! ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס אויסקויפן אַ פריערדיקע זינד, ווי ער וואָלט דאָ געווען עפּעס אַ מין בעל-תשובה, אזוי האָט ער דאָ אָפּטמאָל בוכשטעבלאַך פאַראַדירט זיך אליין, זיינע פריערדיקע לידער, געלונגענע און רייפע אזוי גוט ווי עקספּערי-מענטן. לאנדוי האָט אָלעמאָל אויסגעמידן צו ריידן וועגן אַזעלכע גרויסע, שרעקלאכע, אייביקע זאכן, ווי טויט, גאָט, וועלט; אבער איצט האָבן זיי זיך ביי אים באוויזן.

צוזאמען מיט אנדערע שאבלאָנען, האָט לאנדוי פרי אוועק-

געוואָרפן די רייד מיט און ווענן גאָט. אויב ער האָט דערמאַנט אַמאָל גאָט, איז דאָס געווען ניט דער גאָט פון געבאָט אָדער פון שטאָט, נאָר דער גאָט, וואָס האָט זיך ווייך געגראַמט מיט גנאָד. איצט אָבער האָט זיך ביי אים באַוויזן אַ האַרטער גאָט, ווי דער גאָט פון די עברים, וואָס האָט געפירט מלחמות, און ווי דער גאָט, צו וועלכן עס האָט געבעטן לאַנדויס דעמאָלטיקער שונא, קייזער ווילהעלם.

אינגל, ווי די שטיינער שטום,
דרייען דייטשן דאָ זיך אום.

שרעק אף יעדן וואַרפן זיי,
לאַנגע שווערדן שאַרפן זיי.

און עס ענדיקט זיינע טעג
דער, וואָס קומט זיי אויפן וועג.

שוינען קיינע קינדער ניט,
און דער טויט גייט מיט זיי מיט.

און זיי ברענען שטאָט נאָך שטאָט, —
מעק זיי פון דער וועלט אויס, גאָט!

(„אַ היינטיק וויג-ליד", 1917).

אין דער צייט, ווען לאַנדוי האָט געשריבן און געדרוקט זיינע מלחמה-לידער, האָט ער כמעט קיין אַנדערע לידער ניט פאַרעפנט-לאַכט. די סעריע מלחמה-לידער באַצייכנט אַן אָראָפּפאַל אין לאַנ-דויס פּאָעטישן וועג, — אַן אַראָפּפאַל, פאַרשטייט זיך, וואָס האָט לאַנג ניט געדויערט. דאָס איז די שטראָף, ווען אַ פּאָעט פון ליבע וויל אויסזינגען אַ „ליד פון האַס". עס באַקומט זיך אַ פרעמדער קול, עס פאַרשווינדט די איינגקייט, די היימישקייט און לייכטקייט, ווערטער און שורות ווערן מיט בליי אָנגעגאָסן, דאָס וואָרט שלעפּט זיך אויף דער סאַמע ערד. עס יאַווען זיך פייערלאַכע, קלאַסישע, זייער שווערע רימען, וואָס קלינגען ווי קייטן. אַזוי זיינען געווען

אזעלכע לידער ניט נאָר ביי לאַנדוי׳ן אליין, נאָר ביי אַלע פּאָעטן, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַזאַ דערפאַרונג.

אין דער געהעריקער צייט אָבער זיינען אַזעלכע לידער, ווייזט אויס, דער אמת אליין. וואָרום שטעלט אייך נאָר פאָר, אַז די אַלע לידער פון מלחמה ביי לאַנדוי׳ן זיינען געווענדט ניט אויף די דייטשן פון קייזער ווילהעלם׳ס צייט, נאָר אויף די היינטיקע נאַציס, און לייגט אַרויף די האַנט אויפן האַרצן און שווערט, אַז איר וואָלט זיך ניט אונטערגעשריבן מיט ביידע הענט אונטער יעדן וואָרט. איר וואָלט אַזאַ שבועה זיכער ניט געגעבן.

דער שאַרפער, סענסיטיווער לאַנדוי איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דערפילט די בלייאיקייט, די טויטקייט פון די לידער, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין דעם טשאַד פון מלחמה. ער איז פון דעם טשאַד אַרויסגעקומען פריער פון אַנדערע. איך געדענק, ווי ער האָט דערנאָך מיט ערנסט אָנגעוויזן אויף אַ ליד פון ל. מילער, וואָס האָט זיך געדרוקט אין דער „נייער וועלט", וואו מיר האָבן ביידע געאַרבעט. דאָס ליד איז געווען קעגן מלחמה.

מיט עטלאַכע יאָר צוריק האָב איך פון אַרבעטער רינג געהאַט אַ באַשטעלונג אויף אַן אַנטאָלאָגיע פון סאָציאַלער דיכטונג. אין מיין פּלאַן האָט געפעלט איין נאָמען, וועלכן איך האָב גראָד זייער געוואָלט האָבן: זישא לאַנדוי. מיט אַ געוויסער אָנשטרענגונג פון דער פאַנטאַזיע וואָלט איך געקאָנט אַריינגעמען אין דער זאַמלונג עפּעס פון לאַנדוי׳ס שטאָט-לידער. אָבער איך האָב לאַנדוי׳ן ניט געוואָלט אַריינשלעפּן אַזוי ווי מיט געוואַלט.

איך האָב ביי אַ געלעגנהייט גערעדט וועגן דעם מיט לאַנדוי׳ן, און מיר איז אויף אַ מאָמענט איינגעפאַלן: אפשר נעמען עפּעס פון זיינע מלחמה-פערזן? לאַנדוי האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן: זאָל מיך גאָט (דאָ איז שוין געווען נאָר אַנאַנדער גאָט) אָפּהיטן פון טאָן אַזאַ זאַך! בין איך אים אַ שונא?

לאַנדוי האָט, דוכט זיך, ניט געקאָנט זיין אינגאַנצן פאַר-שיכורט, ער האָט זיך נאָר געקאָנט אַמאָל מיט עקשנות אין עפּעס — ניט אויף לאַנג — איינקלאַמערן. איך, וויניקסטנס, האָב לאַנדוי׳ן אינגאַנצן אַ שיכור׳ן קיינמאָל ניט געזען; און ער האָט די מלחמה-

שכרות ניט אינגאנצן אויסגעהאלטן, ווי עס זאָגט עדות זיינס א ליד „און דיסקוטירנדיק ביים טיש״, וואָס ענדיקט זיך מיט אזעלכע שורות, פול מיט לאַנדוי׳ס פריערדיקער לעבעדיקער איראָניע:

און קלאָר געוואָרן איז מיר מיטאַמאָל,
אַז ס׳פליען הויך די עראָפּלאַנען,
אַז ס׳שווימען טיף די סובמאַרינען,
אַז ס׳זיינען ווירקזאם טענקס, ווי אלץ וואָס ענגלאַנד טוט,
אַז סוף-כל-סוף וועט עפּעס ווערן מיט׳ן טערק,
אַז ענדערונגען וועלן זיין אף די באלקאנען.—
נאָר וואָס וועט זיין מיט מיר,
מיט מיר און דיר —
מיט אונז?

לאַנדוי איז געווען אינגאנצן באַלויכטן מיט זון פון באוואוסט-זיין, איז געווען דער שארפסטער און קריטישסטער פון אלע מיינע פריינט. ער איז געווען אינצרלאך זייער אקטיוו; און, פארשטייט זיך, אז אים האָט ניט געפעלט ניט קיין צווייפל און ניט קיין זעלבסט-אַנאַליז און זעלבסט-קריטיק. אָבער ער האָט זיין זעלבסט-קריטיק ניט געטראָגן פאָראויס, ווי א פאָן, ווי מיר טוען דאָס ניט זעלטן. ער האָט זייער גיך געקאָנט איינזען זיינעם א טעות. אָבער אנשטאט צו ניאַנטשען זיך אָדער גאָר צאצקען זיך מיט זיין זעלבסט-קריטיק, האָט ער פשוט דעם טעות א צווייט מאָל אויסגעמידן.

דעריבער האָט מען אָפּטמאָל ניט באַמערקט, ווען לאַנדוי איז צו זיך אליין געווען שארפער, איידער צו אַנדערע. איך האָב מיט אים קיינמאָל וועגן דעם ניט גערעדט, אבער איך בין חושד, אז ווען ער האָט שפּעטער מיט אזא שארפקייט זיך איינגעביסן אין א טעאָריע וועגן לידער אמת׳ע און לידער-פּאַראָדיעס, כאָטש דערמאָנט האָט ער ביים נאָמען נאָר יהואש׳ן, האָט ער אַביסל געקלערט אויך וועגן זיי-נע אייגענע פּאַראָדיעס אויף זיך אליין, וועגן זיינע אייגענע מלחמה-זינגד קעגן דעם גאָט פון לעבעדיקער פּאָעזיע, צו וועלכן ער האָט זיך איצט געצווינגן מיט דער גאַנצער נשמה.

## טעפּער'ס איינפלוס; פּאָעזיע און אידייען

ווייס ווי מיין מאַמעס נאָמען,
ווי די לבנה ריין,
פריש ווי די פרילינגס שטראַמען
קום איך צו אייך צו גיין.

איך טראָג פון ווערטער דינע
די מילד פאַררויכטע ווייט,
איך טראָג פון פעלדער גרינע
דאָס ציטערדיקע זייד.

די מלכה פון דער מעשה
מיט מיר אין איינעם שפּאַנט,
דאָס ציגעלע דאָס ווייסע
צופּט גרעזלאַך פון מיין האַנט

מיין פּאַווע האָט די פליגל
די גאָלדענע צעשפּרייט;
די נאַכט ליגט אונטער ריגל,
די שרעק ליגט אויף א קייט.

(„דאָס ליד פון ווייסן ציגעלע", 1925).

יעדער פּאָעט קאָן אָנווייזן אויף אנדערע פּאָעטן פון זיין צייט צי פון אמאָל, וואס האָבן אויף אים געהאט א טיפן איינפלוס. אויך לאַנדוי האָט געזוכט און געפונען פּאָעטישע קרובים אין דער וועלט-ליטעראַטור.

אין זיינע ערשטע אינגעלשע לידער האָט לאַנדוי זיך ווייניק אויפגעהויבן איבער דעם שאַבלאָן פון זיין צייט. עס האָבן זיך גע-זאַמלט אין אים קראַפט און גענייטקייט פאַר די שפּעטערדיקע לידער, וואָס האָבן אין אונזער פּאָעזיע געבראַכט אַזויפיל נייקייט. איינ-פלוסן זיינען געקומען פון א ריי פּוילישע, רוסישע, דייטשע דיכטער. זייער שטאַרק איז געווען דער איינפלוס פון היינריך היינע, שפּע-

טער — פון טעאַדאָר שטאָרם. דער ניי-ראָמאַנטיקער טעטמאַיער און דער טיף-רעליגיעזער זינגער פון די „אָוונט-הימנען", יאַן קאַספּראָ-וויטש, האָבן געפונען א טיפן אָפּקלאַנג אין לאַנדוי׳ן און זיינען לאַנג געבליבן זיינע נאָנטסטע דיכטער, ביז עס זיינען געקומען שטאַר-קערע איינפלוסן. אויף לאַנדוי׳ן האָבן שפּעטער געווירקט איי-ניקע דייטשע דיכטער, און סאָלאָגוב, קוזמין, פראַנסיס זשאַם, ראָבערט פראָסט, א. ע. האוזמאַן, אפשר אויך דזשעימס סטיוועגס. א סך דיכטער האָט לאַנדוי ליב געהאַט, און זיי האָבן אלע זיכער אָף אים געווירקט. פון אייניקע פון זיי האָט לאַנדוי אונז געגעבן אויסגע-צייכנטע איבערזעצונגען.

לאַנדוי האָט זיך טיף פאַראינטערעסירט אין פאָלקס-באַלאַ-דעס, באזונדערס די ענגלישע. אמאָל האָבן מיר געקלערט וועגן ארויסגעבן צוזאמען א בוך ענגלישע באַלאַדעס, קינסטלערישע און פון פאָלק; איך האָב געזאָלט צושטעלן, צווישן אנדערע זאכן, קאָלרידזש׳ן און דעם „ראָבין הוד" ציקל. לאַנדוי האָט אויף די לידער א סך געאַרבעט, און היינטיקס יאָר האָט ער געוואָלט צו-גרייטן א באַנד פון די ענגלישע פאָלקס-באַלאַדעס, פון וועלכע ער האָט שוין א סך איבערגעזעצט און געדרוקט.

די אלע איינפלוסן האָבן, נאַטירלאך, נאָר געקאָנט סטימולירן און אנטוויקלען אין אים דאָס, וואס האָט אין אים געלעבט. עמי-צער האָט מיר אָנגעוויזן, אז א רעפרען צו לאַנדוי׳ס אן אלטן אכט-שורה׳דיקן, צוויי-סטראָפיקן ליד, „מיין קעניגרייך איז ניט פון דער (לאַנדוי האָט דעמאָלט, ווי א סך אנדערע, געשריבן „דיזער") וועלט", איז יאַן קאַספּראָוויטש. ווי נאַאיוו! די שורה האָט נאָך לאַנג פאַר קאַספּראָוויטש׳ן געהערט צום אמאָליקן אידישן דיכטער-געזעצגעבער פון מענטשלאכן לעבן ישו הנוצרי. און יעזוס אליין האָט דעם געדאַנק פון דער פראַזע אפשר אויך ערגעץ-וואו גע-באָרגט.

צווישן פריינט און אין אונזער ליטעראַרישער וועלט בכלל האָט מען גערעדט אמאָל וועגן טעפּער׳ס "שעדלאכן איינפלוס" אויף לאַנ-דוי׳ן און לעצטנס האָט דאָס אין אן אַרטיקל איבערגעחזרט ש. ניגער. דאָס איז א טעות, איינע פון עטלאכע פאַלשע, כמעט אבער-גלויבערישע מיינונגען, וואס האָבן זיך וועגן לאַנדוי׳ן ביי אונז

איינגעשטעלט. איך דארף דאָ ניט נעמען ק. טעפּער׳ן אונטער מיין שוץ, אָבער מען מוז דאָ אנטשידן אָפּשטרייטן די ניט-ריכטיקע און אומגערעכטע מיינונג, אַז טעפּער׳ס איינפלוס איז פאר לאַנדוי׳ן געווען שעדלאך. עס איז ניטאָ קיין שום גרונד, פאַרוואָס טעפּער זאָל האָבן אַזוי שעדלאך געווירקט אויף לאַנדוי׳ן.

טעפּער איז געווען עפּעס א קאָמעט אין דער אידישער ליטע-ראַטור. א מענטש מיט א מידן הארץ, אבער מיט א שאַרפן מוח און א קול פון א לייב, מיט א שאַרפער און זייער קלוגער פּעדער און אַן אויסערגעוויינלאכן רעדנער-טאַלאַנט, איז ער געווען ביי אונז דער אומדאָגמאַטישסטער און שווין מיט דעם אליין דער אָריגי-נעלסטער און איינזאַמסטער מענטש. ער האָט געהאט דורכגעגאַנ-גען די גיהנם-פייערן פון אַלערליי דאָגמעס און איז איצט געווען אין דעם זין א הוילער, אבער א באַלאַדענער מיט טיפער אָוונטיקער וויזהייט. ער איז געווען דעמאָלט דורכאויס אַן אוונטיקער מענטש.

לאַנדוי׳ס וואָרט איז געווען שאַרף און לויטער, אָבער קיין רעדנער איז ער קיינמאָל ניט געווען, האָט, דוכט מיר, קיין לענגערע רעדע קיינמאָל ניט געהאַלטן. ער האָט ניט פאַרמאָגט קיין הויכן קול, האָט אַלעמאָל גערעדט שטיל, אינטים, געשמועסט. דערפאַר אָבער איז זיין קול אין געשריבענעם וואָרט געווען הילכיק, יונג און שאַרף, קעמפעריש, אַרויספאָדערנדיק.

לאַנדוי איז געווען א פּאָעט און האָט ערגעץ געמוזט בלייבן א געבונדענער, האָט ניט געקאָנט זיין אינגאַנצן פריי. דערצו איז לאַנדוי׳ס גאַנצע נאַטור געווען קעגן ניהיליזם, קעגן פאַרלייקענונג ביז׳ן סוף, קעגן נשמה-מדבריות, אומגלויבן. ער האָט געמוזט האָבן גלויבן, בעת דער פילאָסאָפיש אויסגעפּרואוווטער טעפּער האָט אין אומגלויבן געקאָנט געפינען א דירעקטן אָנהאַלט אין רעאַלן לעבן.

לאַנדוי האָט געוואָלט זיין קלאָר. אָבער ניט דערפאַר, ווייל נשמה-אָפּגרונטן זיינען אים געווען פרעמד, אומפאַרשטענדלאך, נאָר גיכער צוליב דעם, וואָס אים האָבן אָפּגעשטויסן מיסטיפיקא-ציעס פון פאַרשיידענע פּראָפּעסיאָנעלע בלאָנדזשער. אין א גרויסער מאָס איז לאַנדוי אַלעמאָל געווען א ראָמאַנטיקער.

לאַנדוי האָט יע געקאָנט זיין דאָגמאַטיש. אין אַזעלכע פאַלן איז ער געווען אָפּטמאָל איינגעשפּאַרט, אמאָל ביז פאַרצווייפלונג,

ווי א צעלאָזן קינד, און עס פלעגט צוליב דעם קומען צו שאַרפּערע צוזאַמענשטויסן; אָבער ער פלעגט באַלד איינזען דעם טעמפּן ווינקל, אין וועלכן ער האָט זיך אַליין אַריינגעשטויסן. ער איז געווען צו קלוג, צו גוט, צו פיין אין באַנעמונג מיט זאַכן און מיט מענטשן, און אויך ער האָט פאַרמאָגט אין זיך א היפּש ביסל טיפע אָוונטיקייט.

די צוויי פריינט, אין וועלכע איך האָב דעמאָלט געפונען די סענסיטיוווסטע מענטשן ביי אונז, זיינען אין א סך זאַכן געווען ווי איין מענטש און האָבן אין אנדערע זאַכן איינער דעם אנדערן דער-גאַנצט. אויף אַזויפיל האָבן זיי איינער דעם אנדערן געפילט, אַז עס פלעגט טרעפן, אַז זיי פלעגן שרייבן אַן אַרטיקל פאַר'ן זשורנאַל „ליטעראַטור און לעבן" בשותפות, אָדער איינער פון זיי פלעגט דעם אַרטיקל ענדיקן, ווען דער אנדערער איז געווען מיד.

לאַנדוי האָט זיך איינגאַנצן געצויגן צו דערקענטעניש, צו באַ-פרייאונג — פון נאַאיווקייט. מעגלאַך, אַז טעפּער האָט אים אין דעם א סך געהאָלפן. דאָס גרויסוועלטישע אָפּלאַכן פון דער בליִנ-דער פאַרגעטערונג פון ליד און פּאָעט האָט לאַנדוי'ן זייער גוט גע-פּאַסט און האָט ניט אָנגעהויבן שטערן זיין פּאָעטישער אנטוויקלונג. אדרבא, דאָס איז געווען א נויטיקע אנטיטעזע אין זיין דיכטערישן וועג, וואס האָט אים געפירט צו א פיינערן און א זיכערערן סינטעז שפּעטער, ווען ער האָט געפונען פאַר מעגלאַך אויסצורופן אין אַן עסעי: „איך האָב משוגענערווייז ליב לידער". דאָס איז שוין גע-ווען לאַנדוי'ס שפּעטערדיקע, רייפע, מענלאַכע ליבע; אָדער אפשר אַן אויסרוף פון פאַרצווייפלונג פון א פּאָעט, ביי וועמען אונזער צייט האָט אַלץ מער אוועקגעריסן דעם פעסטן באָדן פון אונטער די פיס. איןביידע פאַלן האָט דאָ טעפּער'ס איינפלוס נאָר גע-קאָנט העלפן; און ווען ניט טעפּער, וואָלט לאַנדוי געפונען אַנאַנ-דער „איינפלוס" אַזאַ.

הערצאָג ד'אברוצי איז געווען ביי אונז איינער פון די, ווע-מעס גורל עס איז צו באַרייכערן אנדערע און בלייבן אַליין אָרים; אָבער ניין, ווידער נאָך מער באַרייכערט ווערן פון אייגענע קוואַלן. לאַנדוי'ן האָט טעפּער באַרייכערט אומגעהויער. ער האָט אים אַריינגעפירט אין נייע און טיפע און שיינע נשמה-וועלטן, אין שפּילעוודיקע אידייען-וועלטן. אבער אויך לאַנדוי האָט טעפּער'ן,

ווייזט אויס, א סך געגעבן. לאנדוי האָט אפשר געגערט אין טעפּער׳ן אויף א צייט א שיינע אילוזיע. טעפּער האָט זייער הויך געשאַצט לאנדוי׳ן דעם פיינעם נייעם פּאָעט און דעם „וועלט-חכם״, — ווי מיר אלע האָבן אים הויך געשאַצט.

אין דער ארבעט און דעם שטרייט, וואס מיינע צוויי נייע גלענצענדע פריינט האָבן אמאָל געפּלאַנט און געפירט, איז ניט אלע מיר געווען צום הארצן. טעפּער׳ס אידישער דיאָניסיזם איז מיר געווען א רעכט ביסל פרעמד, אָבער לאנדוי דער חסיד האָט אים מסתמא זייער גערן אויפגענומען פון זיין זייט. פון די ליטעראַרישע איינפלוסן, וואָס טעפּער און דורך אים לאנדוי האָבן דעמאָלט ארויסגעוויזן, זיינען די מערסטע מיר געווען נאָנט, אָבער ניט אלע. די אידייען פון עסטעטישן קאָנסערוואַטיזם זיינען געווען גענוג פארשטענדלאך, אבער די „ראָזאַנאָווסטשינע״ איז מיר א לענגערע צייט געווען דערווידער. איך האב ראָזאַנאָוו׳ן ניט געלייענט. איך ווייס, אז די רוסן האָבן אים פּראָקלאַמירט פאר א געניאַלן מענטשן. אָבער ווען איך האָב שפּעטער אין זיין בארימטן ביכל „אויעדינאָנ־נאָיע״ אויפגעמישט א בלעטל, וואו ראָזאַנאָוו רעדט וועגן אידישקייט און עפּעס וועגן מקוה און איר מיסטישער באדייטונג, האָב איך דאָס ביכל מער ניט געלייענט. עס קאָן זיין, אז ראָזאַנאָוו, וועלכער האָט זיך געצויגן צו דער גאַנצקייט פון יודאַאיזם, איז געווען מער א פריינט פון אידן, איידער אן אנטיסעמיט. אָבער זיין פריינטשאפט איז געווען עפּעס אזא אומריין נייגעריקע און חשד׳יקע, עפּעס אזא „קלעפּיקע״, צו באנוצן א וואָרט פון א בארימטן ליד פון דער רו־סישער דיכטערין זינאַאידאַ היפּיוס. איך נעם מיר דאָס רעכט צו פּארלייקענען די געניאַליטעט פון יעדן אנטיסעמיט. יעדנפאלס וויל איך קאָנען אויסקומען אָן אזא מין געניאַליטעט.

מיט טעפּערן האָב איך באלד אין אָנהויב פון אונזער באקאנט־שאַפט געהאט א קליינעם צוזאמענשטויס, אין וועלכן איך בין גע־ווען א סך מער אומגערעכט, ווי ער. אין מיין דעמאָלטדיקער קריסט־לאַכער שטימונג האָב איך אָנגעשריבן א נאַציאָנאַל ליד אין ווייסע פערזן, וואס האָט זיך געענדיקט מיט דער שורה „אנטקעגן גיי דעם שונא מיטן קרייץ אין האנט״, און האָב דאָס געגעבן די צוויי פריינט פאר זייער זשורנאל. טעפּער האָט זיך דעמאָלט אפשר דערשראָקן

פאר דער שורה, און איך האָב פון אים באַקומען א בריוול, אין וועלכן ער שלאָגט מיר פאָר צו ענדערן די שורה, איך גערענק שוין ניט געניי, ווי אזוי, אָבער עפּעס „אידיש-דיאַניסיש״; איך גערענק דאָס וואָרט „טאַנצנדיק״. די פאָרגעשלאָגענע ענדערונג האָט מיך אזוי אויפגעבראַכט, אז איך האָב אים באַלד געענטפערט מיט א זייער שאַרפן בריף, אין וועלכן איך האָב אים באַשולדיקט, אז ער איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון צייטונגס-וואולגאַריטעט.

מיין אָנפאַל איז געווען אן אומגעהערטע חוצפּה. איך קאָן נאָר אין מיין פאַרטיידיגונג זאָגן, אז די פאָרגעשלאָגענע ענדערונג האָט מיך זייער שטאַרק שאָקירט, איז געווען אן אומגעריכטע ביטערע אַנטוישונג, און מיין ווייטאָג דעמאָלט איז געווען זייער גרויס. פון טעפּער׳ן האָב איך אבער באַלד באַקומען א קאַרטל, אין וועלכן ער זידלט מיך גוט אויס אויף א פריינטלאַכן אופן פאַר מיין צעהיצטקייט, דערמאָנט מיר, אז נאָר פאַר נאַרישע „באַרישנעס״ פּאַסט אזוי איינ-צושטעלן זיך „פאַר אַזאַ קליינינקייט, ווי א ליד״. זיין בריוול, כאָטש איך האָב מיט אים ניט איינגעשטימט, האָט מיך אָבער טיף פאַרשעמט, און נאָך עד היום שעם איך זיך, ווען איך דערמאָן זיך אָן מיין דעמאָלטיקן אַנפאַל אויף דעם אומענדלאַך גוטן, טיף-מענטשלאַכן און דערפאַרענעם עלטערן פריינט מיינעם, וועלכן איך האָב אין דער אמת׳ן זייער ליב געהאַט און טיף געאַכט. מיין שורה איז געבליבן אומבאַרירט, אבער ווייטער איז שוין דער זשורנאַל מער ניט אַרויסגעגאַנגען.

וואָס אַמבאַלאַנגט דער „צייטונגס-וואולגאַריטעט״, וועלבע איך האָב אים דעמאָלט אויפגעוואָרפן, זיינען מיר אַלע דריי, דאָס הייסט, מיר ביידע און לאַנדוי, איינגיכן געווען שטאַרק באַשעפטיקט מיט צייטונגס-אַרבעט, און אונזער גאַנצער קוק אויף צייטונגען און זייער אויפגאַבע האָט זיך געביטן.

סאַי טעפּער, סאַי לאַנדוי איז דעמאָלט געווען פול מיט יאוש, מיט אומגלויבן. אבער אין נאָמען פון דעם דאָזיקן יאוש און אומ-גלויבן האָבן זיי אויפגעהויבן שיער ניט א הייליקע מלחמה. אין נאָמען פון נוצלאָזיקייט פון קאַמף האָט מען געקעמפט; און מיט אַזאַ זיגערישן טאָן האָט מען אזוי קלוג גערעדט וועגן דעם אומזין פון אַרגומענטאַציע-זיג.

דאָ האָבן זיך אַרויסגעוויזן די פּרעכטיקע סתירות ביי לאַנדוי׳ן און נאָך מער ביי טעפּער׳ן. אַזוי ווי טעפּער׳ס דעמאָלטיקער באַליב-טער פילאָסאָף שעסטאָוו האָט פאַרניכט לאָגיק מיט לאָגיק גופא, אַזוי האָט טעפּער געפירט אַ קאַמף קעגן קאַמף. אָבער אויף וויפיל די פריינט האָבן דעמאָלט געפירט ליטעראַרישע פּאָליטיק, האָט דאָס מיר נאָך דעמאָלט אויסגעוויזן ווי שלעכטע פּאָליטיק. איך האָב מיט טעפּער׳ן געהאַט אַ ויכוח וועגן זיין „שטעלונג״ צו איי-ניגע שרייבער. איך געדענק, אַז איך האָב דעמאָלט גערעדט וועגן קלאַסיקער, פאַרדינסטן פאַר דער ליטעראַטור, היסטאָרישער פּער-ספּעקטיוו. טעפּער האָט נאָר גוטמוטיק געשמייכלט, אָבער איך האָב אים שלעכט פאַרשטאַנען.

ביי דער גאַנצער קלוגשאַפט האָט מען די פּאָליטיק געפירט ווייט ניט אַזוי קלוג. מען האָט אַנטאַגאָניזירט אמתע פריינט פון אידישן קינסטלערישן וואָרט און צוגעצויגן מענטשן, וואָס זיינען דערנאָך געוואָרן אָנשיקענישן, מיט וועלכע מען האָט זיך לאַנג גע-מוזט שטיקן. מילא, שריפטשטעלער זיינען שלעכטע פּאָליטיקער. לאַנדוי פלעגט אָפט „פירן פּאָליטיק״. ביי מיטינגען פון פּרץ שרייבער פאַראיין פלעגט ער קיינמאָל ניט נעמען קיין וואָרט, נאָר פלעגט גיין פון איינעם צום אַנדערן און עפּעס איינרוימען אין אויער. מען האָט געשמייכלט: לאַנדוי פירט פּאָליטיק. לאַנדוי איז גראַד קיין פּאָליטיקער ניט געווען. טעפּער אָבער האָט געמעגט זיין אַן אויסנאַם צווישן שרייבער. ער האָט דאָך זייער גוט געוואוסט וואָס דאָס איז אַזוינס שלעכטע פּאָליטיק און האָט וועגן דעם אפילו גע-שריבן.

איך געדענק אַן אומאַנגענעמען מאָמענט, וואָס באַווייזט, ווי דער שטאָלצער קעמפער טעפּער האָט געקאָנט זיין קריסטלאַך-הכנעה׳דיק. איך האָב שפּאַצירט מיט טעפּער׳ן, און מיר זיינען אָנגעקומען אויף איסט בראָדוויי. פּלוצלונג האָט טעפּער דער-זען עפּעס אַ פּראָמינענטן אידישן פּובליציסט, האָט ער זיך ווי אָפּגעריסן פון אָרט, איז אַרויפגעלאָפן אויף טרעפּ און איז באַלד צוריק אַראָפּגעלאָפן מיט אַ נומער „ליטעראַטור און לעבן״, — געלאָפן מיט אַזאַ הכנעה אַנטקעגן דעם פּובליציסט; מיטן בלויען נומער, וואו עס זיינען געווען מיינע לידער,

לאנדוי׳ס לידער און אזעלכע טיפזיניקע עסייען, אין וועלכע איך האָב זיך דעמאָלט שלעכט פאַנאַנדערגעקליבן, ווייל די ליטעראַרישע פארהעלטעניששן און קאמפן זיינען מיר נאָך ניט געווען גוט באקאנט. מיר האָט טעפּערס לויפן דעמאָלט ווי געטאָן. אבער וואָס ביי אַנ-אַנדערן וואָלט געווען אָפּשטויסנדיק, האָט ביי טעפּער׳ן ניט באַליי-דיקט: זיין אומבאהאָלפנקייט אין אמת׳ן פּראַקטישן לעבן, און אמת׳ע באַציאונגען מיט מענטשן האָט אים זייער גוט געפּאַסט.

טעפּער האָט אבער קיינמאָל ניט געמאכט קיין פּשרות מיט זיינע איבערצייגונגען און מיינונגען; און איך בין זיכער, אז צו דעמזעלביקן פּובליציסט, צו וועלכן ער איז אזוי הנכנעה׳דיק גע-לאָפן, וואָלט ער אין אַן ארטיקל געווען זייער שאַרף, אפשר צו שאַרף. איינמאָל איז אין דער ליטעראַרישער קאפע צו אים צוגע-גאַנגען א באַרימטער פּאָעט און אים געפרעגט: — איז דאָס ריכ-טיק, וואס דער און דער האָט אים איבערגעגעבן, אז טעפּער האָט וועגן אים דאָס און דאָס געזאָגט?

— אוי, ער האָט דאָס אייך איבערגעגעבן? — האָט טעפּער געענטפערט. — אַן עולה, ניט געדאַרפט אייך דערציילן.

ניין, טעפּער האָט בשום אופן ניט געקאָנט ווירקן שלעכט אויף לאַנדוי׳ן. אויב אידייען-רייכקייט קאָן ווירקן שלעכט אויף פּאָעזיע, איז אזא פּאָעזיע באמת א זעלטנהייט. אין לאַנדוי׳ן האָבן טע-פּער׳ס אידייען אויפגעוועקט און געהאָלפן אנטוויקלען דאָס, וואָס איז אין לאַנדוי׳ן געווען. עס איז פון דעם ארויסגעקומען א ריי-פערער און קלוגערער לאנדוי, דער לאנדוי פון דער פּאַנאַנדערגע-בליטער פּאָעזיע זיינער פון „שריפטן“ און פון „אינזל“.

איך וועל דאָ ניט רידן קיין סך וועגן געדאַנקען און אידייען אין פּאָעזיע. שלעכט איז נאָר, ווען וויסן און אידייען העלפן דעם וואוקס פון ווילדע פלאַנצן אויף א וויסטער זאמדיקער ערד. ווייל מענטשן מיט ווייניק אָדער דריט-האַנטיקן וויסן און שלעכט-פּאַר-דייטע פאַרלעגענע אידייען זיינען אמאָל געוואָרן ביי אונז גאַנצע וואָרטפירער, האָבן גענומען זאָגן ברייטע דעות אין אונזער ליטע-ראַטור, האָבן מיר דעריבער מיט שרעק און עקל זיך אָפּגעקערט פון וויסן און אידייען, וואס זיינען דאָ גאָר ניט געווען שולדיק. מיר זיינען געווען גרייט איינס און צוויי צו שטעלן אונטער דעם שווער-

סטען פארדאכט דאָס גאנצע וויסן פון אלע מענטשלאכע דורות צו־ליב די אָפּשטויסנדיקע שפּיצלאך פון עטלאכע מיסטיפיקאטאָרן און אידייען־פּעדלער ביי אונז.

עס האָט זיך ביי אונז איבערגע׳חזר׳ט, — ווי אין אַלץ, מיט א גרויסער פּארשפּעטיקונג, — דערזועלביקער שפּיל, וואס מען האָט געזען ביי אנדערע פעלקער. מענטשן מיט אמת׳ן לעבעדיקן וויסן און גאנץ געזונטע אידייען האָבן זיך אָפּגעקערט פון לאנדוי׳ס און טעפּער׳ס „דעקאדענץ". זיי האָבן ניט באמערקט, אז אונטער דער דאָזיקער „דעקאדענץ" איז ביי לאנדוי׳ן געלעגן א גאנץ געזונטער אידייען־פונדאמענט, אז הינטער דעם איז געווען וואך א סך א לע־בעדיקערער געדאנק, איידער אין די טויטע, באנאַלע פערזן פון דיכטער, וועלכע זיי אליין, אונזערע פירער־אינטעליגענטן, האָבן אוי־סערלאך אָנגענומען און אינערלאך אפשר פאראכט.

ביי אונז קאן מען זיין אמאָל אויסערגעוויינלאך צערטלאך צו א מענטשן און אמאָל לייכטזיניק־גראָב און גרויזאם. עס פעלט אמאָל ביי אונז באלאנסירטקייט, ווירדיקייט און ריטערלאכקייט. דאָס נעמט זיך, נאטירלאך, פון דעם, וואס דאָס לעבן ביי אונז איז אזוי ווייניק באלאנסירט, האָט ווייניק קלאָרע אויסזיכטן און פעסטע האָפנונגען.

קיינער ביי אונז האָט ניט איבערגעטראָפן ק. טעפּער׳ן אין גלענצנדער אומפּראקטישקייט. ער האָט זיך מיט אלעמען צעצאמ־פערט, האָט אלעמען פארטשעפּעט, און עס איז פאר אים ביי אונז ניט געבליבן קיין אָרט.

אין א צייט ארום נאָך טעפּער׳ס אָפּפאָר קיין רוסלאנד, צו וועלכן ער האָט געפילט אזא טיפן צובונד, פרעגט מיך לאנדוי: „וואָס פאר א נאָמען פון פארלאג גיט מען אויף טעפּער׳ס זאמ־לונג?" — „עכאָ", — איז מיר איינגעפאלן א נאָמען. אינגיכן איז דערשינען א שיין ארויסגעגעבן ביכל אין א ווייכן גרינעם איינ־בונד: „ד׳אברוצי, זיגזאגן, פארלאג „עכאָ", ניו יארק, 1918."

לאנדויס נאָך אן אינטימער פריינט אין די ערשטע עטלאכע יאָר זיינע אין ניו יארק איז געווען משה ווארשע. ווען איך האָב זיך מיט לאנדוי׳ן באקענט, איז שוין ווארשע ניט געווען, און אַלץ, וואָס איך וויים וועגן אים, האָב איך געהערט פון לאנדוי׳ן, ס. די־לאָנ׳עו און אנדערע. ווארשע האָט אויף לאנדוי׳ן אויך געמוזט

האָבן א גרויסע ווירקונג. זיי ביידע און טעפּער זיינען כסדר געווען צוזאמען. איינמאָל אין א שמועס וועגן וואַרשע׳ן האָב איך לאַנ־דוי׳ן באמערקט, אז ווערדליג ווי מען גיט איבער די איינצעלהייטן פון וואַרשע׳ס טויט, האָט דאָס געקאָנט זיין א צופאַל. לאַנדוי האָט אַביסל אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ, האָט אים א שאָקל געטאָן אויף ניין, און מיט עפּעס א האַלבן שמייכל פון וויטאָג האָט ער שטיל געזאָגט: „איך בין דאָך דעמאָלט געווען אויפן אָרט".

צוויי פּערזענלאַכע טראַגעדיעס האָט לאַנדוי שווער דורכגע־לעבט: דעם טויט פון אן אייגענעם קינד און דעם טויט פון זיין פריינט משה וואַרשע. פון דעם, וואָס איז איבערגעבליבן אין זכרון פון פריינט און פון וואַרשע׳ס ליטעראַרישער אַרבעט איז קלאָר, אז ער וואָלט עפּעס געקאָנט געבן אונזער יונגער ליטעראַטור. אָבער וואַרשע איז גראָד געווען אן „אידייען-מענטש" און זייער שטאַרק „סאָציאַל" און האָט געהאַלטן א וועלט פון נעקראַסאָוו׳ן און פון בירגערלאַכער פּאָעזיע בכלל.

די קעגנערשאַפט צו אידייען איז ביי אונז געווען כמעט אַזוי וואולגאַר, ווי די געשרייען פון אונזערע אידייאישע „פּולער־אינ׳ס". לאַנדוי אליין איז פון אַזאַ מין וואולגאַריטעט געווען דורכאויס פריי. איך וועל אים דאָ בעסער אליין שטעלן פאַר אן עדות. „אגב, — שרייבט לאַנדוי, — וואַרפט זיך אין די אויגן, וואָס ניט נאָר שונד-פּאָעטן, נאָר אויך שונד-ראָמאַניסטן און דראַ־מאַטורגן חלשן אוועק פאַר אן אידייע אָדער געדאַנק. דאָס, אייגנט־לאַך, איז דאָס איינציקע, וואָס זיי קאָנען קאָפּירן פון א גוטן ראָ־מאַן אָדער פּיעסע. דער חילוק איז אבער, וואָס ביי די לעצטע איז דאָס תוך, עלעמענט, און ביי די ערשטע — א דרויסנדיקע צוטשע־פּעניש, א באַפּוצונג, וואָס דאַרף צוגעבן „טיפקייט" און „שיינקייט" דער איינענער נישטיקייט." („דיכטער און דיכטונג", אינזל, 1925).

## די וועלט אַזאַ ווי זי איז

איז דער הייליגער בעל־שם־טוב אין פעלד אומגעגאַנגען באַגינען אין פעלד אי״ם קאַלטן געגאַנגען,

עס האָבן פון צפון געבלאָזן די ווינטן,
קאַלט האָבן און פראָסטיק געבלאָזן די ווינטן,
אַז ס׳האָבן גענומען איִם פרירן די גלידער,
און ס׳האָט מיט פאַרפראָרענע גלידער
דער הייליקער בעל-שם-טוב געעפנט די לעפצן
און האָט אויפן קול זיך צעזונגען.
אַזוי האָבן זיינע געעפנטע לעפצן
געזונגען, געזונגען, געזונגען:
„אַז וואויל איז צו דעם, וואָס האָט זוכה געווען
„דיין ווינט זאָל אמאָל איִם באַרירן,
„אַז וואויל איז צו מיר, וואָס כ׳האָב זוכה געווען
„פון קעלטן פון דיינע צו פרירן,
„אַז וואויל איז צו מיר און אַז וואויל איז און וואויל
„אַז וואויל איז און וואויל איז און וואויל."

און דורשטיק די פראָסטיקע לופט אַלץ געטרונקען
און ווידער אין טיפע מחשבות פאַרזונקען.

און איינציקווייז איז אין׳ם הימל אַרויס
אַ זון אַזוי פלאַמיק און גרויס,
אַז ווי אין גיהינום געוואָרן איז הייס
פון פנים געררונען האָט טראָפּנווייז שווייס
און ס׳האָט אין׳ם ברענענדן פעלד
קיין ווינטל צומאָל ניט געווייט,
נאָר פלוצים זיך האָט דורכן ברענענדן פעלד
דאָס קול פון בעל־שם־טוב צעשפּרייט,
דאָס האָט דער בעל-שם-טוב געזונגען,
אַ לויב צום באַשעפער געזונגען:
„פאַר קעלטן און היצן, פאַר זון און פאַר רעגן,
„פאַר טאָג און פאַר נאַכט, דיר אַ לויב!
„פאַר אַלעס, וואָס דו שיקסט דעם מענטשן אַנטקעגן,
„אַ לויב דיר, אַ לויב דיר, אַ לויב!
„אַז וואויל איז צו מיר, וואָס כ׳וועל איצט פאַרברענט,

„פון פייערן דיינע פארברענט,
„און אויב איך בין זוכה, און דו האָסט באַשערט
„צו פאלן פון דורשטיקייט איצט אויף דיין ערד,
„ווי וואויל איז צו מיר און ווי וואויל איז און וואויל
„און וואויל איז און וואויל איז און וואויל."

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס האָט אינ׳ם ברענענדן פעלד
קיין ווינטל צומאָל ניט געווייט,
נאָר ס׳האָט אינ׳ם ברענענדן פעלד
די הייליקע שטים געווייט.

(„איז דער הייליקער בעל־שם־טוב", 1917).

לאנדוי האָט אין אונזער פּאָעזיע געבראַכט א טיפע ליבע צו דער וועלט אזא ווי זי איז. מיט זיין העלער פערזענלאכקייט האָט ער אזוי לאנג אויפגעהאַלטן ביי אונז דעם גלויבן אין ליד. לאנדוי האָט ניט געקאָנט זיין, ווי אנדערע פּאָעטן, תפיסהדיק. ער איז פון אָנהויב אָן פון זיין וועג אין פּאָעזיע גע־גאנגען צו באַפרייאונג, דעם אמת׳ן זין פון דיכטונג; כאָטש דאָס וואָרט אליין, ווי ווייט איך וויים, האָט ער באַנוצט אין זיין פּאָעזיע נאָר איין מאָל, אין זיינע יוגנט־לידער.

אָבער זיין וועג פון באפרייאונג האָט ניט געקאָנט זיין דער לייכטערער וועג פון פארלייקענונג אָדער פון זוכענישן. זיין שטאַרקסטע בייַנקעניש איז געווען נאָך א וועג, וואו ער זאָל קאָנען אָננעמען פולער דאָס וואָס איז. דאָס איז אבער געווען א שווע־רער וועג.

„אין איין ליד, וואָס גיט זיך מיר איין, איז פאראן מער רעאליטעט, איידער אין וועלכער עס איז באַציאונג מיט מענטשן אָדער אין וועלכער עס איז ניגונג, וואָס איך פיל. דאָרטן וואו איך באשאַף עפּעס, בין איך דאָס וואָס איך בין, מיט׳ן גאנצן אמת פון מיין זיין, און איך וויל גע־פינען דעם כח אויפצובויען מיין לעבן אינגאנצן אויף אָט דעם אמת. אויף דער אומענדלאכער איינפאכקייט און פרייד, וואָס קומט אַמאָל צו מיר... אָבער ווי אזוי זאָל איך אָנהויבן? פעלט מיר דער כח? איז מיין ווילן קראנק? צי אפשר שטערט דער חלום אין מיר יעדער האנדלונג? טעג גייען אוועק, און אמאָל הער איך, ווי דאָס לעבן פארגייט. און דאָך איז נאָך גאָרנישט ניט געשען, קיין שום ממשות׳דיקע, אמת׳ע זאך איז נאָך ארום מיר ניטאָ."

דאָס האָט געשריבן ניט זישא לאַנדוי פון פאַרשיידענע ציַיטן. דאָס האָט געשריבן דער 27 יאָריקער ראַינער מאַריא רילקע אין אַ בריוו צו אַ פריַינדין. רילקע איז זיַין גאַנץ לעבן געווען אַ היימלאָזער און האָט מיט דער גרעסטער אָנגעשטרענגטקייט געזוכט די אמת׳ע רעאַליטעט פון לעבן. לאַנדוי, פאַרקערט, איז געווען אַ פאַרוואָרצלטער, אַ פאַראַנקערטער אין היים. רילקע האָט ביים קינד געזוכט דעם אמת. דער מענלאַכער לאַנדוי האָט זיך געריסן פון די פעטעם פון יעדער נאַאיווקייט, צו דער קלוגשאַפט פון דער גרויסער וועלט ,פון דערוואַקסענע מענטשן פון אונזער ציַיט אָדער פון דער פאַרגאַנגענהייט. אבער לאַנדוי וואָלט דיזעלביקע ווערטער אויך געקאָנט כמעט איבגאַנצן זאָגן.

ער וואָלט עהנלאַכס געקאָנט זאָגן אין פאַרשיידענע ציַיטן, אבער ער האָט דאָס מערסטנס ניט געוואָלט זאָגן. אזעלכע שטימונגען פון זוכן און צווייפלען, אזעלכע קאָנפעסיעס זיַינען דעם רייפן לאַנדוי׳ן געוואָרן דערווידער, — אויף אַ ציַיט. נאָענט צו אזעלכע קאָנפעסיעס און שטימונגען איז ער געקומען אין זיַינע יונגנט-לידער, אָדער אין זיַינע דעמאָלטיקע בריוו, ווען ער איז נאָך געווען ערגעץ צווישן נאַדסאָן, געקראַסאָוו און יאַן קאַספּראָוויטש, אָדער צווישן קאָנאָפּניצקאַ, טעטמאַיער און יאָזעף אייכענדאָרף. שפּעטער פאַרשווינדן אזעלכע שטימונגען אין לאַנדויים לידער. זיי ווערן פאַרטריבן ערגעץ טיף.

איך ווייס, אז לאַנדוי וועט מיר מוחל זיַין מיַינע ספּעקולאַציעס וועגן אים. אונז איז געווען און איז געבליבן טייער לאַנדוי, דער פּאָעט און דער מענטש און חבר, מיט דעם, וואָס ער איז געווען, און אויך מיט דעם, וואָס ער האָט געהאַלטן אין ו ו ע ר ן, ווייל ער איז דאָס אינערלאַך שוין ג ע ו ו ע ן.

לאַנדוי האָט ביי זיַין לעבן ניט באַוויזן ארויסצוגעבן אַ זאַמלונג פון זיַינע לידער. ער האָט אבער באַוויזן צו ווערן דער גרויסער קולטור-כח, און די גרויסע ריין-דיכטערשע קראַפט, וואָס ער איז ביי אונז געווען, אָן אַ זאַמלונג פון לידער אין אַ בוך.

אויסער אַלץ, וואָס איז דאָ אויסגערעכנט געוואָרן, וואָס לאַנדוי האָט געבראַכט אין אונזער אמעריקאַנישער אידישער דיכטונג מיט זיַין פּערזענלאַכקייט, ווי מיט זיַינע פּערזן און ליטעראַרישער פּובליציסטיק און עסייען, האָט לאַנדוי אונז נאָך געבראַכט באַזונדערע

נייע וועלטן. ער האָט אונז געבראַכט אַ פיינעם ד ע נ ד י ז ם אין פּאָעזיע. ער האָט אונז געגעבן מוסטערן פון פיינער ס ט י ל י ז אַ-צ י ע.

איך בין ביי קאַרלאָ גאָצי׳ן הייגט געווען. אין זאַלץ
האָט ער געטונקען דינע רייפלאַך פּאָמידאָרן.
און ער האָט מיר געזאָגט, אַז וויכטיקער פון אַלץ
איז ווידער אָנטאָן מאַסקעס דיכטער און אַקטיאָרן.
(„אויפן טויט פון מיכאַאיל קוזמין“, 1937).

ער האָט ביי אונז אַריינגעפירט די פיינע פאַרגעסענע איטאַליע-נישע קונסט, דעם מאַסקן-שפּיל, וועלכער איז אים געוואָרן אַזוי איינגן.

לאַנדוי האָט אין זיך געהאַט אַ שטאַרקע פּאַראַדיסטישע נייגונג, פאַר וועלכער ער האָט זיך אומזיסט געשראָקן, וואָרום זי האָט נאָך קיין פּאָעט ניט געשטערט אין זיין דיכטערשן וועג, — ניט שעקספּיר׳ן, ניט פּושקינ׳ען, ניט אַלעקסאַנדער בלאָק׳ן, — און זי האָט אויך לאַנדוי׳ן קיין שום שאָדן ניט געטאָן.

ער איז ניט געווען קיין „דעקאַדענט“, קיין עראָטאָמאַן, קיין אַנטי-סאָציאַלער פּאָעט און מענטש, קיין שונא פון אידייען און קיין „ריינער עסטעט“ אַ לאַ אָסקאַר וואַילד. ער איז יאָ געווען אַ געזונטער קאָנסערוואַטאָר. ער האָט זייער גוט פאַרנומען דעם „קול פון זיין צייט“, אָבער ער האָט אים אָפטמאָל ניט געוואָלט הערן.

לאַנדוי׳ס חכמות און פּאַראַדאָקסן האָבן געשטערט מענטשן צו-צוקומען צו אים. „צו וואָס איבערזעצן אַ שלעכטן פּאָעט?“ — האָט ער מיר איינמאָל אַ זאָג געטאָן, ווען איך האָב אים דערקלערט, אַז איך קלייב זיך צו איבערזעצן עטלאַכע פּושקינ׳ס זאַכן. וואָלט מען גענומען אַן אָפּשטימונג וועגן די גרעסטע פּאָעטן, וואָלט לאַנדוי צוגעגעבן זיין שטים פאַר פּושקינ׳ען. ליידער, האָט מען לאַנדוי׳ס חכמות צו אָפט גענומען ביי אונז בוכשטעבלאַך.

מיט זיין גאַנצער פּערזענלאַכקייט האָט לאַנדוי אויפגעהאַלטן ביי אונז דעם גלויבן אין ליד, מיט וועלכן גלויבן ער האָט געלעבט. וואָרים ווי אַנדערע גלויבנס, האָט דער גלויבן אין ליד אין דער טיפער גייסטיקער צעטרייסלונג פון די נאָך-מלחמה יאָרן זיך שטאַרק

צעשאָקלט, און ציטנוווייז האָט זיך אויסגעדוכט, אז אָט-אָט פאַלט ער.

אויסערלאך האָט לאנדוי צום ליד זייער אָפּט ארויסגעוויזן א מין „גרויסשטאָטישן", אביסל איראָנישן צוגאנג. זייטיקע האָבן ציטנווייז געקאָנט מיינען, אז זיין באַציאונג צו פּאָעזיע איז א לייכטזיניקע. דאָס איז געווען, פון איין זייט, זיין געוויינלאכע מאַס-קע, פון דער אנדערער — זיין ווידערווילן צו דער קעלבערנער התפּעלות פאַר פּאָעטן און לידער ביי „גוישע"-רייזנדיקע ישיבה-בחורים און פּראָווינציעלע פּריילינס, און צו דער פאַלשער התפּעלות פאַר פּאָעזיע ביי געוויסע ליטעראַרישע קאַריעריסטן.

אין דער אמת'ן איז לאנדוי'ס באַציאונג צום ליד געווען זייער א שטרענגע און ער האָט אין פּאָעזיע קיינמאָל קיין פּשרות ניט גע-מאכט. ער איז געווען אזוי שטרענג און ערלאך אין זיין באַציאונג צו דער פּאָעטישער קונסט, אז ער איז מיט דעם געווען באמת דאָס געוויסן פון אונזער יונגער דיכטונג.

זיין צוגעבונדנקייט צום ליד איז געווען א טיפע, און אין דעם לעצטן פּעריאָד פון זיין לעבן האָט ער זיך אָפּן און ליידנשאַפט-לאך און אָן בושה דערקלערט אין ליבע צו דער געטין פון פּאָעזיע, פאַרגעסנדיק זיין גאנצע „גרויסוועלטישקייט". דאָס איז געווען דע-מאָלט, ווען עס איז צוגעקומען אן אמת'ע געפאַר אָפּגעריסן צו ווערן פון ליד.

און איצט, ווען דער ציקל פון זיין לעבן איז פאַרענדיקט, איז אונז געבליבן זיין העלע געשטאַלט און א ציקל לידער, וואָס האָבן צו זיך אפשר קיין גלייכן ניט אין אונזער פּאָעזיע מיט דער לופ-טיגקייט, צאַרטקייט, דופטיקייט, דינער זינלאכקייט, פּלאַסטערדיקייט פון וואָרט און פולער זוניקייט, מיט וועלכער זיי זיינען דורכגענומען.

לאנדוי'ס גאנצע פּאָעזיע איז געווען ביי אונז איין הימן צו דער וועלט אזא ווי זי איז, צו איר טיפער, אָפּטמאָל וויטאָקדיקער שיינ-קייט. אין די קלוגע לאנדוי'שע טיפקייטן האָט זיך געצייטיקט א נייער לאנדוי, וועלכן מיר האָבן פאַראויסגעפילט, און וועלכער וואָלט נאָך מער באשטעטיקט מיט „וואונדערבארן דינעם וואָרט" די שיינ-קייט, וואָס א י ז, און די, וואָס ו ו ע ר ט; די שיינקייט פון לעבן, וואָס מען זעט, און די, וואָס מען אנט, און וואָס מען קאָן ניט פאַרגעסן.

# אויף מאָרגן

שניי, ווייסער הײשעריק, איז היינט באַפאַלן
דעם האַרטנעקיגן ברוק און אים באַזיגט:
אויפן אַספאַלט זיך אויסגעשפּרייט און ליגט
אין ווייסן זיג און טויט פון דימענט־שטראַלן.

און באַלד אַ זשאַווער־שאַרן און אַ קנאַלן
פון רידלען איינזאַמע קלינגט אַף פאַרשטיקט:
מיט הייזעריקן, ראַסטיקן ווערדיקט
שווער פאַלן קלונגען טעמפּע און פאַטאַלע.*)

ווי נעכטן האָבן שטיין און ערד די רידלען
ביי שוואַרצער טיף, וואָס האָט אויף אונז געשטאַרט,
איילִיק געקלאַפּט, געשאָטן און געשאַרט —

ווי אויף אַ גאָלד־געבונדן בוך פון לידער,
וואו ס'ליגט פאַרוויגט, דערוויגט אין טונקלער וויג
דער פריינט מיט זיין ניטדאָאיק־טיפן גליק.

---

*) אַזוי פאַלט טעמפּ אַ קלונג מיט אייביקן ווערדיקט,
ווי, לאַנדוי, אין באַלאַדע פון פאָן האָפּמאַנסטאַל'ן.
אַזוי ביזטו אין ליכטער פון דער גאַס, אַנטציקט,
באַרוישט אין ליכט פון ליד, אויף שוואַרצן ברוק געפאַלן.

## זיין רום

בלויאויגיקער, גיב מיט דער ליפ א קרים
און פלאַטער אויף א זעאונג לאַנג פאַרגעסן
און ווערטער לאַנג שוין שטויביק און צעפרעסן
צעשטויב מיט וואונדער־וואָרט און פליסטער־שטים.

דו האָסט מיט גאַצי'ן איינזאמען אינטים
געשמועסט אָפט, מיט היינע'ן נעכט געזעסן.
געוועזן א טאָג — געפּרייזט האָט דיך די פּרעסע,
און בונטער לויכטן דיין געשטאַלט און גרים.

נאָר דו ביזט ווייט — אין וואונדער פון פּיאַבעס,
אין פליסטער צווישן גאַסיקן געשריי:
און איז די וועלט א נאַריש־בייזע פאַבעל,

איז ליד פאַראַן, און ליכט פון דולצינעי,
און רעגנבויגן פון דעם ערשטן מבול. —
אָ, יונגע רייד און טריט אין טיפן שניי.

**י. קיסין.**

# דער ליכטיקער

א.

א ליכטיקער, א דינער, מיט כוואליעדיקע גאָלדענע האָר און בלויע אָפענע אויגן. עפּעס אזא אומגעוויינטלאכער צווישן אונזערע אימיגראנטן פון יענע יאָרן. אָן אויסטערלישע פּלאנץ, אָן אויסגע-כאָוועטע, אָן אויסגעאיידלטע פון דורות און וואָרימע גוט-אידישע הייזער. ארום שיינעם פרישן מויל האָט זיך געקנייטשט א דין שמייכל, וואס האָט געזוכט צו זיין איראָניש — אבער נישט אלעמאָל איז דאָס אים געלונגען, — און איז סוף-כל-סוף אריינ-געפאלן אין א גוטמוטיגקייט און הארציגקייט. אזוי האָט לאנדוי אויסגעזען מיט א יאָר זיבן-אכט-און-צוואנציק צוריק, ווען כ׳האָב אים צום ערשטן מאָל געזען.

פאַרגעקומען איז אונזער ערשטע באגעגעניש אין באָרניקן קליינעם קלערמאָנט פּארק, בראָנקס. בראָנקס איז דענסטמאָל געווען די נעסט פון וועלכער אונזערע פּאָעטן און נאָוועליסטן האָבן זיך שפּעטער אויסגעבריט. כ׳געדיינק שוין נישט אקוראט, ווער ס׳האָט אונז באקאנט געמאכט: מעגלאך, מאני לייב, און מעגלאך, דוד איגנאַטאָוו.

ס׳איז געווען א זוניקער זונטיק-נאָכמיטאג אין שפּעטן הארבסט. נישטאָ קיין שענערע צייט אין ניו יארק, ווי די צייט פון



גרופּע צייכנונג — פּ. בלומבערג

אינדיאנער זומער. דער גאנצער פארק האָט געפלאַמט מיט פארב און קאָליר, און אויף דער פאָן פון די פלאַמענדיקע קאָלירן זע איך איצט, רעטראָספּעקטיוו, נאָך עטלאַכע און צוואַנציק יאָר צייט, דעם דעמאָלסטיקן לאַנדוי׳ן, א שלאַנקן, א גראַציעזן, אביסל אן עקזאָ-טישן, אביסל א פרעמדלאַכן, א וויטלאַכן.

די פרעמדקייט און וויטלאַכקייט האָבן זיך גענומען דערפון, ווי איך זע דאָס איצט, ערשטנס, וואס מיר איז פשוט שווער געווען צו פאַרשטיין זיין ריידן : ער האָט גערעדט זייער שטיל, שעפּטשנ-דיק, ווי ער וואָלט זיך געסוד׳עט מיט עמיצן ; און, צווייטנס, זיין טיף-פוילישע אויסשפּראַך און נגון מיט וועלכן ער האָט ארויסגע-זונגען די ווערטער, און מיר, דעם ליטוואַק, איז שווער געווען אים צו כאַפּן. גערעדט האָט מען, פאַרשטייט זיך, וועגן ליטעראַטור און שרייבער. קיין פּרטים געדיינק איך נישט, דערפאַר אָבער געדיינק איך דעם אופן פון זיין אויסדרוק, דעם היציקן מאַך מיט דער האַנט, זיין נעגאַטיוון שטעל צו דער עלטערער אידישער ליטעראַטור און זיינע שטעכיקע קורצע רעפּליקעס, מיט וועלכע ער האָט אלץ און אלעמען, מיט א בכיוונדיקן צולהכעיס, מבטל געווען.

ער האָט שוין ביי יענער צייט געהאַט געשריבן א פּאָר יאָר. כ׳האָב שוין געהאַט געלייענט זיינע לידער אין „ארבעטער" און אנדערע אויסגאַבן פון יענער צייט. די לידער זיינען, לויט מיין דעמאָלסטיקן איינדרוק, געווען שיין און גלאַט געשריבן, אבער זיי האָבן זיך נישט ארויסגעטיילט צו בעסערם פון אסך אנדערע לי-דער, וואס פלעגן זיך דרוקן אין דער אידישער פּרעסע פון יענער צייט. דעריבער האָט מיך דער ערשטער שמועס אונזערער מכה אנ-דערע פּאָעטן, און וויכטיקע פּאָעטן, אביסל שאַקירט, און כ׳בין זיך מודה, כ׳האָב אים חושד געווען, אז דאָס איז ביי אים א פּאָזע אזא, אן אָנשטעל, כדי צו פאַרוואונדערן און דערשטוינען מענטשן.

שפּעטער, געדיינק איך, פלעגן מיר זיך אָפט טרעפן מיט אים ביי באַקאַנטע אין קאַפעהויז, אמאָל אין פּארק. מיר פלעגן זיך איבערוואַרפן מיט די געוויינלאַכע טאָג-טעגלאַכע ווערטער מיט וועלכע מענטשן באַגריסן זיך, אָבער צו אינטימער נייס-טיקער נאָענטקייט, צו התגלות, וואָלט איך זאָגן, איז ביי אונז נישט

נעקומען. עפּעס איז געשטאַנען צווישן אונז א מחיצה, וואָס, ביי מיין בעסטן ווילן, האָב איך נישט געקענט דורכברעכן. אזוי האָט עס אָנגעהאַלטן עטלאכע יאָר צייט. דורך דער צייט זיינען דערשינען די זאמלביכער „שריפטן" אין וועלכע לאנדוי האָט זיך אנטפּלעקט מיט סעריעס נייע לידער, לחלוטין נייע אין זשאַנר און פאַרנעם. די לידער זיינען געווען איינגאַרטיק, פריש און צאַפּלדיק, אויסגע-טאָקט פון די הענט פון א יונגען מייסטער, און האָבן געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון לייענער. מיט קורצע ווערטער אי-בערגעגעבן א געדאנק, א געפיל, קלאָר, שאַרף, און, אָפּטמאָל, אי-בערראַשנדיק מיט עקזאַקטן וואָרט און גראַציעזער פשטות. ס'האָט זיך אנטפּלעקט א נייער לאנדוי. יונגע פּאָעטן און חברים האָבן זיך שטאַרק גענומען צוהערן צו לאנדוי'ס א וואָרט, א מיינונג. ס'איז געווען זיין צייט פון אויפבלי, די אַנטוויקלונג פון זיינע בעסטע יונגטלאכע כוחות, און ווי יונג ער איז געווען, האָט ער דאָך געהאט דעם געשמאַק פון עלטערלאכער געזעצטער חכמה, וואס קומט צו דעם עכטן טאַלאַנט. קאָמפּלימענטירן אים האָב איך, ווי מיין שטיינער איז, נישט געקענט — כ'האָב מורא געהאט, ער זאָל מיך נישט חושד זיין אין חניפה. דערצו איז ביי יענער צייט צוגעקומען דער סכסוך צווישן דער גרופּע „יונגע", וואס האָט געפירט צו א שפּאַלטונג, און ס'איז געבוירן געוואָרן דאָס זאמלבוך „די נייע היים". כ'געדיינק, אז איך האב מיך משתדל געווען, ס'זאָל קומען צו אן אויסגלייך, פאררופן איינמאָל א זונטיק ביי מיר אין הויז ביידע צדדים זיך דורכצושמועסן — אָבער ס'האָט גאָרנישט ניט געהאָלפן. חברה איז געווען הארטנעקיק ביז גאָר, דאָס יונגע בלוט איז געווען היציק, און צווישן די ביז גאָר היציקע איז געווען לאנדוי.

ב.

דעם זומער פון 1916 איז מיר אויסגעקומען צו וואוינען אין אטלאַנטיק-הייל אנדס, א קליין דערפל, אינגאנצן א פּאָר צענדליק מייל פון ניו-יאָרק. אין מאָנאַט אויגוסט, איין שבת פאַרנאכט, האָב איך געטראָפן אין א ניו-יאָרקער רעסטאָראַן קאַליא טעפּער'ן,

לאנדוי׳ס נאָנטסטן פריינט ביי יענער צייט. מיר זיינען געזעסן און געשמועסט א שטיק צייט, ביז מיר האבן זיך אויפגעהויבן צו גיין.

— טעפּער, אפשר וואָלט איר זיך דורכגעפאָרן אביסל נאָך היילאנד-מילס? איר׳ט נעכטיקן ביי מיר.

— גוט, איך פאָר. פון אייך ביז לאנדוי׳ן, וואו ער וואוינט אויפ׳ן דאָרף, איז נישט ווייט צוצופאָרן.

זיינען מיר אוועק צום שיף, זיך פארקליבן ביים סאמע נאָז פון שיף, זיך אָנגעשפּארט אָן פּארענטש און געשמועסט. דער טעם און ריח פון יענער נאכט איז מיר פארבליבן ביז היינטיקן טאָג אין זכרון. ס׳איז געווען א נאכט פון לויטער בלוי און זילבער. שטילע, רואיקע כוואַליעס האָבן זיך געראונצלט, ווי ריזיקע שיפּן, זילבער-דיק און גרין, און דער גאנצער וועג מיטן וואסער האָט אויסגעזען, ווי ס׳טרעפט זיך אמאָל אין א זומערדיקער נאכט, ווי א חלום.

טעפּער, א מענטש פון הפוכים, א ליריש-באַגאַבטער, א צערו-דערטער פון מיסטישע נטיות, האָט דעם גאנצן וועג נישט אויפגע-הערט צו ריידן. כ׳געדיינק ווי היינט זיינע אָנפאלן אויף דער פילאָזאָפיע פון אידנטום, זיין ווארפן מיט ציטאַטן פון אַלטע חקירה-ספרים. ער האָט גערעדט וועגן דער מאָדערנער אידישער פּאָעזיע אין אמעריקע, זיך אָפּגעשטעלט איבערהויפּט אויף לאנדוי׳ן. ער האָט גע-רעדט וועגן אים מיט אסך ליבשאַפט און באגייסטערונג. אין איינ-ציקע פראזע זיינע וועגן לאנדוי׳ן געדיינק איך גענוי: „אָט א פּאָעט! אזוי יונג אין יאָרן און פארמאָגט אזוי פיל חכמה!" — ס׳איז געווען א הארציקער, האלב-לירישער, האלב-פילאָזאָפישער שמועס, און ס׳האָט זיך באמת נישט געגלוסט ארונטערצוגיין פון שיף.

דעם גאנצן מאָרגנדיקן טאָג האָבן מיר פארבראכט ביי לאנ-דוי׳ן. די לאנדוי׳ס האָבן באוואוינט א הילצערנע אַלטע שטוב אין מיטן פון אן אָפּגעלייגט פעלד, ארומגערינגלט מיט אַלטע ביימער. מיר האָבן זיי, לאנדוי׳ן און רייזלען, געטראָפן ביי דער ארבעט: זיי האָבן געהאלטן אין פרעזערווירן פרוכטן. לאנדוי מיט פאר-שארצטע ארבל איבער די אייִלנבויגנס, די בלאָנדע האָר צעפּאַטלט, אן איינגעשמירטער אין דער קלעפּיקער זאַפט, און רייזל, מיט א שערץ און טיכל איבער׳ן קאָפּ. אין דער גרויסער קיכשטוב, וואס

האָט געדינט אויך אלס עסצימער, האָט זיך געהייצט די קוילן-פליטע, אָנגעשטעלט מיט קאָבעדיקע שוימיקע טעפּ געפּרעגלטע פּרוכטן. א וועלט מיט גלעזערנע סלאָיעס פון כלערליי גרויס, אָנגעשטעלט אויף די טישן און אויף דער הילצערנער פּאָדלאָגע, אסך פון זיי שוין אָנגעגאָסן מיט דער שפּילעוודיקער זאַפט ביז די ראַנדן, און נאָך מער האָבן געוואַרט אָנגעפילט צו ווערן. דאָס גאַנצע שטיבל איז געווען אָנגעזאַפּט מיט'ן געשמאַקן וואונדערלאַכן ריח פון הייסע פּרוכטן.

דאָס איז געווען א זומער א גאָטגעבענטשטער פאַר'ן פּאָעט. א זומער פון שטילער רו און שלימות, נאָך וועלכע א פּאָעט בייַנקט: רואיקייט פון זומערדיקן דאָרף און שטילע לויטערע פריידן און צערטלאַכקייטן, וואָס פילן אָן די נשמה ביז די ברעגן; און ממילא אויך א זומער פון אינטענסיווער גייסטיקער ארבעט. דער געגענט, דעם גרינעם טאָל מיט די אַלטע בוימער, די פריידיקע רו און שטילקייט, און דורך זיי, דעם פּאָעט'ס שטימונגען פון יענעם זומער, האָב איך שפּעטער ווידער דערזען און מיטגעלעבט אין זיין גרעסערער סעריע לידער, וואָס איז פאַרעפנטלאַכט געוואָרן סוף יענעם הארבסט אין זאַמלבוך „וועלט איין, וועלט אויס". די געזונטע פּשוט'ע פריידן פון מענטשן האָבן דאָ געפונען דעם קלאָרסטן אויסדרוק דורך געזונטע פּשוט'ע ווערטער. „די ברייטע העל-פאַרגראָזטע געגנט האָט אויפגעשמעקט אין שטוב" ביי אים. „אַ רואיקער, אין טיפן גראָז פאַרגראָבן, האָב איך זיך אין דער גאַנצער גרויס צעשפּרייט". און אין דער דאָזיקער געבענטשטער רו און פרייד איז געקומען צום אויסדרוק קלאָרקייט און ליכטיקייט פון געדאַנק:

וואונדערבאַרע ווערטער,
נייגט צו מיר זיך צו;
וואָרט, דו לאַנג באַגערטער,
לאַנג געזוכטע רו!

שווייגנדיק זיך דרייען
אָט אזוי זיך דאָ;
זעען, ווי ס'פאַרגייען
רואיק שעה נאָך שעה.

און פון אלעם טראכטן
לייכט אזוי און העל;
זיצן די פארנאכטן
מיט דער ווייב ביים שוועל.

אין יענעם זונטיק, וואָס שווימט אצינד ארויס אין מיין זכרון פריש און ניי, איז מיר באשערט געווען זיך צו באקענען מיט א נייעם לאנדוי. ס'זעט אויס, אז לאנדוי אין דער היים איז געווען גאָר אן אנדערער, ווי דער וואָס אין גאַס. אין אונזערע באגעגענישן אין רעסטאָראַן איז ער אין יענער צייט געווען פארשלאָסן אויף זיבן שלעסער — ס'איז געווען א צייט אזא פון קאָנספּיראַציע אין אונזער ליטעראריש וועלטל. אין הויז ביי אים האָט ער זיך צע־עפנט שיין און ליכטיק. א שטראָם הארציקייט און פריינדשאפט האָט זיך פון אים געצויגן. ס'איז שוין א קימא־לן פון געניע איין־און־צוואנציק יאָר זינט יענעם זונטיק, דער שמועס און דעטאלן זיינען אָפּגעווישט פון זכרון, נאָר דער דופט פון זיין שטוביקער אטמאָספערע אין יענעם טאָג איז פארבליבן גאנץ. איך זע אים מיט זיינע יונגע בלויע לויטערע אויגן, מיט'ן בלאָנדן אומרואיקן געטאָקטן קאָפּ, מיט זיינע שיינע האסטיקע באוועגונגען, מיט'ן פיי־נעם שמייכל אויף די ליפּן, ווי ער האָט דענסטמאָל אויסגעזען. ער איז געווען הארציק אויפגעלייגט, געשפּרודלט מיט א פיינעם איי־דעלן הומאָר, זיך אָפּגעגעבן אזוי צערטלאך מיט זיין קליין טעכ־טערל, און זיך שטארק איבערגענומען מיט זיין דאָרפישער באלע־באטישקייט. אז איך בין שפּעט אין אָוונט געפאָרן צו זיך אהיים, האָב איך אויך מיטגעפירט אין הארצן ווארימקייט און ליבשאפט פאר דעם הארציקן מענטשן זישא לאנדוי.

יענעם זונטיק זיינען מיר אריבער אויף „דו".

ג.

פון 1918 ביז אומגעפער מיט א צען יאָר שפּעטער האָב איך געוואוינט אין קענטאָקי. דאָך פלעגט מיר אויסקומען אייניקע מאָל א יאָר צו זיין אויף עטלאכע טעג אין ניו־יאָרק. דורך דער דאָזי־

קער צייט האָב איך זיך מיט לאַנדוי׳ן ווייניק געטראָפן. כ׳האָב אים געמוזט זען נישט מער, ווי א 3-4 מאָל.

איין באַגעגעניש אונזערע געדיינק איך ביי אונזער ליבן דאָקטאָר פאַקס׳ן אין הויז. א זונטיק בייטאָג איז דאָס געווען. ווער איז דאָרטן יענעם זונטיק נישט געווען? ס׳איז געווען אָפּאַטאָשו, ס׳איז געווען כאַאימאָוויטש, און מאַני-לייב, און שעליובסקי, אין די בלויזע ווייסע ארבעל, ארונטערגעקומען היימיש פון אויבערשטן נאָרן, און ראָלניק, און זיי צו לענגערע יאָר, אברהם משה דילאָן און לאַנדוי. ס׳איז געווען ביז גאָר היימלאַך. איך האָב זיך ממש דערפרייט, צוליב צוויי סבות. ערשטנס, איז מיר ליב געווען זיך צו זען מיט׳ן עולם. נאָך א שטיק צייט זיין אָפּגעריסן אין קענטאָקי, וואו איך האָב נישט געהאַט מיט וועמען זיך איבערצעוואָרפן מיט א וואָרט, איז אריינפאלן אין אזא חבריה פון נאָנטע חברים געווען פשוט אַן איבערלעבעניש. צווייטנס, האָב איך פונקט דענסטמאָל געבראַכט מיט זיך די ערשטע אידיליע פון מיינע קענטאָקער פּאָעמען, „דזשאָרדזש וואשינגטאָן“. ס׳איז ביי מיר געווען א נייעס, און איך האָב באמת געוואָלט הערן, וואָס וועלן חברים זאָגן וועגן דעם.

איך געדיינק נישט, צוליב וואס פּאר א געלעגנהייט די שמחהלע איז דאַן פאָרגעקומען. נאָר וואָס איז די נפקא-מינה, אבי ס׳איז געווען יום-טוב׳דיק. דער עולם איז געווען גוט אויפגעלייגט, ווער ס׳האָט געזונגען, ווער ס׳האָט זיך געאַמפּערט מיט׳ן צווייטן מכח אַן ענין, און לאַנדוי האָט זיך געפילט אויף דעם דאָזיקן קערמישל, ווי זיין שטייגער איז געווען אויף אזעלכע שמחה׳לאך, ווי א פיש אין וואַסער. ער איז ארומגעגאנגען צווישן עולם, אונטערגעטריבן מ׳זאָל עסן און טרינקען, מיט דעם גענומען צוביסלאך בראָנפן, און מיט יענעם א שטיקל פארבייסאכץ, און בכלל זיך געפילט אויפגעלייגט ביז גאָר. גערעדט, געלאכט א פריידיקער אויפ׳ן הויכן קול — א פּאַרנומענער מענטש!

— זישא, — זאָג איך צו אים, — כ׳האָב געבראַכט א נייע זאַך פון קענטאָקער לעבן, און כ׳וואָלט זי זייער געוואָלט לייענען דאָ פאַר׳ן עולם.

— ליטעראַטור? — מאַכט זישא, און טוט א קרים מיט דער

נאָז און אַ בטול׳דיקן מאַך מיט דער האַנט. — פע! מאַך זיך נישט נאַריש! ס׳וועט זיך דרוקן, וועלן מיר לייענען. וואָס האָסטו קיין צייט נישט? נעם בעסער אַביסל בראַנפן!

איך אָבער האָב זיך נישט געקענט באַרואיקן, און ביי דער ערשטער געלעגנהייט, אַז מ׳האָט געקענט אַרויסריידן אַ וואָרט אין דעם טומל, האָב איך געזאָגט דעם עולם, אַז איך וויל פאַרלייענען אַ נייע זאַך.

— וואַרפט אים אַרויס! — האָט איינער פון דער חברה אַרויסגעזונגען, און באַלד האָט זיך דער טומל און געפּילדער באַנייט נאָך שטאַרקער ווי פריער, און איך בין נעבאַך אַנטשוויגן געוואָרן.

— נו, וואָס האָב איך דיר געזאָגט? — מאַכט זישא, און ס׳פּנים האָט ביי אים געשיינט פון האַרציקן געלעכטער.

און נאָך איינמאָל געדיינק איך אים פון 26-טן אָדער 27-טן יאָר. ס׳איז געווען אַ ווינטערדיקער שבת-נאָכמיטאָג. מיר זיינען אַ היפּשע צייט געזעסן אין אַ קאַפע זאַלבעפערט: לאַנדוי, פאַקס, באַאימאָוויטש און איך. פאַרנאַכט-צו האָט לאַנדוי פאָרגעשלאָגן, מיר זאָלן גיין עסן אָוונט-ברויט אין אַ רומענישן קעלער-רעסטאָראַן. זיינען מיר אַוועק אַהין, און לאַנדוי, דער גרויסער גאַסטראָנאָם, האָט גענומען אויף זיך צו זיין דער אויסוויילער און באַשטעלער פון דער אכילה.

וויי, וויי, וואָס האָט מען דענסטמאָל נישט געבראַכט צום טיש? — פאַרשפּייזן פון שאַרפן הערינג און געהאַקטע לעבערקעס, און זופּ מיט מאַנדעלאַך, און געדעמפּטע פליישן און פּערטעלען קאַטשקעס, און געפילטע העלדזלאַך, און רעטשענע קאַשע מיט קאַרנעצלאַך; היינט שאַר-ירקות, ווי זויערקרויט, און אוגערקעס, און טאָמאַטן, און די ברענענדיקע רויטע פעפערלאַך, מיט אַ קרינגל וויין און קאָמפּאָט און שטרודל. ס׳איז געווען שוין איינמאָל אַ סעודה. אַלע די ריכטיקע זאַכן, וואָס רופן ביי אַן אונזעריקן אַרויס דעם יצר-הרע פון אכילה. נו, נו, האָבן מיר געגעסן. אַ ברירה האָט מען געהאַט? איך מוז זאָגן, אַז איך בין דענסטמאָל געווען שטאַרק פאַרוואונדערט פון דער דאָזיקער סעודה, וואָס זישא האָט אויפ׳ן טיש אַרויפגעבראַכט, און נאָך מער, וואָס ער האָט מיט אַזא

אפעטיט געגעסן, און געלערנט אנדערע ווי צו עסן. אין עניני־אכילה, בין איך זיך מודה, בין איך אויך ניט קיין שיפּע זיבעלע — אָבער פון אזאַ מין אכילה האָב איך פּשוט געגאַפּט.

ביי יענער צייט האָבן מיר אלע שוין געוואוסט, אז לאַנדוי איז א קראַנקער מענטש, און ערנסט קראַנק, און די דאָזיקע אלע אכילות זיינען פאר אים געפערלאך. ער איז ביי יענער צייט געווען שווער און דיק. פון דעם אמאָליקן דינעם גראַציעזן אינגל איז קיין זכר נישט געבליבן — ס׳איז איצט געווען א שווערער ברייטפּלייצי־קער מענטש, נאָר אין די אויגן האָבן אומגעטאַנצט העלע ליכטיקע פייערלאך, און יוגנטלאכקייט און פריידיקייט האָבן ארויסגעלויכטן פון דעם אביסל־פארשוואומענעם פּנים, און ער האָט געפייפט וואוילינגעריש אויף אלע אזהרות פון די דאָקטוירים.

— ווי מיינסטו — מאַך איך צו אים אין האַלבשפּאַס — ס׳איז נישט א קאַפּעטשקע צופיל? מ׳קען זיך דאָ גוט איבער־עסן . . .

— ע, — מאַכט ער, און שאָקלט מיט׳ן קאָפּ אהין און צו־ריק, — וועסטו נעמען ריצנאַייל.

און וויטער אָנגעגאַנגען מיט׳ן עסן. ער איז געווען לויטער חן און איידעלע פארשייטקייט. מיר זיינען אָפּגעזעסן ביז א שטיק אין אָוונט און זיך געלאָזט וואוילגיין.

אַז איך בין געקומען האַלבע נאכט צו זיך אין צימער, איז מיר געווען נישט גוט. זיך וואַרפנדיק אויפן געלעגער, האָב איך בחוש געזען, ווי א גרויער פעטער רויך רייסט זיך מיר פון האַלדז ארויס . . .

און א פּאָר טעג שפּעטער, טרעפנדיק זיך מיט פּאַקס׳ן, האָב איך אים א פרעג געטאָן:

— נו, ווי ביסטו דערפאָרן אהיים?

— נו, נו, — האָט פּאַקס אָפּגעענטפערט. — איך בין נישט געפאָרן, נאָר געגאַנגען.

— ביז אין דער בראָנקס אריין?

— ביז אין בראָנקס. אַניט, וואָלט געווען שלעכט.

פון די איבעריקע צוויי האָב איך נישט געהערט — האָב איך גערדרונגען, אז זיי זיינען אויך געבליבן ביים לעבן . . .

## ד.

דורך אלע מיינע באגעגענישן מיט לאנדויי'ן האָבן מיר וועגן אונזערע אייגענע לידער קיינמאָל נישט גערעדט. עס זיינען בלויז פאָרגעקומען אייניקע אויסנאַמען, ווען מיר האָבן דירעקט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם. איינמאָל, עטלאַכע מאָנאַטן נאָכדעם ווי „דזשאָרדזש וואַשינגטאָן" איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „צוקונפט", האָט מיר לאַנדוי א זאָג געטאָן מיט האַלב-צוגעמאַכטע אויגן, אויף א שטילן סודות'דיקן קול:

— דיין „דזשאָרדזש" איז א פיינער יונג, גאָר א בראַווער קערל . . . א פיינע ארבעט.

וואָס זאָל איך לייקענען, זיין קאָמפּלימענט איז מיר געווען צום הארצן. ער האָט געהאַט א פיינעם איידעלן חוש בנוגע פּאָעזיע. ער איז געווען צווישן אונז אפשר דער בעסטער אָפּשאַצער און מבין. ער האָט לייכט און פלינק געכאַפּט דאָס עכטע, דאָס קערנדיקע, און דאָס פאַלשע, דאָס גע'מלאכה'טע דערשפּירט אויף אַן אָרט.

און דאָס צווייטע מאָל איז פאָרגעקומען, ווען מיין בוך „אונזער ליד פון שפּאַניע", — איבערזעצונגען פון די גרויסע מייסטערס פון אידיש-שפּאַנישן רענעסאַנס, שלמה אבן-גבירול, משה אבן-עזרא און יהודה הלוי, — איז ארויס פון דרוק. נישט-קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער האָט העברעאיש ווייניק פאַרשטאַנען און די דאָזיקע פּאָעטן קיינמאָל נישט געלייענט אין אָריגינאַל, האָט ער דאָך, אינטואיטיוו, זיך דערגרונטעוועט צום סאַמע מהות און כאַראַקטעריסטיק פון די מיטלאַלטערלאַכע פּאָעטן. דערהויפּט האָט מיך איבערראַשט זיין אָפּשאַצונג פון שלמה אבן-גבירול, אין וועלכער ער האָט זיך צענויפגעטראָפן מיט נישט קיין קלענערן מבין און קענער פון דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור, ווי חיים נחמן ביאַליק. ווען ביאַליק איז אין 1926 געווען אין אַמעריקע, פלעג איך גאַנץ אָפט אים באַזוכן. ער איז געווען דעמסטמאָל אינגאַנצן פאַרטיפט אין רעסטאַווירן די טעקסטן פון די אַלטע פּאָעטן פאַר זיין פאַרלאַג „דביר", און ער האָט נישט אויפגעהערט צו ריידן וועגן יענער עפּאָכע, און דער באַדייטונג פון די אַלטע פּאָעטן. ער האָט

דעם פריציייטיק געשטאָרבענעם שלמה אבן-גבירול, דעם מיסטישן פּאָעט-פילאָזאָף, געשטעלט העכער פון אלע גרויסע פּאָעטן פון יענער נאנצער עפּאָכע. ער האָט אים געהאלטן פאר׳ן אָריגינעלסטן און אייגנאַרטיקסטן פון דער גרופּע, אין וועלכער ס׳האָבן זיך געפונען אזוינע ריזן, ווי ר׳ שמואל הנגיד, משה אבן-עזרא און יהודה הלוי. פארשטייט זיך, אז מען קען אויף דעם משיג זיין, און נישט יעדער איינער וועט מסכים זיין מיט דער מיינונג. האָט דאָך פּאָרט משה אבן-עזרא אזויפיל שיינקייט און ליכטיגקייט, וואס ביי בן-גבירול זיינען זיי נישט בנמצא, און יהודה הלוי, אזויפיל הארציגקייט און מוזיק. נאָר נישט דאָס בין איך אויסן. עס האָבן מיך ממש איבער-ראשט לאנדוי׳ס באמערקונגען וועגן די פּאָעטן, וואס האָבן גע-שטימט ממש וואָרט אין וואָרט מיט ביאליקס, און דאָס, נישט קע-נענדיק דעם אָריגינאל, בלויז פון דער איבערזעצונג.

און אפשר איז דאָס נישט קיין וואונדער. לאנדוי איז געווען א וואונדערלאכער איבערזעצער. זיינע באלאדן פון דער אלט-ענג-לישער ליטעראטור זאָגן דאָך אויף דעם עדות. אזא קלאָרקייט, אזא ליכטיגקייט, אזא צוגעפּאסטקייט צו דעם סטיל פון די אלטע פאָלקס-באלאדן. ער האָט דעריבער דערשפּירט, וואָלט איך זאָגן, די ערד און די לופט פון יענע אלטע העברעאישע פּאָעטן אפילו אין דער איבערזעצונג. וועגן זיינע אייגענע לידער האָט ער קיינמאָל מיט מיר נישט גערעדט, נאָר וועגן די ענגלישע באלאדן זיינע — מיט חשק און **ליבע.**

## **ח.**

פאר צוויי יאָרן, ס׳איז געווען אינמיטן זומער, אויב איך מאַך קיין טעות נישט, האָב איך זיך געטראָפן מיט דוד איגנאַטאָוו׳ן. האָט ער מיר דערציילט, אז לאנדוי געפינט זיך אין מאָונט-סיני האָס-פּיטאל, און אז ער גייט אים דאָס איצט מבקר-חולה זיין. זיינען מיר צוגעפאָרן צום האָספּיטאל.

דער גרויסער אויפנאם-צימער פון שפּיטאל איז געווען איבער-געפּאקט מיט מענטשן. ס׳איז געווען די נאָכמיטאָגדיקע צייט, ווען

מענטשן קומען באזוכן זייערע אייגענע. דער שטילער אייננע־האלטענער טומל פון שפיטאל האט געדריקט אויף די נערוון. ס׳האט געשמעקט מיט יאדאפארם און קארבאל. מיר האבן אויפגעזוכט לאנדוי׳ן מיט רייזלען און זיך צוגעזעצט מיט זיי.

לאנדוי איז געווען אינגאנצן א פארביטענער אין גרויען לאנגן כאלאט און די ווייכע שטעקשיך. דאס פנים איז געווען בוכשטעבליך גרוי, אש־גרוי, אין די קנייטשן ארום די ליפן איז געלעגן אזוי פיל מענטשלאכער צער און ווייטיק, און פון די אויגן האט ארויסגעקוקט שרעק און פארצווייפלונג. די ליפן זיינען געווען אויפגעלאפן און צעשפאלטן. עס האט זיך געהאנדלט אום דעם, וואס ער האט געוואלט תיכף, אויף אן ארט, זיך אויסשרייבן פון האספיטאל און גיין אהיים. רייזל און די ארומיקע האבן פרובירט אים איבעררײדן, ער זאל בעסער זיין אין שפיטאל, וואו ער שטייט יעדע רגע אונטער דער השגחה פון דאקטוירים — אבער ער האט זיך נישט געלאזט איינגעמען. ס׳איז געווען א קאפריז פון א קראנק קינד, נאר גיכער, די פארצווייפלונג פון א מענטשן וואס טרינקט זיך און זעט זיין אונטערגאנג. ער איז נישט איינגעזעסן אויף א: ארט, ארומגעגאנגען מיט די לעצטע כחות אהין און צוריק, נישט אויפגעהערט צו ריידן אויפ׳ן שטילן קול, און קוים וואס ער האט ארויסגעבראכט די ווערטער, פאר׳עקשנט, ביטער און פארצווייפלט; מ׳האט געשיקט נאכ׳ן הויפט־דאקטאר, און ער האט מסכים געווען, מען זאל אים אויסשרייבן, און געמאכט א באמערקונג צו איינעם פון די נאענטע, אז ס׳איז אייננטלאך קיין חילוק נישט . . . און לאנדוי האט אויסגעפירט דאס זייניקע, מ׳האט אים גענומען אהיים.

און ס׳איז אים טאקע צייטווייליק בעסער געווארן. מיט א פאר מאנאטן שפעטער האט מען אים ווידער גאנץ אפט באגעגנט. אפגעשריען לאנדוי׳ן. די אשיקע גרויקייט איז פארשוואונדן, און ס׳האט ווידער אויפגעלעבט א לאנדוי מיט א ברייטן הארציקן שמייכל אויף די ליפן, און די אויגן האבן ווידער אנגעהויבן צו לייכטן.

און נאך אמאל אין מאונט־סיני האספיטאל. דר. איסר גינזבורג איז אפערירט געווארן, און נאכדעם, ווי ער האט זיך אנגע־

הויבן בעסערן, זיינען איך און מיין פרוי אים געקומען מבקר־חולה זיין. אז מיר האָבן זיך שוין געקליבן אוועקצוגיין, איז לאַנדוי אַריינגעקומען אין צימער. זיינען מיר שוין געבליבן נאָך אַ שטיקל צייט. לאַנדוי איז געווען גוט אויפגעלייגט, פריילאַך און וויצלדיק. ער האָט דערציילט אַ מעשה, ווי אַזוי דער דאָקטאָר האָט מיט אַ פּאָר טעג פריער, איידער ער איז פּלוצים קראַנק געוואָרן, אים געזען אין קאַפע־ראָיאַל, און האָט זיך נישט געפוילט און איז צוגעגאַנגען צו אים און מיט׳ן הארבן וואָרט אים געהייסן גיין אהיים. און אַ פּאָר טעג שפּעטער איז ער, דער דאָקטאָר, גאָר פּלוצים מסוכן־קראַנק געוואָרן, און ער, לאַנדוי, פּיפּט אויף דער וועלט . . .

אַז מיר זיינען אַרויס פון שפּיטאָל, זיינען מיר געגאַנגען צוזאַמען אַ פּאָר בלאָקס. ער איז געגאַנגען פּאַמעלאַך, אָבער זיכער. ס׳איז געווען אַ וואונדערלאַכער זוניקער זונטיק־פּאַרנאַכט, דער פּאַרקער אין די גאַסן איז געווען שטיל, רואיק, זונטיקדיק. דער גלאַנציקער אַספּאַלט האָט געלויכטן ראָזיק. ווען מיר זיינען זיך אויף אַ ראָג פּאַנאַנדערגעגאַנגען, האָב איך נאָכאַמאָל אומגעדרייט דעם קאָפּ צו כאַפּן אַ לעצטן קוק אויף אים. ער איז געגאַנגען אין אונטערגייענדיקער זון אַ גראַדער, אַ שלאַנקער, און ס׳האַרץ האָט זיך צו אים געצויגן . . .

* * *

צו זיין לויה בין איך נישט געווען. פון זיין טויט האָב איך זיך דערוואוסט אין סט. לואיס, דינסטיק, פּונקט אין דעם טאָג, ווען ער איז געבראַכט געוואָרן צו זיין אייביקער רו. אַ נאָענטער חבר האָט מיר דערציילט, אַז ליגנדיק אין אָרון האָט לאַנדוי אויסגעזען וואונדערלאַך שיין, פּונקט ווי אין די יונגע יאָרן, אַ ליכטיקער.

איך זע אים, ווי איך האָב אים געזען אין די לעצטע יאָרן, אַ גוטמוטיקן, אַ האַרציקן. נאָר אַז איך דערמאָן זיך, אַז לאַנדוי איז מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע, פאַרקלעמט מיר דאָס האַרץ, און אויפ׳ן זינען קומט אַרויף לאַנדוי׳ס אַ פראַזע, וואָס ער האָט געשריבן אויפ׳ן טויט פון אַן אַנדער פּאָעט:

„פאַרוואָס ביסטו געשטאָרבן . . . זישאַ לאַנדוי ? !״

**י. י. שוואַרץ.**

# אין מיין סטודיאָ

זישא לאַנדוי איז געווען פאַר מיר דער ליבטיקסטער, דער פריידיקסטער מענטש, וואָס איך האָב ווען אין מיין לעבן באַגעגנט. ניט נאָר ביי מיר אַליין, נאָר אויך ביי מיינע מאָדעלן פלעגט ווערן אַ שמחה, ווען לאַנדוי פלעגט זיך באַווייזן אין מיין סטודיאָ. אַריינקומען פלעגט ער שטענדיק, עפּעס ווי אַ גוטער פעטער אַזאַ, מיט פולע קעשענעס פאַר יעדן איינעם. פאַר מערין למשל, האָט ער געהאַט די ספּעציעלע סיגאַרעטס, וואָס זי האָט ליב, פאַר דאָזען אירע קאַנפעטן און פאַר מאַלי׳ן — אַן ענגליש בוך פון קיעטס אָדער שעלי...

מיין קליין אינגעלע, דודי׳ל, איז ממש געווען משוגע פאַר אים. לאַנדוי פלעגט זיך באַציען צו אים, ווי צו אַ דערוואַקסענעם, ווי צו אַ חבר, און זיי פלעגן פירן לאַנגע געשפּרעכן, דיסקוסיעס, וועגן בייז-באָל, פערד, הינט און אַנדערע וויכטיקע ענינים.

לאַנדוי׳ס אינטערעס אין מאַלעריי און מאַלער איז ניט געווען קיין אויבערפלעכלאַכער, זייער ווייט פון דעם! ער האָט געהאָלפן און געמוטיקט פילע יונגע, אומבאַוואוסטע מאַלער. אין דעם פּרט איז ער געווים ניט דער איינציקער, אָבער קיינער טוט עס ניט מיט אַזוי פיל פיינקייט און טאַקט, ווי לאַנדוי פלעגט עס טאָן. איך האָב אים איינמאָל אַריינגעפירט צו אַ יונגען קינסטלער, וואָס איז געווען אין נויט. לאַנדוי׳ן איז געפעלן געוואָרן אַ קליין בילדל, נאָר אַנשטאָט פרעגן דעם פּרייז, ווי עס פירט זיך געוויינטלאַך, האָט נאָר לאַנדוי גענומען ב ע ט ן דעם קינסטלער, אַז ער זאָל אים פאַרקויפן דאָס

בילד, אז ער מוז עם האָבן, עס גייט אים ממש אין לעבן. און אז דער קינסטלער, א צופרידענער און א צעטומלטער, האָט ענדלאך ארויס-געשטאַמלט דעם פּרייז, איז לאנדוי אזש אין כעס געוואָרן:

— וואָס הייסט, אזוי ביליק, עס איז א שאנדע, עס איז דאָך אוועקגעגעבן אומזיסט!

און לאנדוי האָט דעם ערשטוינטן קינסטלער געגעבן צוויי מאָל אזוי פיל, וויפיל ער האָט געבעטן. און דערנאָך, אז לאנדוי איז ארויס פון דער קליינער סטודיאָ, מיטן בילד אונטערן אָרעם, האָב איך א קוק געטאָן אויפן מאלער און דער מאלער אויף מיר, און שארף אזוי האָבן מיר ביידע גליַיך געפילט די ליכטיקע פרייד, וואס לאנדוי האָט דאָ איבערגעלאָזט — פאר אונז ביידן.

בלויז איין איינציקן מאָל האָב איך געהערט לאנדוי׳ן לייענען זיינע לידער. דאָס איז געווען אין א ווינטער-אָוונט, ערגעץ אויף דער איסט-סייד, אין א קליינעם רעסטאָראן. ער האָט געלייענט מיט אזוי פיל הארץ און ערענסט, אז ביי מיר האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. איך האָב פּלוצלונג דערפילט, אז ער איז זייער קראנק. ער האָט עס אויך געוואוסט.

לאנדוי׳ס פריינטשאפט צו מיר האָט רייכער און פולער גע-מאכט מיין לעבן. און איצט, ווען ער איז שוין מער ניטאָ צווישן אונז, דוכט זיך מיר נאָך אלץ, אז דאָס איז ער בלויז ארויסגעגאנגען פון דער סטודיאָ, מיט א בילדל אונטערן אָרעם, און אז מיר, פאר אונז אלעמען, האָט ער אויף שטענדיק איבערגעלאָזט די ליכטיקע פרייד פון זיין נשמה.

**משה שוער**

# ביי זישא לאנדוי׳ן אין הויז

זישא לאנדוי שטאמט פון א גזע חסידישע רביים אין קרוין פוילן. ער איז געווען אן אור-אייניקל פון ר׳ וואָלף סטריקאָווער, דער מער באוואוסטער זון פון ר׳ אברהם׳ל טשעכאנאָווער. כאָטש לאנדוי האָט ניט געקראָגן קיין שטרענג חסידישע דערציאונג און האָט ווייניק געוואוסט פון חסידישע תורה, דאָך איז אין זיין כא-ראקטער און אין זיין ארט לעבן געווען עפּעס פון גוט-אידישן שטיי-גער. זיין תורה שבעל פה מער אפשר ווי זיין תורה שבכתב האָט געמאכט אז מענטשן האבן זיך געקליבן ארום אים, געווען להוט נאָך זיינס א וואָרט און זיך געוואָרעמט אין דער פיינער אטמאָס-פערע וואס ער האָט געשאפן ארום זיך.

די אָוונטן ביי לאנדוי׳ן איז הויז, ספּעציעל די זונטיק אָוונטן זיינען געווען באוואוסט אין דער ליטעראַרישער משפחה פון ניו-יאָרק און אומגעגענט. דאָרטן פלעגט מען טרעפן שרייבער, קינסט-לער, געזעלשאפטלאכע טוער, פּראָפעסיאָנאלן און גלאט מענטשן. מען פלעגט פארברייננגען ביי א גלעזל טיי מיט צובייסן. דער טיש איז איבערהויפּט געווען רייך מיט פארשידענע מינים קעזן, היי-מישע און אימפּאָרטירטע, מיט די אויסטערלישסטע ריחות, פון וועל-כע לאנדוי האָט גערעדט מיט באגייסטערונג: „אדרבא, פארזוך נאָר דעם, האָט דאָס ניט קיין טעם גן-עדן?“ נאָכמעהר האָט ער שטאָל-צירט מיט די פארשידענע מינים ווארעניעס וואס ער האָט אליין געמאכט מישנדיק פארשידענע פרוכטן מיט שאָלאכצן פון אתרוג,

אראנזש און לימענע. מען פלעגט ריידן און שמועסן וועגן פאר־שידענע ענינים. ליטעראטור, קונסט האט געווים פארנומען א פלאץ אין די שמועסן, אבער פיל וויניגער ווי ענינים פון אלגעמיינעם כאראקטער, ווי פאליטיק, געזעלשאפטלאכע ענינים, א. א. וו. שרייבער וואס זיינען געווען קעגנעריש געשטימט צו אים פלעגן ריידן מיט סארקאזם וועגן די אוונטן: אז ער פראוועט טיש און זאגט תורה פאר זיינע צאן־קדשים. אבער דער אמת איז, אז לאנדוי האט זייער פיינט געהאט צו ריידן וועגן פאעזיע און ליטעראטור בצבור, אדער אפילו ביחידות מיט ניט קיין נאענטן מענטשן. דא־ריבער האט לאנדוי קיינמאל ניט געהאט קיין עפנטלאכן אוונט פאר זיך און ניט דערלויבט אפילו אן אינטימען אוונט צווישן איינע וואו מען וועט ריידן וועגן אים און זיין שאפן. ער האט אויך זעלטנס זיך באטייליקט און קיינמאל ניט געהאלטן קיין רעדע אויף א ליטעראריישן אוונט אדער באנקעט וואס איז אראנזשירט געווארן פאר אנאנדערען שרייבער, אפילו ווען דער שרייבער איז געווען פון זיינע נאענטסטע חברים.

אין דעם זומער קעמפ, וואו לאנדוי מיט זיין פאמיליע האבן פארבראכט די זומער מאנאטן פאר די לעצטע צען יאר, פלעגן פאר־קומען כמעט וועכנטלאך פארזאמלונגען, וואו שרייבער זיינען אויפ־געטראטן מיט פארלעזונגען פון זייערע ווערק אדער ריידן וועגן ליטעראטור, אבער ביי לאנדוי׳ן האט מען קיינמאל ניט געקענט פועל׳ן, אז ער זאל עפעס פארלעזן אדער ריידן. עס האט פיל מאל געטראפן, אז מיידלאך אדער ווייבלאך מיט וועמען ער האט גע־פלירטעוועט האבן אנגעהויבן ריידן וועגן פאעזיע, אבער ער האט זיך קונציק אויסגעדרייט דערפון און אנגעהויבן ריידן וועגן וועטער אדער די לעצטע מאדעס. אסך פון די מענטשן האבן דאס אנגע־נומען פאר א סארט סנאביזם און ס׳האט זיך געשאפן א שלעכטער נעפיל צו אים, אבער ער האט זיך געהאלטן ביי דאס זייניקע.

דאס האט ניט געשטאמט פון איבערטריבענע עניוות, ווייל דאס איז ניט געווען כאראקטעריסטיש פאר אים. דערקלערן קען מען דאס בלויז מיט דעם וואס ער האט מיר אמאל געזאגט אין א שמועס: „איר — מיט דעם „איר" האט ער געמיינט די שרייבער און קולטור־טוער וואס ריידן וועגן ליטעראטור — איר מאכט צופיל

ווען פון ליטעראטור. מען וואָלט געקאָנט מיינען אז יעדער וואס קויפט א ציטונג כאפט זיך די ערשטע זאך לייענען וואס זיינען די נייעסטע ליטעראַרישע שאפונגען. דער אמת איז, אז אויסער א קליין הייפעלע, גייט עס קיינעם ניט אָן, נאָר מיר די מענטשן פון פען מאכן אזוי פיל טומל, אז מען מיינט די וועלט טומלט זיך מיט אונז. ליטעראטור, קונסט, איבערהויפט פּאָעזיע איז א פריוואטער ענין פאר דעם קינסטלער און נאָך עטלאכע יחידי סגולה. עס איז ניט קיין קהל׳שער ענין וואס יעדער האָט עפּעס צו זאָגן.״

ביי אנאנדער געלעגנהייט, ווען איך האָב אים געפּרעגט פאר-וואָס ער גיט ניט ארויס קיין בוך לידער, זאָגט ער מיר:

— ווער דארף עס?

— וואָס הייסט, ווער? איך — דאָס פאָלק, די לעזער.

ער קוקט מיך אָן זען צי איך מיין עס ערנסט און זאָגט:

— דאָס פאָלק, די לייענער, זיי זיינען דאָך אפילו צו רייזין׳ען נאָך ניט דערגאַנגען.

— און דו אליין דארפסט גאָר קיין בוך ניט? — פרעג איך אים.

— איך? — ענטפערט ער אויפגערעגט — איך דארף בלויז שרייבן לידער. ווען איך שרייב א ליד ציטער איך אינגאנצן, אבער נאָכדעם, ווערמען ארט עס, פארטרוקנטע זרע.

— אָט האָט ד ע ר ארויסגעגעבן שוין עטלאכע ביכער און י ע נ ע ר קלייבט זיך ארויסגעבן שוין זיין דריט בוך לידער — און דו היטסט דיין בתולים, ווי א מיידל אין די יאָרן.

— דו פארשטייסט, — ענטפערט ער — דער איז שוין א פירמע, האנדלט מיט ליטעראַרישן שטאָף, מוז ער האָבן „סטאָק״ אויף די פּאָליצעס, אז ניט איז אוים פירמע. איך בין ניט און וויל ניט זיין קיין פירמע. דריי אמת׳ע לעזער איז גענוג פאר מיר. יענער ווייטער ארבעט זיין גאנץ לעבן פאר א שיינע לויה און איך האָב נאָך אַלץ הנאה פון לעבן און די לויה ליגט מיר ניט אין דער לינקער פּיאַטע.

— א שיינע לויה איז אויך אַן ענין — צי איך אים שוין בכיון אָן — יעדער אָפּשייד מוז זיין שיין, ס׳בלייבט אין זכרון, אפילו די זון גייט אונטער אין שיינע קאָלירן.

— א שיינע לויה איז א מיאוסע לויה, — רעדט ער מיט כעס. אים האָט עפּעס אַנדערש שטאַרק אָנגערירט: — דו האָסט אַמאָל געזען, — זאָגט ער, — ווי א בהמה אָדער חיה שטאַרבט? זי שלעפּט זיך אַוועק אין אַן איינזאַמען ווינקל אין פעלד אָדער אין וואַלד, לייגט זיך אַוועק אונטער'ן אָפענעם הימל, פאַרוואַרפט דעם קאָפּ, ציט אויס די פיס און דאָס אַלעס. דאָס איז שיין. ביי אונז ווערט דאָך אַלעס א טעמע, אפילו אין אַנגעזיכט פון טויט קענען מיר ניט זיין אויפריכטיק. מען נעמט א טויטן מענטשן, מען שטעלט אים אַוועק מיט אַן אָפּגעדעקטן פּנים צווישן א נייגעריגן עולם און די פּראָפעסיאָנעלע זאָגער קומען און קוועטשן אויס א „ספּיטש" מיט א טרער, דאָס איז דאָך שוידערלאַך, שלעכטער וואָדעוויל. עס איז דאָך פּשוט אומאַנשטענדיק זיך אויסנוצן מיט יענעמס הילפלאָזיקייט, ווייל ער קען דאָך ניט פּראָטעסטירן. דאָס שטאַרבן מיינט מאַכן פּלאַץ פאַר א צווייטן, פאַר'ן קומענדיקן דור. איז אז דו שטאַרבסט, גוטער ברודער, זיי א דזשענטעלמאַן — מאַך קיין טומל ניט, רוק זיך אָפּ, שאַ, שטיל און „דאַטס-אָל"... — זייט ער ארוים צווישן די ציין און בלייבט שטיל א לאַנגע צייט.

איך האָב פּרובירט איבערגעבן דעם שמועס אַזוי געטריי ווי מעגלאַך צו געדענקען, ניט נאָר צו געבן לאַנדוי'ס קוק אויף זאַכן, נאָר אויך צוליב דעם, ווייל דאָס קען אפשר געבן א דערקלערונג צו דער פראַגע וואָס אַסך מענטשן, אפילו פון זיינע נאָענטע פריינט, האָבן זיך געשטעלט: פאַרוואָס האָט לאַנדוי ניט פּרובירט קיינמאָל ארויסגעבן א בוך פון זיינע לידער, כאָטש פינאַנציעל איז ער געווען ביכולת דאָס צו טאָן פיל בעסער ווי אַסך אַנדערע דיכטער וואָס האָבן זיך צוליב דעם געבלוטיקט און פאַר'משכנ'ט. אין קעגנזאַץ צו דעם האָט זיך אים זייער שטאַרק געוואָלט ארויסגעבן דאָס בוך פון זיינע קאָמעדיעס. אָט וואָס ער שרייבט מיר, צווישן אַנדערע זאַכן, אין א בריוו פון אָקטאָבער, 1936: „איך האַלט אין פאַרענדיקן א פאָרם און עס גייט מיר אין לעבן עס אָפּצודרוקן. עס וועט ערשיינען צוזאַמען מיט אַנדערע זאַכן מיינע אין א בוך פון ארום 160 זייטן." פאַרוואָס עס איז אים אַזוי שטאַרק געגאַנגען אין לעבן דאָס אָפּצודרוקן, האָט ער מיר קיינמאָל ניט געזאָגט און איך

האָב אים ניט געפּרעגט. מעגלאך, אז דאָס האָט צו טאָן מיט דעם כאַראַקטער פון די זאכן. די קאָמעדיעס זיינען געזעלשאַפטלאכע סאַטירעס אין דראַמאַטישער פאָרם און עס האָט זיך אים, קען זיין, געוואָלט דאָס זען אין א געוויסער דיסטאַנץ, אויב ניט אויף דער בינע, ווי א זייטיקער צושויער, וויניקסטנס אין דער ראַם פון א בוך פאַר אַן אימאַזש-פּובליקום.

אנדערש איז דאָס געווען מיט זיינע לידער, אויף וועלכע ער האָט געקוקט, ווי אויף אינטימע איבערלעבונגען, וועלכע מען ברויך צו האַלטן וואָס וייטער און באַהאַלטענער פון זייטיקע אויגן. אין דעם הינזיכט פון אַרויסצייגן געפילן עפנטלאַך איז ער געווען אַן אמת׳ער ענגלענדער. איך געדענק, ווען זיין איינציקער זון אַלדר איז געשטאָרבן אלס קינד און ווען זיין איינציקע שוועסטער העלענקא איז געשטאָרבן. לאַנדוי איז עטלאכע טעג געלעגן אויף דער זאָפע מיט׳ן פּנים אַראָפּ, ווי ער וואָלט ניט געקאָנט קוקן דעם ליכטיקן טאָג אין פּנים אריין, קיינעם ניט געוואָלט זען, אָבער נאָך עטלאכע טעג, ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן, האָט ער קיינמאָל ניט גערעדט וועגן דעם און קיינמאָל וועגן זיי קיין לידער ניט געשריבן.

לאַנדוי איז אין אַלגעמיין געווען א שטאַרקער פאַרערער פון די אנגלאָ-זאַקסן, אי פון זייער פּאָליטיק, אי פון זייער ליטעראַטור און פּאָעזיע. ער האָט געהאַט אַלערליי אויסגאַבן פון סקאָטישע באַלאַדן און פאַר פילע יאָרן זיינען זיי געלעגן ביי אים אויפ׳ן טיש. עס האָט געטראָפן אסך מאָל, ווען איך בין געווען ביי אים אין א שטילן אָוונט, ווען קיין אנדערע זיינען ניט געווען, אז ער זאָל מיך בעטן איך זאָל אים פאָרלייענען פון די באַלאַדן, אָדער ער האָט מיר פאָרגעלייענט. ער פלעגט לייענען די באַלאַדן מיט אזא סענטימענטאַלן ניגון, אז מיך האָט פּשוט געוואונדערט, גאָר ניט ווי זיין געוויינלאַכער שטייגער. א טייל פון די באַלאַדן האָט ער טאקע איבערזעצט אויף אידיש, אבער ער האָט גע׳חלומ׳ט פון איבערזעצן און אַרויסגעבן א גאַנצן בוך פון די באַלאַדן. אין דער צייט פון וועלט-קריג האָט ער געשריבן לידער וואָס זיינען געווען שטאַרק פּראָ-ענגליש. אין קעגנזאַץ צו מיינסטע שרייבער און אינטעליגענטן וואָס זיינען געקומען פון אַמאָליקן רוסלאַנד האָט לאַנדוי ניט געהאַלטן שטאַרק פון די סלאַווישע פעלקער און זייער ליטעראַטור. איבערהויפּט זיי-

נען אים ניט געווען צום הארצן די רעאַליסטישע רוסישע שרייבער, אפילו די גרעסטע ווי טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי. זיי „טרייבערן די געפילן״, — האָט דאָס געהייסן אויף זיין לשון, — און ווילן אויסרעכענען פּסיכאָלאָגיש וואָס מענטשן טראַכטן. צו אים האָבן פיל מער אַפּעלירט די פּאָעטישע פּראָזע פון די סקאַנדינאַווער, די ראָמאַנטישע פּראָזע פון די ענגלענדער און די פאַנטאַסטישע „דע-טעקטיוו-סטאָרים״.

אין דער פּאָעזיע איז זיין באַציאונג געווען כמעט להיפוך. ער האָט פיינט געהאַט די פּאָעטישע פּאָעזיע, דאָס ליד פון געפילאַכץ-אויסגוס, פּאַטאָס און אַבסטראַקטע שיינע ווערטער און שטאַרק ליב געהאַט דאָס רעאַל בילדלאַכע, ממשות׳דיקע אין דעם ליד וואָס דערגרייכט צום געפיל דורך די חושים. א שורה אין א ליד — האָט ער מיר אַמאָל געזאָגט — מוז האָבן א ריח ס׳זאָל אויפּציטערן די נאָז-לעכער, און א בילד ס׳זאָל בלייבן שטיין פאַר די אויגן, אָבער ווען איינער זאָל אויסשרייען אפילו צען מאָל „דער אוניווערז״, „דער אין סוף״, „איך ליב״, „איך לייד״, ניט איך זע עס און ניט איך פיל עס. מער פון אַלץ איז ער געווען עמפּינדלאַך צו פּוסטע ווערטער און גאָר ניט זאָגנדיקע פּראָזן. ווען ער פלעגט לייענען א ליד פון א נייעם דיכטער אין א זשורנאַל אָדער בוך וואָס איז גאָר וואָס ארויס, פלעגט ער זיך אָפּשטעלן און טועם זיין יעדעס וואָרט, ווי א געניטער טרינקער, וואָס נעמט א טראָפּן פון א נייע משקה און סמאָק-טשעט עס צווישן צונג און גומען צו וויסן וואָס פאַר א טעם און ריח עס לאָזט נאָך זיך. אז ער האָט אָט דעם נאָך-טעם ניט דער-פילט, פלעגט ער פרעגן אויף זיין שטייגער: נו, איז וואָס מיינט דאָס אויף פּשוט׳ן לשון? ווי זאָגט ער אין זיינס א ליד:

פּאַראַנוען ווערטער וואונדערבאַרע דינע

עס איז געווײנלאַך אָנגענומען, אז דיכטער האָבן ניט קיין זין פאַר זאַכן פון פּראַקטישן לעבן, אָבער אין דעם פאַל פון זישא לאַנדוי איז דאָס זיכער ניט אמת געווען. עס איז פּשוט געווען צו באַוואונדערן זיין חוש פאַר רעאַליטעט אין זאַכן פון טאָג-טעגלאַכן לעבן. ער איז געווען פּיליזייטיק און האָט זיך שנעל אָריענטירט אויף

פארשידענע געביטן וואס האָבן ניט געהאַט קיין דירעקטע שייכות צו זיין הויפּט באַשעפטיקונג אָדער באַרוף.

ער איז פילע יאָרן געווען פארבונדן מיט דער אידישער צדקה-פעדעראציע. זיין עובדא איז געווען צו באַקענען דעם עולם דורך די אידישע ציטונגען פון לאַנד מיט די טעטיגקייטן פון די עטלאַכע און ניינציק אינסטיטוציעס וואָס באַלאַנגען צו דער פעדעראַציע. אין די קאַמפּאַניעס פאַר עטלאַכע מיליאָנען דאָלאַר וואָס די פעדעראַציע פירט אָן יעדן יאָר האָבן די אָנפירער, וועלכע זיינען געווינלאַך פון די פערם פון די אידישע פינאַנסירן, געשעפטסלייט און פּראָפעסיאָנאַלן אין ניו-יאָרק, זיך פילע מאָל צוגעהערט צו זיינע עצות און אָנווייזונגען. לאַנדוי איז פאַר א לאַנגע צייט געווען פאַררעכנט פאַר דעם בעסטן פּובליסיטי מאַן אויפ׳ן אידישן געביט אין ניו-יאָרק.

לאַנדוי איז געווען באַוואוסט אַלס קונסט ליבהאָבער. די ווענט ביי אים אין הויז זיינען פול געווען מיט פארשידענע אָריגינאַלע בילדער, שוין צופיל, ווי אין א מוזעאום. אַסך אידישע קינסטלער זיינען געווען איינגייער ביי אים אין הויז און זיי האָבן זיך גערעכנט מיט זיין מבינות. עטלאַכע פון די קינסטלער, וועמען ער האָט ספּעציעל ליב געהאַט, האָט ער געהאָלפן פארקויפן זייערע בילדער דורך די פארבינדונגען וואָס ער האָט געהאַט.

ער האָט אויך געהאַט שוואַכקייטן פון א קאָלעקציאָנער. איך זאָג שוואַכקייט, ווייל קיין אמת׳ער זאַמלער איז ער קיינמאָל ניט געווען. ער האָט אָפט געביטן דעם אָביעקט פון זיין ליבע און אינטערעס. אַמאָל איז עס געווען ליולקעס. האָט מען ביי אים אין הויז געקאָנט געפינען אַלע סאָרטן, פון אַן אָריענטאַלישער נאַרגילאַ און חסידישן ליולקע-ציבעק ביז די קלענסטע פאַרמערשע „קאָרן-קאָב" פּיפּקעס. די לעצטע יאָרן האָב איך קיין זכר פון די ליולקעס אין הויז ניט געזען. נאָכדעם איז געווען א פּעריאָדע פון זאַמלען די האַלב-געאַדעלטע שטיינער, ווי קאָראַלן, אָפּאַלן, אַגאַטן, לבנת-שטיינער און די פארשידענע מאַלאַכיטן. נאָך דער שטיינער-פּעריאָדע איז געקומען א זילבער-פּעריאָדע. ער פלעגט אויפקויפן אַלטע זילבער-אַנטיקלאַך און ער האָט אָנגעקוואָלן דערציילנדיק ווי אַזוי די

סוחרים נעמען אים אָן און ווי ער וואָלט געווען איינער פון דער בראַנזשע און פאַרקויפן אים דערפאַר ביליקער ווי אַ געוויינלאַכן קונה.

דאָס לעצטע יאָר און אַ האַלב פון זיין לעבן האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט זאַמלען אַלטע דרוק-בילדער און ליטאָגראַפיעס פון אַלטע זשורנאַלן און פּעריאָדישע אויסגאַבן. קיין איינע פון די בילדער, ווי ער האָט מיר דערקלערט, האָט ניט געטאָרט זיין יונגער ווי אַ זעכציקער, אום אַריינגענומען צו ווערן אין די קאָלעקציע. די בילדער באַשטייען פון אילוסטראַציעס, גאַס און מאַסן סצענעס און אויך מאָדעס פון קליידונג. ווי מיר דוכט זיך, איז די קאָלעקציע די אינטערעסאַנטסטע פון אַלע זיינע זאַמלונגען. ניט נאָר זיינען דאָרט דאָ בילדער וואָס האָבן אַ קינסטלערישן ווערט, נאָר די גאַנצע קאָלעקציע האָט אַ געוויסן קולטור היסטאָרישן ווערט פאַר די וואָס ווילן זיך באַקענען מיט דעם אַמעריקאַנעם לעבן פון דער פּעריאָדע פון פאַר און נאָך דעם בירגער-קריג.

מערקווירדיק איז געווען ווי שנעל ער האָט זיך אָריענטירט אין די זאַכן צו וויסן וועלכעס האָט אַ ווערט און וועלכעס ניט, כאָטש ער האָט קיינמאָל ניט געמאַכט קיין שטודיום דערפון. ער האָט געהאַט אַן איינגעבוירענע פעיאיקייט צו דערשמעקן זאַכן מיט'ן חוש און זיי זען אין זייער אמת'ן ליכט. אָט די אייגנשאַפט פון זען קלאָר און אמת'דיק איז מסתמא געווען די אורזאַך פאַרוואָס אַסך פון לאַנדוי'ס נאָענטע באַקאַנטע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ חכם, געווען נייגעריק צו הערן זיינם אַ מיינונג און פיל מאָל זיך געקומען מיט אים שואל-עצה זיין וועגן זייערע פּריוואַטע ענינים, כאָטש די ווייטערע מענטשן האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ טשודאַק וואָס שלינגט זשאַבעס, עסט ראַקעס און שלאַנגען און טרינקט „קאַקאָ-קאָלאַ" אַנשטאַט וואַסער, כדי איבערצוראַשן די וועלט. מיר אַליין איז דאָס לעצטע יאָר אויסגעקומען צו האָבן אַ געלט-סכסוך מיט אַ באַקאַנטן פון זעלבן קרייז און עס איז ביי אונז געווען אַ זעלבסט-פאַרשטענדלאַכע זאַך זיך צו ווענדן צו לאַנדוי'ן, און ער מיט דער הילף פון צוויי אַנדערע פריינט האָבן אונז אויסגעגליכן. דאָס וואָס אַ גוט-באַצאָלטן אַדוואָקאַט האָט זיך ניט איינגעגעבן, איז אים יאָ געלונגען.

דאָס דערמאָנט מיך אַ מעשה'לע פון מיינע יונגע יאָרן. איך

האָב געהאט א פעטער אן אלטן בחור, וואס האָט אָנגעזאמלט אסך געלט פון זיין מעדיצינישער פּראקטיק, האָט ער אויף די עלטערע יאָרן געטאָן וואלד-מסחר אין שותפות מיט מיין פאָטער. אָט דער ניקאָלאַיעווסקער דאָקטאר וואס איז געווען א גלות און געפאָרן אין שבת איז דוקא באשטאַנען דארויף אז איידער מען גייט שליסן א גרויס געשעפט זאָל מען פאָרן אָנפרעגן זיך ביים רבין צו וועלכן מיין פאָטער איז געפאָרן. אז איך האָב אים געפרעגט: היתכן? ווי קומט עס וואָס ער, ניט קיין פרומער, זאָל האלטן פון אזעלכע זאכן? האָט ער מיר געענטפערט: „דו פארשטייסט, דאָס האָט גאָר ניט צו טאָן מיט פרומקייט. מיר אלע, דיין טאטע און איך, זעען זאכן ניט ווי זיי זיינען אין דער אמת'ן, נאָר ווי מיר ווילן זיי זאלן זיין. דער ווילן פארטונקלט דעם קלאָרן געדאנק. אז מיר ווילן שטארק מאכן געלט, וועט זיך אונז אויסווייזן, אז עס איז א גוט געשעפט. דער רבי אבער האָט ניט קיין זייטיקע פּניות, נעמט ער אויף די זאך מיט'ן קלאָרן שכל און גיט די ריכטיקע עצה כאָטש ער ווייס גאָר ניט וועגן דעם ענין.“

אויב פערזענלאכע צוציאונג און קלאָר זען זיינען די הויפט אטריבוטן פון א גוטן-אידן, האָט לאנדוי געהאט אין זיך א סך פון דעם גוט-אידישן שטייגער, וועלכעס ער האָט מסתמא גע'ירשנ'ט פון זיינע עלטער-עלטער-זיידעס.

**ש. פאַקס.**

# אויף מאָרגן

איך בין געשטאַנען ביי זיין אָפענעם קבר, און ביז מיין אָפע-
נעם קבר וועט ער שטענדיק שטיין לעבן מיר, וועט שטענדיק זיין
אַרום מיר. איך באַוויין דאָ ניט, אים אָדער זיך, נאָר גראָדע פאַר-
קערט, איך וויל זיך גאָר אַמפּערן מיט אים, זאָגן אים פאַרקערט,
שוין צוליב דעם אַליין, אַז עס זאָל ליידנשאַפטלאַך א צוק טאָן ביי
אים די איבערשטע ליפּ זיינע, וואָס איך האָב אַזוי ליידנשאַפטלאַך
ליב געהאַט, אָדער גאָר אַנריידן פאַר אים אויף אייזלאַנדן, אָדער
אינאיינעם מיט אים כאַפּן ביי א נאַרישקייט מאַני לייבן, וואָס
דאָס איז דאָך פון שטענדיק אָן געווען ביי אונז — עפּעס ווי א
שפּיל אַזאַ.

פיר זיינען מיר געווען, פון שטענדיק אָן, און פיר וועלן מיר
פאַרבלייבן, אויך אויף שטענדיק, און ניט מקנא בין איך דעם
לעצטן פון אונז.

שוין דאַמאָלסט, מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק, זיינען זיי אינ-
דרייען, לאַנדוי און אייזלאַנד און מאַני לייב, געווען שוין באַזונ-
דערע מענטשן, יעדער איינער פון זיי מיט זיין שאַרף-באַזונדערן
און שאַרף-אייגענעם צוגאַנג און קוק אויף זאַכן, און איך, דער
איינציקער בעלעטריסט, בין געקומען צו זיי, די דריי פּאָעטן, מיט
גוואַלדאָוונע פּלענער וועגן גרויסע ראָמאַנען, וואָס זיינען נאָך דאַ-
מאָלסט אַלע געווען אין טינטער, און זיי האָבן מיר געגלויבט.
איך באַרים זיך מיט דעם, ווייל איך בין געווען דער איינציקער,

ווען לאנדוי האָט ווען עס איז געגלויבט אויפן וואָרט — אין ליטעראַרישע ענינים.

נאָר וואָס זשע פאַרט האָט אונז געהאַלטן אַזוי אײנג צונויפ־געבונדן די אַלע לאַנגע און זייער שווערע יאָרן? עס איז מיר שווער אויף דעם צו ענטפערן, איבערהויפּט איצט, ווען מען זאָגט מיר פון אַלע זייטן, אַז לאַנדוי וואָלט אַזוי געזאָגט און אַז לאַנדוי וואָלט אַזוי געטאָן, אַז לאַנדוי וואָלט אַזוי רעאַגירט, און לאַנדוי אַליין קוקט אויף מיר מיט זיינע מילדע, קינדערשע אויגן, און זאָגט שאַרף, ווי נאָר ער אַליין קען:

— ניין!

ניט אין שלום, ניט אין אחדות האָבן מיר געלעבט צווישן זיך, מיט פאַרדראָסן, קלענערע אָדער גרעסערע, זיינען מיר שטענדיק אומגעגאַנגען איינער אויפן אַנדערן, מיר האָבן זיך געקריגט, צע־קריגט זיך אפילו, נאָר אָפּרייסן זיך איינער פון דעם אַנדערן — דאָס האָבן מיר קיינמאָל ניט געקענט. פאַרוואָס?

אָפּן און פריי, קוקנדיק מאַני לייבן גלייך אין פּנים אַריין, האָט אים לאַנדוי געקענט זאָגן, אַז זיין ניי ליד וואָס ער האָט אָנ־געשריבן און איז אַזוי באַגייסטערט, איז אינגאַנצן קיין ליד ניט, עס טויג ניט, און דאָס זעלבע האָט מאַני לייב געקענט זאָגן אייז־לאַנדן, און אייזלאַנד לאַנדויען, און זיי אינדרייען האָבן געקענט טייטלען אויף מיר איינעם, אַז איך בין ניט מער ווי אַ קאַליקע, אַ פּשוטער נאַר, און איך איינער האָב זיי אינדרייען געקענט שליידערן אין פּנים אַריין וואָס איך האָב נאָר געוואָלט, און קיינעם פון אונז איז קיינמאָל ניט איינגעפאַלן, אַז אימעצער קען דאָ האָבן, איז דאָ אויסן עפּעס אַ פּניה פאַר זיך. אונזער טיפע אָנ־פּניות־דיקייט — דאָס, מער פון אַלע אַנדערע זאַכן, האָט אונז געהאַלטן אַזוי צו־נויפגעבונדן די אַלע לאַנגע און שווערע יאָרן, און דאָס, מער פון אַלע אַנדערע זאַכן, האָט מער קיינעם ניט צוגעלאָזט צו אונז — עס האָט זיך קיינעם ניט געלוינט.

יאָ, נאַראָנים זיינען מיר געווען, פיר נאַראָנים, געבענטשטע אָדער פאַרשאָלטענע, מיט דעם קלוגן לאַנדוי אַלס הויפּט־נאַר.

אייזלאַנד האָט דאַמאָלט געהאַט אַ וואָורשט־קראָם, און איין מאָל, אין אַ זייער הייסן זומער־טאָג, בין איך און לאַנדוי און מאַני

לייב געקומען צו אים אין קראַם אריין, און אייזלאַנד האָט פאַר-שלאָסן די טיר, אינמיטן העלן טאָג, אז קיין קונה זאָל נאָך, חלילה, ניט אריינקומען און זאָל ניט שטערן, און עס איז דאַמאָלט באַשאָפן געוואָרן דער א י נ ז ל. מיר האָבן דערביי זייער ווייניק גערעדט און נאָך ווייניקער דעבאַטירט וועגן דעם, וואָס עס דאַרף יאָ אָדער ניט זיין דער א י נ ז ל, וואָס דער א י נ ז ל דאַרף יאָ אָדער ניט טאָן. קלאָר און באַשטימט איז עס פאַר אונז געווען, אָן אי-בעריקע רייד, אָן איין איבעריקן וואָרט, און ערשט שפּעטער, אין לויף פון די יאָרן, ווען אָט אַ די אָ קלאָרקייט האָט אָנגעהויבן פאַר-טונקלט ווערן, האָט זיך אָנגעהויבן אויסוועפּן, ערשט דאַמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן דאָס ניט גוטע צווישן אונז. איך פלעג אָפט אונטערבורטשען אויף מאַני לייבן, נאָר לאַנדוי האָט עס שטענדיק געטריבן פון זיך, ווי מען טרייבט אַ בייזע פליג:

— אָבער לידער שרייבט ער? טאָ דרייט ניט קיין ספּאָדעק!

און איינמאָל, געדיינק איך, האָט ער זיך ארויפגעוואָרפן אויף מיר, מיט אַזאַ צערייצטער בייזקייט, אז איך האָב ניט קיין ברעקל פּאַ־שטענדינש פאַר דער עפנטלאַכקייט, אַז איך בין אַ קליין-שטעטלדיקער נאַר, און איך האָב דאָך געזען וואָס דאָ טוט זיך, און איך האָב אים געוואָלט באַרואיקן, און איך האָב אים טאַקע צוגעטראָפן מיט דער באַמערקונג, אַז די גאַנצע עפנטלאַכקייט איז ניט מער ווי אַן אַלטע שליוכע.

— די צרה מיט אייך, קאַזאַנסקי, וואָס איר זיינט אַ קליין ביסעלע צו-קלוג, איר מאַכט מיט דעם קאַליע אַ סך זאַכן, עס ווערט שווער מיט אייך!

קיין פּראָגראַמען האָט דער א י נ ז ל קיינמאָל ניט גע-שריבן, און מיט קיין שום דעקלאַראַציעס איז דער א י נ ז ל אויך קיינמאָל צו קיינעם ניט געקומען, נאָר אויב איינער וויל דווקא אַ פּראָגראַם, קען ער עס אויסלייענען פון זישאַ לאַנדויס עסעיען און פעליעטאָנען. מאַני לייבן זיינען די עסעיען און פעליעטאָנען צום האַרצן קיינמאָל ניט געווען, און לאַנדוי׳ן איז שטאַרק ניט געווען צום האַרצן אַ סך פון מאַני לייב׳ס פירונגען און זאָגאַכצן. שוין דער נאָטיץ אַליין, אַז דאָרט און דאָרט וועט א ו י פ ט ר ע ט ן דער דיכטער מאַני לייב, פלעגט לאַנדוי׳ן ווי אַ בים טאָן אין דער

נאָז, ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגן דעם ריח פון דעם, און איך פלעג אים טרייסטן, ווי איך וואָלט זיך גערייצט מיט אים:

— אָבער לידער שרייבט ער? טאָ דרייט אי ר ניט קיין ספּאָדעק!

לאַנדוי האָט געחלומט וועגן אַנדערע באַציאונגען צווישן שרייבער, וועגן אַ נייער שרייבערישער מאָראַל, וועגן דעם, אַז שרייבער זאָלן טאַקע זיין שרייבער. ניט מער ווי דאָס, אָבער אויך ניט ווייניקער פון דעם. און עס האָט אים שטאַרק וויי געטאָן, וואָס אפילו זיינע נאָנטסטע, ביי וועמען ער האָט שטענדיק געזוכט און שטענדיק געפונען דאָס ליד, וואָס אפילו זיי גיבן זיך אויך אָפּט אונטער און טאַנצן אויך מיט — אויף די פרעמדע חתונות.

קיין בעלעטריסטיק האָט לאַנדוי ניט ליב געהאַט, ער האָט אינגאַנצן ניט געלייענט קיין פּראָזאַ, אַזוי פלעגט ער אַליין זאָגן אויף זיך, נאָר אָט האָב איך איינמאָל אָפּגעדרוקט אין אינזל אַ קליינעם אויסצוג פון אַ ראָמאַן, אַ פּאָר זייטלאַך נאָר. אייזלאַנד האָט מיר, אין יענעם אויסצוג, פאַרריכט דריי זאַצן: ביים אָנהויב, אין מיטן און צום סוף. לאַנדוי האָט דעם מאַנוסקריפּט ניט געזען, נאָר אַז עס איז שוין געווען אָפּגעדרוקט און פאַרגעסן, דוכט זיך, האָט מיר לאַנדוי איין מאָל אַ זאָג געטאָן:

— אָט אַזוי שרייבט מען? פּענסי!

און מיט אַ פינגער, ווי אַ טייטל, האָט ער מיר שפּיציק אַזוי אָנגעוויזן אויף די דריי פּרעמדע ווערטער, וואָס אייזלאַנד האָט זיי מיר איינגעשריבן אין די דריי געענדערטע זאַצן. איך בין געבליבן זיצן אַ געפּלעפטער, און פריילאַכע, פול מיט געלעכטער, האָבן מיר זיך דערנאָך אינאיינעם אַ נעם געטאָן זוכן אַנדערע דריי ווערטער, וואָס זאָלן זיך בעסער צופּאַסן, אַריינפּאַסן אין מיינע זאַצן, נאָר מיר האָבן אַזוינע ווערטער ניט געקענט געפינען, בשום אופן ניט געקענט, און לאַנדוי האָט צום סוף אַ מאַך געטאָן אויף מיר מיט דער האַנט:

— אַן אומגליק מיט די קאַליקעס, וואָס האָבן טאַלאַנט, אַז זיי פירן עפּעס איבער, קען עס שוין קיינער ניט פאַרריכטן.

אָט אַזוי האָט לאַנדוי ניט געלייענט און ניט ליב געהאַט קיין

בעלעטריסטיק! דער אמת אבער, וועגן לאנדוי׳ס ניט לייענען קיין פּראָזא, איז פון שטענדיק אָן געווען אינגאנצן אָן אנדערער:—

ניט נאָר ד אָ ס  ל י ד,  נאָר אויך די בעלעטריסטיק, איז פאר לאנדוי׳ן געווען עפּעס ווי זיינער אַן אייגענער, כמעט א פּרי־וואטער ענין, און ער האָט זיך שוין צו אָפט געפילט באליידיקט און געקריינקט פון דער גאנצער אידישער בעלעטריסטיק, נאָר ארויס־זאָגן עס האָט ער ניט געוואָלט, עס איז אים דאָ עפּעס ווי ניט אָנ־געשטאַנען, וואָלט איך געזאָגט, ווי ער וואָלט קיינמאָל ניט בארעדט, און נאָך פאר פרעמדע, זיינעם א ברודער, זיינעם א חבר, און ווערן דער קעמפּער פאר אָן אנדער בעלעטריסטיק, ווי ער איז עס געוואָרן אין דער דיכטונג, איז אים אויך גאָר ניט איינגעפאלן, ניט געקענט גאָר איינפאלן, עס איז אים געווען ד אָ ס  ל י ד,  וואו ער איז געווען אזוי היימיש און זיכער, און אנשטאט דעם, וואס ער זאָל זיך פּשוט מודה־זיין, אז ער קען שוין מער ניט לייענען די  ב אַ־ר י מ ט ע  טאַלאַנטן אונזערע, וואס פאיאצעווען מער איידער זיי שרייבן, און זיי פאיאצעווען דאָך טאקע מער איידער זיי שרייבן, פלעגט ער שטענדיק זאָגן, און אזוי הויך, ווי ער האָט נאָר געקענט, אז ער לייענט שוין טשעכאָוו׳ן אויך ניט, און אז קיינמאָל אין זיין גאנץ לעבן האָט ער ניט איבערגעלייענט קיין איין איינציקע שורה פון דאָסטאָיעווסקי, אָדער טאָלסטאָי. און דער אמת איז דאָך טאקע, אז אונזער גאנצע בעלעטריסטיק איז ניט קיין באַשאַפנדיקע, נאָר א באשרייבענדיקע. מען באשאפט ביי אונז גאָרניט, אין דער בעלעטריסטיק, נאָר מען באשרייבט, מען בארעדט און מען פירט רכילות.

און ווי  ר י ר נ ד  ביי אונז איז אלץ, מיר האָבן א זיידן אין אונזער ליטעראטור, א זיידן און א טאָטן און אייניקלאך, נאָר — שוין ביים זיידן דאָך, ביי אונזערן, זיינען שוין ניט געווען קיין  א י ד ן,  נאָר  א י ד ע ל א ך.  ביי מיר, אין מיין או־קראינע, פון וואַנען איך קום, זיינען געווען אידן, ווי די דעמבעס, טיף פארוואָרצלטע, און מיט דורות פאר זיך, און דורות נאָך זיך, און אָט אָ די אָ אלע אידען זיינען ביי דעם זיידן פון דער אידישער ליטעראטור פארוואנדלט געוואָרן אין  א י ד ע־ל א ך,  און גאנץ אָפט אין גאנץ פיינע פאסקודניאקלאך.

געווים דארף יעדער אידישער שרייבער ניט נאָר לייענען מענ-דעלען, נאָר מען דארף זיך טאקע לערנען ביים זיידן ווי אזוי צו שרייבן, און נאָך מער דארף מען זיך לערנען ביי אים ווי אזוי און וואָס ניט צו שרייבן, קיין אנדערע מוסטערן, סיי אויף יאָ און סיי אויף ניין, האבן מיר נאָך דערווייל ניט, די צרה איז אבער, וואָס מיר נעמען ביים זיידן גראָד דאָס, וואס מען האָט שוין פון לאנג גערארפט געווען פארגעסן, אז מיר וויסן שוין איצט ניט, אין די לעצטע יאָרן, ווער עס איז דאָ אייגנטלאך דער זיידע פון אונזער ליטעראטור, — דער קינסטלער מענדעלע, אָדער מענדעלע דער משכיל.

מיר האָבן זייער א סך גענומען ביי די גויאים, שוין א קאַ-פעטשקע צופיל, נאָר דער גוי איז דאָך דער נאָר, און מיר זיינען דאָך די קלוגע, און מיר מאכן אלץ א קאַפּעטשקע אנדערש, און נאָך א קאפּעטשקע אנדערש, ביז עס באקומט זיך — א פולע פארזע-עניש! א גוי לעבט, און לעבן איז דאָך אזוי גוט, בעסער צען מאָל פארדאָרבן איידער איין מאָל געשטאָרבן, און אז דער גוי איז נאָך דערצו א שרייבער אויך, שרייבט ער דאָס, וואס זיינע אָפענע חושים האָבן ארייגענומען אין זיך, האָבן איינגעזאפּט אין זיך. מיר, אידן, טוען אויך דאָס זעלבע, דוכט זיך, נאָר — א קליין ביסעלע אנדערש. מיר זיינען דאָך קלוגע, ערהאבענע, און מיר וויסן דאָך, זען זעען מיר גאָר ניט, מיר קוקן אפילו ניט, נאָר מיר וויסן דאָך, אז אין לעבן איז עפּעס ניט גוט, ניט אזוי ווי עס באדארף צו זיין, נו איז זעצן מיר זיך אנידער און שרייבן אָן א סקיצע, א ראָמאן, און א ליד אפילו, אויף צו פאררינכטן דעם לעבן, אויסצובעסערן דאָס, וואס איז ניט גוט. מיר מיינען עס מיטן גאנצן הארצן אפשר, און עס איז אפשר זייער נאָבל, זייער ברייט-הארציק פון אונזער זייט, נאָר קיין ליטעראטור איז עס פּאָרט ניט! אזוי פון דעם זיידן ביז צו דעם בעסטן פּראָלעטארישן שרייבער. עס איז די זעלבע יענטע און אפילו ניט אנדערש געשלייערט — השכלה!

אָט האָט זיך, למשל, דוד בערגעלסאָן, איצט דער זעלבער גוטער און קלוגער משכיל, אזוי פארליבט זיך, און פלוצלינג אזוי, אין דעם אידישן פּראָלעטאריאט, אז ער האָט אים אזש קנעכטיש אזוי אונ-טערגעטראָגן זיין פענעק, וואָס איז, אין תוך גענומען, ניט

מער ווי א גלאָמפּ מיט צוויי אויגן, ווייל גאָר א גלאָמפּ מיט צוויי אויגן קען מען איינריידן, אז ער זעט זאַכן, וואס זיינען ניט גע-שטויגן און ניט געפלויגן, און ניט געשטויגן און ניט געפלויגן איז דאָך טאקע דער גאנצער קלאַסן-קאמף ביי אידן אין די קליינע שטעטלאך, פון יענע יאָרן וואס בערגעלסאָן באשרייבט דאָרט און קערט איבער א וועלט מיט זיינע גרימירטע מענטשן, גרימירטע פאָר מענטשן! און מיט די אנדערע, מיט יענע וואס האָבן ניט בערגעלסאָנס טאלאנט, איז עס, פארשטייט זיך, א סך און א סך ערגער, ווייל וואס וויניקער טאלאנט א מענטש האָט, אלץ וויניקער געפּענטעט איז ער, און האָט איינער אינגאנצן קיין טאלאנט ניט, איז ער שוין גאָר אינגאנצן פריי, פריי ביז — הפקרות!

מיין טאטע און אלע מיינע פעטערס און, ווי מיר דוכט זיך, אויך מיין זיידע האָבן געבויט יעפּארכאלנע שקאָלעס, און אז מען בוים יעפּארכאלנע שקאָלעס האָט מען, פארשטייט זיך, צו טאָן מיט גלחים, גלחים פון אלערליי ראנגען און פארשידענע געגענטן, און דעם איינציקן דאָרן און ניכטערן גלח, וואס איך האָב ווען אין מיין לעבן באגעגנט, איז געווען — ביי טשעכאָוו׳ן אין אן ערציילונג. און די רוסישע ליטעראטור איז דאָך זיכער א רעאליסטישע, עס איז דאָך דער רעאליזם אין איר, וואס האָט זי געמאכט פאר א וועלט-ליטעראטור. און ביי אונז? אין אונזער אידישער ליטעראטור? וואו א מלמד — מוז ער זיין א גזלן, און וואו א רב — מוז ער זיין א שארלאטאן אָדער א נבזה, און וואו א רבי, א גוטער איד — מוז ער זיין א נואף און א פרעסער! און אונזער ליטעראטור איז דאָך אויך א רעאליסטישע, אזוי וויל מען אונז איינריידן.

עס פארשטייט זיך, אז ווען איך זאָג די ליטעראטור אונזערע, די שרייבער אונזערע, מיין איך מיט דעם די ליטעראטור פון די לעצטע יאָרן, דער עלטערער דור שרייבער ביי אונז איז געווען טיף פארוואָרצלט אין פאָלקס-לעבן, שטארק געפּענטעט פון טראדיציעס, געוואוינהייטן און באגריפן, וואס זיינען געווען געפיל, און זיי האָבן פשוט ניט געקענט דערגיין צו דעם, צו וואָס אונזערע אינ-גערע זיינען דערגאנגען, דערלאָפן. אמת, אינגאנצן רעאליסטיש, ריין-רעאליסטיש איז אונזער ליטעראטור קיינמאָל ניט געווען, עס איז שטענדיק געווען אין איר א היפשער צומיש פון נאטוראליזם,

אפילו אין די בעסערע ווערק, אבער איצט, אין די לעצטע יאָרן, איז די ליטעראַטור אונזערע שוין אינגאַנצן א נאַטוראַליסטישע, מיט א קליינעם, זייער קליינעם צומיש נאָר פון רעאַליזם, אז מיר האָבן שוין, געלויבט איז דער אויבערשטער, נאַטוראַליסטישע סימוואָליקער, נאַ-טוראַליסטישע דערלייזער, און נאַטוראַליזם איז דאָך, אין בעסטן פאַל, ניט מער, ווי דער ר ע א ל י ז ם פ א ר נ א ר אָ נ י ם.

דערציילט מיר אַנומעלטן אן אינטעליגענטנער איד, אינטעלי-גענט אָן „גענזן-פיסלאָך", און א איד שוין ווייט אריבער די פופ-ציקער, און דערציילט האָט ער מיר זאַכן און זאַכעלאָך פון זיין איי-גענעם לעבן, אז ווען ער איז נאָך געווען א פּיצל, א וויג-קינד, האָבן זיך געגעט זיין טאַטע-מאַמע. גע׳גט האָט ניט דער טאַטע די מאַמען, אָדער די מאַמע דעם טאַטן, נאָר דאָס האָט דער זיידע, דער מאַמעס טאַטע, אָפּגע׳גט דעם איידים זיינעם, ווייל דער זיידע האָט גוט אַכטונג געגעבן און גוט געזען, אז דער איידים דאַוונט אין איין פּאָר תפלין, פאַרפעלט אַמאָל אינגאַנצן א מנחה, און טאָן טוט ער עס נאָך ווען ער איז אין דער היים, הײנט קאָן מען זיך שוין גרינג משער-זיין, וואָס אַזוינס ער טוט ערשט אָפּ, ווען ער פאָרט ארום, מיט זיינע געשעפטן, איבער די ווייטע, גרויסע און טריפענע שטעט.

דאָס קינד האָט, פאַרשטייט זיך, געמוזט בלייבן מיט דער מאַמען, א וויג-קינד דאָך, און דער אויבערשטער האָט גאָר אינגיכן צוגעשיקט דער יונגער גרושה דעם אמת׳ן זיווג אירן, א צאַצקע פון א יונגן-מאַן, א גרויסער לערנער און א גרויסער חסיד און נאָך א גרעסערער ירא-שמים, און מען איז גלייך אוועקגעפאָרן צום רבין, נאָר דער רבי האָט אפריער ניט געוואָלט מסכים זיין צום שידוך, אז זיינער א חסיד, און נאָך וואָס פאר א חסיד, זאָל חתונה האָבן מיט א גרושה, אבער דער שידוך איז דאָך פאָרט געווען א גוטער, פאַר ביידע צדדים, און דער רבי האָט צום סוף געגעבן זיין ברכה, נאָר בתנאי, אז גלייך ווי דאָס קינד וועט אויפהערן זויגן, די מאַמע וועט עס אַנטווינען, זאָל מען עס גלייך אוועקפירן צו זיין טאַטן, אז דער יונגערמאַן דער חסיד, וואָס האָט איצט חתונה מיט דער גרושה, זאָל קיין איין איינציקן טאָג, קיין איין איבעריקן טאָג ניט זיין מיטן קינד אונטער איין דאַך.

נאָר אָט האָט זיך גראדע געמאַכט אַזוי, אז ווען מען האָט

שוין אנטוויינט דאָס קינד, האָט מען עס ג ל יי ך צו זיין טאַטן ניט געקענט אוועקפירן, דער טאַטע זיינער איז גאָר דאַמאָלסט גע־ ווען אין אויסלאַנד, און מען האָט ניט געוואוסט, ווען ער וועט צוריקקומען, און, הערט אויף טשיקאַוואָסט, וואָס דער יונגערמאַן דער חסיד האָט דאָ אָפּגעטאָן:—

באַלד נאָך חצות, ווען עס פּלעגט זיך ערשט נעמען ברעכן אויף טאָג, און חצות האָט ער דאָך געפּראַוועט נאַכט איין נאַכט אויס, פּלעגט ער צוגיין צום קינד, וואָס איז געלעגן אין א קישן ביי דער מאַמעס בעט, און ער פּלעגט עס אָט אזוי אָ, מיט דער קישן, ארויס־ טראָגן פון שטוב און אוועקלייגן אויפן אָפענעם גאַניק. עס איז געראַדע געווען ווינטער־צייט, ווינטן און פרעסט, און אמאָל פּלעגט נאָך וואָיען א הונט אויך, ווי א הונגעריקער וואָלף, נאָר דעם אידן דעם חסיד האָט עס ניט געאַרט, ער פּלעגט איבערלאָזן דאָס קינד, איבערלאָזן אויף הפקר, און אליין פּלעגט ער זיך צוריק אריינגיין אין דער וואַרימער שטוב אריין, און — עס איז נאָר געווען א נס, א בלינדער צופאַל, וואָס דאָס קינד האָט זיך, חלילה, ניט פאַר־ קילט, איז ניט קראַנק געוואָרן, און קיין חיה־רעה איז אויף דעם אויך ניט אָנגעפאַלן, ווייל פּונקט אַנטקעגן, איבער דער גאָס, האָט זיך געוואוינט אן אלטע, אן אָרימינקע אידענע, און זי האָט שוין געוואוסט פון דעם אקט, וואָס דער חסיד טוט אָפּ, און זי פּלעגט גלייך צונעמען דאָס קינד, און ערשט מיט שעה׳ן שפּעטער, ווען דער חסיד פּלעגט שוין אוועקגיין אין שול אריין, אויף א גאַנצן טאָג, פּלעגט צו דער אידענע קומען די מאַמע און צונעמען דאָס קינד צו זיך אהיים.

אָט אָ דאָס זיינען די טרוקענע פאַקטן, און איך שטעל זיך שוין פאָר, וואָס פון דער געשיכטע וואָלט ארויסגעקומען, ווען עס פאַלט אריין צו איינעם פון אונזערע ב אַ ר י מ ט ע שרייבער, אָדער צו איינעם אזא, וואָס וויל ערשט ווערן באַרימט. דער זיידע איז דאָך דאָ, פאַרשטייט זיך, דער אמת׳ער גזלן, וואָס וויל הערשן און באַהערשן די קינדער זיינע, אפילו ווען זיי האָבן שוין אייגענע קינדער, א איד מיט א שטיין אנשטאַט א האַרץ, צערייסט דער טאָכ־ טערס גליק צוליב א מנחה, און דער רבי — א פינצטערער אכזר! ווארום, טאקע — וואָס הייסט ער רייסט אָפּ א קינד פון דער איי־

גענער מאמען? רייסט אָפּ אויף אייביק? און עס איז דאָך אפילו קיין פרומקייט אויך ניט, ווייל ער האָט דאָך אַוועקגעגעבן דאָס קינד דעם טאַטן, דעם  נ י ט  פ ר ו מ ע ן  טאַטן! יאָ, נאָר אזא אכזר, וואס האָט הנאה פון אָנטאָן יענעם יסורים, קען גאָר איינ־פאלן אזוינס, און דער יונגערמאן דער חסיד — קען גאָר זיין אַן ערגערער מענטש פון אים? ניין! א מענטש נעמט א קינד, אַן אומשולדיק קינד, און לייגט עס אוועק אויפן גאַס, יעדן פארטאָג, אין קעלט, אין פראָסט! א שרעק! יאָ, עס וואָלט שוין ארויסגע־קומען דער אמתער  ש פּ י ג ל  פון אונזער אמאָליקן, פינצטערן לעבן. נאָר — וואָס איז  ד ע ר  א מ ת  אין אָט אָ די אלע פאקטן? דער  ר ע א ל י ס ט י ש ע ר  אמת?

דער זיידע האָט גוט אכטונג געגעבן און גוט געזען, אז דער יונגער אידים זיינער פארנעמט זיך אויף וועגן, קרומע וועגן, וואס פירן צו דער פרעמד, און פון דער פרעמד דארף מען זיך היטן, מען דארף זיין אָפּגעגרעניצט, און ניט ווי א גזלן, נאָר ווי א גע־טרייער טאטע, ביי וועמען קינדער זיינען אלע, די גאנצע וועלט, האָט ער גוט אכטונג געגעבן און גוט געזען, וואס עס טוט זיך ביי זיין טאָכטער אין הארצן. דער מאן אירער איז טאַקע געווען א גע־הויבענער אין זיינע פירונגען און א שיינער אויפן פּנים, אויפן אויסקוק, אז עס האָט ממש געקוואָלן דאָס הארץ צו קוקן אויף אים, נאָר אָט פאָרט ער אוועק אויף וואָכן, אויף חדשים, און עס פאלט איר איין, דער יונגער ווייבל, אז ניט זינדיק זאָל מען זיין, אז זי קען נאָך, חלילה, גאָר בלייבן אן עגונה, ווייל אפילו, ווען ער איז אין דער היים, דער מאן אירער, איז ער אויך עפּעס ווי א פרעמ־דער, זי האָט אים עפּעס ניט, און דאָס יונגע ווייבל לעבט ניט ווי א מענטש, נאָר זי קוקט שטענדיק מיט צעשראָקענע אויגן, זי איז ווי א צעשראָקענער האָז... און דער רבי, — ניט ווי א פינצ־טערער אכזר, נאָר ווי אן איידעלער קענער פונם מענטשן, האָט ער געוואוסט, דער רבי, אז ווען דער יונגערמאן, דער חסיד, וועט שטענ־דיק האָבן פאר זיך דאָס קינד, קען עס אים נאָך אמאָל אַרויסבריינ־גען פון די כלים, און ער וועט נאָך אמאָל, אומזיסט און אומנישט, אין כעס ווערן אויף דער ווייב, א נעשריי טאָן אויפן קינד, און ער האָט דערפאר געהייסן, דער רבי, אז מען זאָל צונעמען פון שטוב

דעם לעבעדיקן און שטענדיקן עדות אויף דעם, אז זי איז א גרושה, אז זי האָט שוין אמאָל געהאט א מאן, ווייל טאקע פארצייטנס און טאקע א רבי, נאָר געוואוסט האָט ער דאָך, און זייער גוט געוואוסט, אז יעדער מענטש האָט אין זיך עפּעס אזוינס, וואס מיר, די היינטיקע, רופן איפּערזוכט. דאָס מיינען מיר נאָר, אז מיר האָבן, מיט דער צייט, צוגעקראָגן נייע געפילן, אין דער אמתן אבער, איז עס ניט קיין נייע געפילן וואס מיר האָבן צוגעקראָגן, נאָר נייע ווערטער, פרעמדע ווערטער, און אָפּט, גאנץ אָפּט, ווען מיר כאפּן איבער די מאָס, קלעפּן זיי זיך טאקע צו אונדז, די נייע ווערטער, ווי אן ארבעס צו דער וואנט... און דער יונגערמאן, דער חסיד — ניט דער ערגסטער איז ער געווען, זייער ווייט פון דעם! דער גאנצער תוך פון זיין לעבן איז דאָך באשטאַנען, ניט אין די אויסערלאָך-ווילדע שטיק פון א דזשיקאן, נאָר אין דעם טיפן דראנג, ביז א זיסן ווייטאָג, צו באהעפטן זיך מיטן רבונו-של-עולם, מיט דעם באשאפער פון אלע וועלטן, נאָר קליין איז דאָך דער מענטש, איז א גרעזעלע, איז א זעמדעלע, ווי קומט דער מענטש צו דעם? און ער האָט זיך דערפאר אינגאנצן איבערגעגעבן דעם רבין זיינעם, וואס דער רבי איז דאָך אלע מאָל א טראָט נענטער צום כסא-הכבוד, און אז דער רבי האָט אָנגעזאָגט, אז ער זאָל קיין איין איבעריקן טאָג ניט זיין מיטן קינד אונטער איין דאָך, האָט ער בלינד געפאָלגט, בלינד געגלויבט, א פולער מיט בטחון, אז דער אויבערשטער, וואס פארגעסט ניט א גרעזעלע אין פעלד, א בלעטל אויף א בוים און א קריכענדיקן וואָרים אין דער בלאָטע, וועט דאָך אודאי און אודאי ניט פארגעסן דאָס קינד, ניט זינדיק איז נאָך די נשמה פון א קינד! און אז מען איז פול מיט בטחון, פול מיט גלויבן, קאָן מען דאָך ממש מיט די הענט אנטאַפּן דעם סדר-העולם, ווי אלץ פירט זיך מיט א סדר, און ניט אומזיסט טאקע, לחלוטין ניט אומזיסט האָט זיך דאָרט אנטקעגן געלעבט די אלטע אידענע, וואָס —אָרים און קליין איז געווען איר לעבן, וואָרים וויפיל מצוות איז עס אינגאנצן צוגעטיילט דער אשה? נאָר אָט איז זי פּלוצלונג דערהויבן געוואָרן, אז זי איז שוין אזש זוכה געווען צו טאָן יעדן טאָג א מצוה, און נאָך וואס פאר א מצוה, און א ציטערדיקע, א פלאטערדיקע פלעגט זי שטיין יעדן פארטאָג ביי איר פענצטער, ארויסקוקן

און ווארטן, און ווי נאָר דער חסיד פּלעגט ארויסטראָגן דאָס קינד, פּלעגט זי זיך גלייך א לאָז טאָן צו דעם — פּיל אויסן בויגן.

נאָר אז מען זאָל באַלײדיקן דעם מענטש ן איז דאָך אין אונזער ליטעראַטור שוין פון לאַנג קיין נייעס ניט, עס האָט דאָך שוין הינטער זיך א גאַנץ-היפּשע און א היפּש-איינגעפונדעוועטע טראַדיציע, און שרייבן האָט מען זיך שוין ביי אונז אויך אויסגעלערנט, איבערהויפּט טאַקע יענע, די פּרייע, די וואס זיינען פון קיין שום זאַך ניט געפּענטעט, צו קיין שום זאַך ניט צוגעבונדן, און מען מוז צוגעבן: פּלינק, זייער פּלינק ווארפן זיי זייערע הויפנס מיסט און בלאָטע אויפן מענטש ן, וועמען זיי קענען ניט, זעען ניט און ווייסן ניט. איך ווייס: אייניקע ווערק אָט אזוינע, פון שרייבער אָט אזוינע, האָבן אָנגעמאכט א גאַנצע סענסאַציע אין אונזער ליטע-ראַטור, נאָר — וואָס איז אזוינס סענסאַציע אויף אידיש? סענ-סאַציע אויף אידיש איז ב ז י ו ן, און וויל אלץ, וואס שמעקט נאָר מיט בזיון, איז זייער אָנגעלייגט אין אונזער וועלטל, האָט שוין די גוטע, די ליב-האַרציקע קריטיק אונזערע „באַשאַפן” צוליב דעם די נייע טעאָריע פון נעגאַטיווע און פּאזיטיווע טיפּן. לויט נאָך אָט אָ דער נייער טעאָריע, וואס איז אלט בלויז א פּאָר הונדערט יאָר, איז ס מ ע ר ד י א ק א ו ו, למשל, א נעגאַטיווער טיפּ, און די שטרויענע העלדן פון שלום אש'ס ד ר י י ש ט ע ט, לאָמיר זאָגן, זיינען פּאזיטיווע טיפּן. פאר מיר אבער איז עס א קליין בי-סעלע אנדערש: סמערדיאַקאָוו איז קודם-כל א לעבעדיקער מענטש, און אַ מענטש, ווען ער לעבט, איז שוין מיט דעם אליין פּאזיטיוו, און א זאַך, אָנגעשטאָפּט אפילו מיט זייער ערהאבענע, זייער מאָראַ-לישע און זייער טיפזיניקע פראזן, איז פּאָרט ניט מער ווי זאַך, ניט מער ווי פראזן.

ביי לייטן שרייבט מען ביכער וועגן די סמערדיאַקאָווס, און ביי אונז ווערן די סמערדיאַקאָווס אליין שרייבער און שרייבן אליין די ביכער.

— ווען איך לייען די אלערליי י. י. זינגערס אייערע, זע איך טאַקע גאָרניט, הער גאָרניט און פיל גאָרניט, עס קלאַפּט נאָר משונה'דיק ארום מיר, עס בריאזגעט, עס קערט זיך א וועלט, עס

איז, ווי איך וואָלט, למשל, געזעסן אין צירק, און אז איך האָב א קאָפּ-ווייטיק דערפיל איך ערשט נאָכדעם, ווי איך גיי שוין ארויס פון דאָרט...

ווער האָט עס געזאָגט, איך אָדער לאנדוי? צווישן מיר מיט לאנדוי׳ן איז פון שטענדיק אָן געווען א שטומער אָפּמאך, אז איך זאָל ניט זיין קיין מבין אויף לידער, ווען איך רעד מיט אים, און ער וועט ניט זיין קיין מבין אויף בעלעטריסטיק, ווען ער רעדט מיט מיר, און לאנדוי האָט זיך טאקע ניט געהאלטן פאר קיין מבין, דער מבין אין אונזער גרופּע איז געווען אייזלאנד, און אייזלאנד איז שטענדיק געווען צו מיר, ווי א קאלטער גזלן, וואס רק ער האָט גע-מאָנט, רק עס איז אים וויניק געווען, און ביים קאלטן גזלן פלעגן זיך גלייך באווייזן טרערן אין די אויגן, ווי נאָר ער האָט דערזען ביי מיר א גוטן קאפּיטל, א געלונגענע זאַך.

איך האָב לאנג און א סך געלערנט ביי אייזלאנד׳ן, און עס איז ניט זיין שולד וואס איך האָב זיך אזוי וויניק אויסגעלערנט, נאָר צווישן מיר מיט אייזלאנדן איז פאָרט א גרויסער אונטער-שיד: אייזלאנד האָט, צוליב עפּעס אזוינס, וואס איך קען ניט פארשטיין, ארויפגעצוואונגען אויף זיך דעם מוז צו זיין שטענ-דיק רואיק, שטענדיק פּינקטלאך און שטענדיק צו דער זאך, ער האָט זיך, וואלט איך געזאָגט, ספּעציאליזירט אויף צו רעדאגירן די אייגענע ווערק זיינע, וואס ער האָט נאָך גאָרניט אָנגעשריבן, ניט אָנגעהויבן צו שרייבן אפילו, און איך — איך בין א קליין-רוסישער מענטש, א איד פון אוקראינע, און ליב איז מיר אלץ וואס איך פארמאָג נאָר, אפילו אלע מיינע איינגלשע אומגעלומפּערט-קייטן, ווייל אויך דאָס איז מיינס, און אלץ, וואס איז מיינס, איז פול מיט טאלאנט, און טאלאנט איז דאָך עפּעס אזוינס, צו וואס איך בוק זיך — ווי א געצנדינער.

אייזלאנד האָט מיך צום אָנהויב שטארק ניט ליב געהאט, ער האָט מיך פּשוט פיינט געהאט. ער פלעגט אזש בלייך ווערן, ווי נאָר ער האָט דערהערט מיין קול, כאָטש גערעדט האָב איך אין יענע, אין די ערשטע יאָרן, זייער וויניק, איך האָב נאָר געהערט. ער האָט אבער פאָרט געזען אין מיר א פרעמדן, א ניט-געבעטענעם, נאָר אָט האָב איך אים איין מאָל געגעבן לייענען א גרויסן מאנו-

סקריפּט מיינעם, א צוויי-בענדיקן ראָמאַן. איך האָב אים, פאַר-שטייט זיך, געזאָגט דערביי, אַז ער זאָל לייענען פּאַמעלאַך, מיט קאָפּ, ווייל עס איז דאָך א קונסט-ווערק, און ער האָט טאַקע גע-לייענט מיט קאָפּ און האָט מיר געזאָגט דערנאָך:

— עס איז טינוף.

— מאַראַנירטע?

— ניין, אַפילו דאָס אויך ניט!

און אָפּגעזאָגט דאָס, ווי אַראָפּגעוואָרפן א שטיין פון האַרצן, האָט ער דערנאָך לאַנג און מיט כעס, מיט ביטערקייט אַפילו, גע-רעדט צו מיר, האָט געריסן א בלעטל נאָך א בלעטל פון מיין קונסט-ווערק, ווי ער וואָלט נאָר אויסן געווען מיר שטאַרקער און שאַרפער ווי צו טאָן, דאָס און ניט מער, נאָר דאָ האָב איך זיך ביסלעכווייז אַרומגעזען, ווי פון אונטער זיינע הענט, וואָס האָבן דוכט זיך, נאָר געצופּט, נאָר געפּליקט, איז ביסלעכווייז אויסגעוואַקסן א ס י ס ט ע ם א גאַנצע, א סיסטעם פון א ו י פ ב ו י, און פון דאַמאָלסט אָן האָט זיך אָנגעהויבן אונזער אמת׳ע חבר׳שאַפט, וואָס האָט זיך אויף קיין איין איינציקער מינוט ניט איבערגעריסן, די אַלע לאַנגע יאָרן. איך בין, אַפּנים, פון די ניט גאָר גוטע מענטשן, און געווען צייטן צווישן אונז, ווען איך האָב זיך געקריגט און צעקריגט זיך, דאָס מיט מאַני לייבן און דאָס מיט לאַנדוי׳ן און דאָס ווידער מיט מאַני לייבן, נאָר מיט אייזלאַנד׳ן האָב איך זיך קיינמאָל ניט געקענט קריגן, שוין אָפּגערעדט פון צע-קריגן זיך. אָט פאַלט אויף מיר אָן דער שגעון, און איך לויף שוין צו אייזלאַנד׳ן, בין שוין קאַפּאַבל צו מאַכן פון אים אש און בלאָטע, צערייסן אים אויף שטיקער, נאָר ער זיצט זיך גראָדע א רואיקער, און קוקט אויף מיר מיט א שמייכל, ווי ער וואָלט געזאָגט:

— אָט גראָדע, ווייל דו ווילסט זיך מיט מיר קריגן, וויל איך ניט, און טו מיר וואָס!

ווען איך האָב זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן מיט לאַנדוי׳ן, איז ער געווען א דינער און א שלאַנקער, ווי א מיידל, מיט א טיפער וואַרימקייט אין זיין יעדן קער און ריר, און א בלאָנדער אַזאַ אינ-גאַנצן, פון קאָפּ ביז די פיס, און פּונקט אַזאַ האָב איך אים אויך געזען צום לעצטן מאָל, א זעקס אָדער א זיבן וואָכן פאַר זיין

טויט. א זעקס אָדער א זיבן וואָכן פאר זיין טויט — ווי גרינג, ווי קיילאכדיק דאָס האָט זיך ארויסגעגליטשט ביי מיר! איך האָב ניט מורא פארן טויט, און קיין דרך-ארץ פאר דעם אלעמען האָב איך אויך ניט, איך האָב עס נאָר פיינט, פיינט ווי דעם טויט. איך, ווען מען וואָלט נאָר געפרעגט ביי מיר, איך וואָלט בעסער געוואָלט זיין א לעבעדיקער הונט, איידער א טויטער לייב. איך קלאַמער זיך ניט אָן דעם לעבן, איך האָב נאָר פיינט דעם טויט, און לאנדוי איז דער ערשטער אייגענער מת מיינער, מיין אייגענער מת, און ווען איך זאָג, אז פאר מיר איז לאנדוי ניט געשטאָרבן, מיין איך ניט מיט דעם די לידער זיינע, די שריפטן זיינע, ניט די לידער האָבן (פאר מיר) באשאפן לאנדוי׳ן, נאָר לאנדוי האָט דאָך באשאפן די לידער, ניין, איך מיין נאָר מיט דעם, אז צווישן מיר מיט לאנדוי׳ן האָט זיך גאָרניט געביטן, עס איז דער זעלביקער המשך, אז אפילו די טענות, וואס איך האב צו אים, זיינען אויך די זעלביקע וואס פריער, וואס איך האב אלע מאָל געהאט, און איך וועל זיך נאָך אמאָל אויס׳טענ׳ען מיט אים, וועל אויספירן, און זאָלן איצט די קלוגע לאָבן פון מיר, די קלוגע וואס וויסן אלץ און פארשטייען אלץ, סיי דעם לעבן און סיי דעם טויט, איך אבער ווייס גאָר ניט און פארשטיי גאָר ניט, עס איז נאָר פאר מיר עפּעס ווי א קנויל אזא, וואס א קאַץ האָט אָנגעפּלאָנטערט מיט אירע פיסלאָך.

נאָר ווי גרינג און קיילאכדיק, ווי מיט געטאָקטע ווערטער, ניין, ניט געטאָקטע, נאָר ג ע ק ל י ב ע נ ע ווערטער, ווי מען קלייבט מיט די שפּיץ פינגער די זאפטיקע, די צייטיקע פירות, אָט אזוי האָט לאנדוי גערעדט צו מיר דעם לעצטן מאָל, און איך — ניט מיט דער עלעגאנץ פון אמת׳ער ליידנשאפט, וואס דאָס האָט נאָר איין לאנדוי געקאָנט, נאָר צעטומלט-שווער וועל איך טראָגן אין זיך די לעצטע רייד זיינע, ווי מען וואָלט מיר איבערגעגעבן צו היטן און אָפּהיטן א פרעמדן אוצר, און פונקט ווי ער, וועל איך זיי מיטנעמען, די לעצטע רייד זיינע, מיט-זיך אין קבר אריין.

איין מאָל, מיט יאָרן צוריק, איז מיין זון, דאמאָלט א קינד נאָך פון א יאָר זעקס, פּלוצלונג שטארק קראנק געוואָרן, אז מען האָט אים פּלוצלונג געמוזט צונעמען אין שפּיטאָל אריין, און פּלוצלונג אינמיטן דער נאכט דורכפירן איבער אים א שווערע און א זייער

קאָמפּליצירטע אָפּעראַציע. צוגעכאַפּט פון שטוב האָט מען אים א זייגער צען אין דער פרי, און די אָפּעראַציע האָט געדאַרפט געווען זיין צוועלף ביידערנאַכט, און די דאָקטוירים האָבן גאָרניט באַהאַלטן פון מיר, אַז דאָס קינד וועט די אָפּעראַציע ניט איבערלעבן, און איך בין ניט געווען היסטעריש, בין ניט געווען האַלב-משוגע, איך בין אינגאַנצן געווען משוגע. אַזוי, אַמווייניקסטנס, האָט אייזלאַנד גע-מיינט, און ער האָט טאַקע געהאַלטן אין איין מורמלען א פאַרלאָ-רענער, דאָס צו דעם און דאָס צו יענעם, אַז ניט וועגן קינד דאַרף מען זיך דאָ זאָרגן, נאָר וועגן קאַזאַנסקי׳ן אַליין, ער איז דאָך משוגע! נאָר אָט איז לאַנדוי געקומען, א פאַרסאַפּעטער, א פאַר-נומענער, ער האָט זיך אָקאָרשט דערוואוסט און ער איז גלייך גע-קומען און — וואָס איז דאָ? עט! קיינער שטאַרבט נאָך ניט, און קיינער איז נאָך ניט משוגע געוואָרן, אַזוינס איז נאָר אין א שונד-ראָמאַן!

געקומען איז לאַנדוי ניט אַליין, נאָר ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך זעקס נייע ליולקעס, מיט זעקס קעסטלאַך טאַבאַק, פון אַלערליי סאָרטן, און ער האָט זיך ברייט צעלייגט מיט דעם איבערן גאַנצן טיש, און האָט רואיק און זאַכליך גענומען דערקלערן פאַר מיין ווייב, מיט א וויסנשאַפטלאַכער פּינקטלאַכקייט, דעם ווערט פון יעדער ליולקע באַזונדער, פאַרוואָס איין ליולקע קאָסט פערציק סענט, און די צווייטע קאָסט שוין פיר דאָלאַר... אויף מיר האָט ער זיך אינ-גאַנצן ניט אומגעקוקט, איך בין אים ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען, נאָר ווי אַן אַלטע טשערעפּאַכע איז געקראָכן דער אָוונט, עס איז ערשט געווען א זייגער אַכט, און די אָפּעראַציע וועט ערשט זיין צוועלף ביידערנאַכט, און מען האָט טאַקע געקענט אַראָפּ פון זינען, און לאַנדוי האָט גענומען קוקן אויף מיר מיט א שמייכל אויף זיינע ליפּן, ווי ער וואָלט זיך געבעטן ביי מיר, אַז איך זאָל שוין אויפהערן, נאָר איך האָב דאָך גאָר ניט געטאָן, איך האָב נאָר געקוקט און געשוויגן, און לאַנדוי האָט זיך פּלוצלונג א כאַפּ געטאָן, אַז ער איז טויט-הונגעריק, און ער האָט גלייך גענומען צוגרייטן עסן, פאַר אונז אַלע-מען אין שטוב, און אַז מען האָט אים געוואָלט העלפן, האָט ער ניט געלאָזט. ער האָט אַליין אַלץ צוגעגרייט, האָט אַליין געגרייט צום טיש און האָט אַליין דערלאַנגט דאָס עסן, יעדן איינעם, און מען

האָט טאַקע געמוזט עסן, ער איז ממש ניט אָפּגעטראָטן, עס איז אים ממש געגאַנגען אין לעבן, אַז מען זאָל עסן, און שפּעטער, שפּעטער מיט שעה׳ן, גרויסע און שווערע און אָנגעלאָדענע, ווי בערג גאַנ־צענע, האָבן מיר זיך אינדרייען געלאָזט צום שפּיטאָל אריין, איך און לאַנדוי און מיין ווייב.

אריינגיין אינווייניק אין שפּיטאָל האָב איך בשום-אופן ניט געוואָלט, און לאַנדוי האָט א מאַך געטאָן אויף מיר מיט א האַנט, און איך בין געבליבן אליין. ער איז אוועק מיט מיין פרוי, עס האָט זיך פאַרמאַכט נאָך זיי די גרויסע, שוואַרצע טיר, און איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די שטיינערנע טרעפּ. איך בין געווען זי־כער, אַז אַלץ איז אומזיסט, אַז איך האָב שוין ניט קיין קינד, ניטאָ, אויס, נאָר אָט איז לאַנדוי ארויסגעלאָפן פון דאָרט, ווי ער וואָלט דורכגעבראָכן א וואַנט — שוין! געווען די אָפּעראַציע און ער לעבט! איז איבערגעקומען! וואָס ווילט איר?

איך האָב זיך אויפגעשטעלט, און לאַנדוי האָט ארויפגעלייגט זיינע ביידע הענט צו מיר אויף די אַקסלען, און מיר זיינען געשטאַ־נען אָט אַזוי, איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, און לאַנדוי האָט אָפּ־געקערט דעם קאָפּ, האָט געפּרואווט א שמייכל טאָן צו מיין ווייב, און די ווייב מיינע האָט אויך געשמייכלט, מאָדנע אַזוי, און לאַנדוי האָט זיך גענטער, גענטער צוגעבויגן צו מיר, און האָט פּלוצלונג אויסגעבראָכן אין א געוויין. איך אַליין בין פון שטענדיק אָן גע־ווען ניט פון די גאָר גרויסע העלדן, און מיין ווייב האָט שוין דאָ געהאַט אויף אירע הענט ניט נאָר מיך, נאָר אויך לאַנדוי׳ן, וואָס איז שוין געווען היסטעריש נאָכדעם א היפּשע פּאָר שעה.

יענע טעג פון מיין קינדס קראַנק זיין זיינען געווען פאַר מיר די ערגסטע אין מיין לעבן, און לאַנדוי איז דאַמאָלט שטענדיק גע־ווען לעבן מיר, ווען איך האָב אים נאָר באַדאַרפט, און צוליב וואָס איך האָב אים נאָר באַדאַרפט, ער איז ממש ניט אָפּגעטראָטן פון מיר, און ווען אים אַליין, לאַנדוי׳ן, איז שווער געוואָרן דאָס לעבן, ווען ער האָט דורכגעלעבט זיינע שווערע טעג און וואָכן און חדשים, בין איך ניט געווען מיט אים, קיין איין איינציקן מאָל ניט! זייער קלוג, און זייער גערעכט ביי זיך, האָב איך געפּראַוועט מיינע קאַפּ־ריזן אין א צייט, ווען איך וואָלט אפשר געקענט פאַרלייכטערן לאַנ־

דוי׳ן, גרינגער מאכן א שווערע שעה זיינע, פון ווען נאָך, אויב ניט פון מיר, האָט אים געקומט אזוי פיל? נאָר איך האָב עס ניט געטאָן, און איך וועל זיך עס קיינמאָל ניט פארגעבן, עס וועט שטענדיק זיין אויף מיר דער פלעק.

און איצט — איך ווייס ניט פארוואס, נאָר פון זינט לאנדוי איז אוועק פון אונז, אז אָפּגעשיידט זאָלן די טויטע זיין פון די לעבעדיקע, האלט איך זיך אין איין מאטערן, אין איין טראכטן, און אין איין פרעגן ביי זיך אליין: וואָס איצט? וואָס ווייטער? עס איז שוין א גאנץ לאנגע צייט, יאָרן גאנצע, ווי מאני לייב איז פאר מיר צופיל  א י ד י ש ע ר  שרייבער, און אייזלאנד איז ניט קיין סך בעסער פון אים. איך האָב קיינמאָל ניט געפירט, און פיר איצט אויך ניט קיין שום אידייאישן קאמף, חלילה, מיט מאני לייב׳ן, צי מיט אייזלאנד׳ן, אָדער מיט וועמען ניט איז אפילו. אין א ליטעראטור, וואו ה׳ לייוויק איז  ד ע ר  פּאָעט; י. אפאטאשו  ד ע ר  ראמאניסט, און ש. ניגער  ד ע ר  קריטיקער, אין אזא ליטעראטור מוז און ווערט דער גאנצער אידייאישער קאמף קאָנ-צענטרירט אויף איין איינציקן פונקט: צי זאָל מען יאָ אָדער ניט כאפּן קיין בייגל פון מארק? ביי אונז כאפּט מען יאָ און איך וויל און מאָן, אפריער ביי זיך און דערנאָך ביי מיינע נאָנטסטע, אז אמ-וויניקסטנס מיר זאָלן מיט דעם ניט האבן וואָס צו טאָן.

אין א ליטעראטור, ביי א ליטעראטור, זיינען אלע גוט און אלץ איז גוט. ביי א ליטעראטור וואלט אויך ה. לייוויק געמעגט גילטן פאר א פּאָעט, און אויך י. אפּאטאשו, און אפילו אזא איינער ווי ש. ניגער וואלט גאָר אפשר געווען ניצליך און נויטיק אפילו, ווייל אין א לעבעדיקער ליטעראטור איז שטענדיק דאָ וועמען און פאר וועמען צו פארפלאכן, אבער ווען אָט אָ די אָ כאָפּטע לאפּיטוטן, מיט אלע זייערע נאָכלויפערס און נאָכשלעפּערס, ווערט  ד י  ל י-ט ע ר א ט ו ר,  דאן מוז זיך שוין אָפּקערן פון דעם אלעמען יע-דער איינער ביי וועמען  ל י ט ע ר א ט ו ר  איז ניט קיין משונה-דיק-ווילדע קלאַפּער-געצייג פאר און צוליב אנדערע זאכן, נאָר א וועזן פאר זיך אליין, וואס לעבט איר אייגענעם לעבן.

איך וואָלט שוין בעסער געגעסן באָקסער, איידער גערעדט וועגן

ניגערן, ווייל יעדער איינער, וואס האָט יאָ אָדער ניט גאָט אין הארצן, פאלט איצט אָן אויפן אָרימען מענטשן, און ניגער אליין איז גאָט די נשמה שולדיק, ווייל ניגער האָט דאָך גאָר צום עצם ענין פון ליטעראטור קיין ברעקל שייכות ניט, אינערלאך קיין שייכות ניט, און ער טשעפּעט טאקע קיינעם ניט, וויל גאָר ניט פון דער ליטעראטור, פרעמד און ניט פארשטענדלאך איז פאר אים ליטעראטור, און אלץ וואס איז פרעמד איז דאָך א שונא, און ניגער טוט טאקע ניט מער, ווי איין איינציקע זאך: ע ר ר א ט ע ו ו ע ט ז י ך נ אָ ר !

און ה. לייוויק האָט געווים מסתמא אָנגעשריבן א סך גוטע לידער, זייער גוטע און, פון מיינעטוועגן, זאָל זיין אפילו וואונדערלאכע לידער, אבער די א י נ ס ט י ט ו צ י ע ה. ל י י ו ו י ק ? ! דאָס איז דאָך אזא געשוויר, וואס וואָלט געקאָנט פארעיפּושן צען ליטעראטורן ! און אז מען ווייסט נאָך דערביי, אז מען גדענקט, אז די אינסטיטוציע ה. לייוויק, האָט לייוויק אליין אויפגעבויט, און מיט וועלכע מיטלען אויפגעבויט, דערזעט מען דאָך אפילו אין זיין גוטער ליד די אָנגעבלאָזענע פּוסטקייט און דעם געקרוינטן שקר.

און י. אָפּאטאשו ? אויך אן אינסטיטוציע, און אויך אן איינגגעמאכטע ! אמת, ניט אויף אזא קונציק פארשטעלטן אופן, ווי ה. לייוויק, נאָר — קרעמעריש, גראָב און אָפן. מילא ה. לייוויק, ביי דער גאנצער אויפגעבלאָזענער פּאָמפּע איז דאָך פּאָרט א פּאָעט, און אויב אייך געפעלט, אויב איר ווילט, איינער פון די בעסערע ביי אונז, מיט וואס אבער האָט י. אָפּאטאָשו זוכה געווען ? פאר די הילצערנע פארשוינען, וואס ער קלעפּט זיי אָן יארליקעס און מיט, אז דערמיט גיט ער זיי לעבן ? פאר די שטרויענע העלדן, נאָכגעקאָפּירט און נאָכגעקרימט פון פרעמדע ליטעראטורן און אָנגעגעבן פאר די סאמע אידישסטע ? פאר דעם דיאלאָג זיינעם, וואס מען קאָן אים איבערלייגן פון מויל צו מויל און קיינער זאָל דאָס ניט אָנהויבן צו פילן ? פאר זיינע נאטור-שילדערונגען מיט וועלכע ער איז ביי אונז געקרוינט געוואָרן אלס גרויסער נאטור קענער, אָבער וועלכע זיינען אין דער אמת׳ן ווייסטע נאטור-פעלשונגען ? פאר געדאנקען, אידייען און שטיקער תורה, גענומען פארטיקע, וואו עס לאָזט זיך נאָר, און אריינגעשטעלט ווי זיי שטייען און גייען אין

זיינע אייגענע שרייבאכצן? פאר בילדער, שילדערונגען און קא-
פּיטלעך גאנצע, פּשוט ארויסגע׳לקח׳נט פון אנדערע ביכער און זיי
אָנגעגעבן פאר אייגענע?

וואָס, וואָס, נאָר קיין מוסרניק איז לאנדוי קיינמאָל ניט גע-
ווען, זיין צוגאנג צו א ליטעראריש ווערק איז פון שטענדיק אָן גע-
ווען אַן עסטעטישער, אָבער י. אפּאטאשו׳ס ארט שרייבן האָט אים
פּשוט  מ אָ ר א ל י ש  אָפּגעשטויסן פון זיך.

און ביי אונדז ווערט אָט אָ דער אָ סומבור פארעכנט און
אָנגענומען פאר ליטעראטור, ראָמאן, קונסט, קולטור, און —
תורה! תורה איז טאקע א וויכטיקער ענין, זייער א וויכטיקער,
נאָר עס מוז דאָך א פריער ווערן  ג ע פ י ל,  אז עס זאָל עפּעס
באדייטן, אבער קאפּיטלאך זוהר אויף א פלאסטינקע פון א גרא-
מאפאָן — וואָס איז עס?

דער אלטער ניסעלע איז טאקע געווען א איד אַן עם-הארץ,
האָט קוים געקענט דורכקריכן דעם דאווענען, דאָס האבן אלע אין
שטאָט געוואוסט, און ר׳ קוסי ראָדקין איז טאקע געווען א איד א
למדן, דאָס האָט מען אויך געוואוסט אין שטאָט, נאָר אז ניסעלע
פלעגט זיך אנידערזעצן ביי זיין אָפענעם פענצטער, פארטאָג, נאָך
איידער די זון איז אויפגעגאנגען, און טאָן פלעגט ער עס דאָך
שטענדיק, סיי זומער און סיי ווינטער, און איבער די ארומיקע גאַסן
און געסלאך פלעגט זיך פאנאנדערטראָגן, פאנאנדערגיסן זיין
תהלים-זאָגן, און פול מיט בטחון פלעגט זיך פון דעם וועקן א שטוב
נאָך א שטוב, א מענטש נאָך א מענטש, — ווען ניסעלע האָט געזאָגט
זיין קאפּיטל תהלים האָבן פון דעם געהאַט סיי דער מענטש און סיי
ד׳ער רבונו-של-עולם, אבער ווען דער למדן ר׳ קוסי פלעגט זיך אני-
דערזעצן ביי זיין גמרא, א טרוקענער, א פארביסענער, אָן א טרייסט
פאר יענעם און אָן הנאה פאר זיך אליין, פון ר׳ קוסיעס לערנען
האָט קיינער גאָרנישט ניט געהאַט, ניט דער מענטש, און ניט דער
רבונו-של-עולם.

לאנדוי איז געווען דער  ע ר ש ט ע ר  וואָס האָט עס פאַר-
שטאנען, מאני לייב האָט עס קיינמאָל ניט געוואָלט פארשטיין, און
אייזלאנד איז פארנומען מיט עפּעס אנדערש, אזוי מיינט ער, כאָטש
זיין גאנצער פארנומען זיין מיט דעם עפּעס אנדערש, איז ניט מער ווי

געטאַנצט אויף אַ פרעמדער חתונה, ווייל עס האָט זיך שוין אויסגע-וועפּט, אפשר, די אייגענע פרייד, דער אייגענער געמיט?

ניין, ניט קיין אידייאישן קאַמף האָב איך געפירט מיט מאני לייב׳ן, צי מיט אייזלאַנד׳ן, נאָר אַ קאַמף פאַר ניט כאַפּן קיין בייגל פון מאַרק, אַ קאַמף אַז מען זאָל ניט ארומלויפן, ניט ארומפּאָדען, ווי די מייז אין אַ ברענענדיקער חורבה, און איך מוז צוגעבן: איך האָב פאַרלאָרן, און מיאוס פאַרלאָרן, ווייל איך קען זיך שוין ניט אָפּשטעלן אויף קיין איין אייינציקער געמיינהייט כמעט אין אונזער ליטעראַטור, וואָס מאני לייב (אָדער אייזלאַנד) זאָל ניט האָבן גע-האַט צו דעם קיין שייכות, דירעקט אָדער אומדירעקט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז מען קען אַנשטאָט געמיינהייט זאָגן קליינקייט, פאַר מיר אָבער איז עס אַלץ איינס. איך שרייב ניט קיין אַרטיקלען, האַלט ניט קיין לעקציעס, און וואָס אַזוינס עס איז די עפנטלאַכקייט ווייס איך אויך ניט, איך האָב ניט פאַר דעם קיין ברעקל פאַרשטענדעניש, און איך רוף נאָך דערפאַר אָן זאַכן מיט זייערע אמת׳ע נעמען. און אחוץ דעם זע איך בכלל ניט קיין שום גרויסע זאַכן אין לעבן, איך זע נאָר קליינקייטן, וואָס שטעלן צו-נויף דאָס גרויסע, דאָס גאַנצע, — דאָס פּאַרטיקע אָבער גליטשט זיך אַוועק פון מיין אויג.

לאַנדוי האָט איבערגעלאָזט אויף זיין שרייב-מאַשין פיר שורות פון אַ ליד — פּונקט ווי עס איז געבליבן נאָך אים די גלאָז, וואָס ער האָט געהאַלטן צום לעצטן מאָל, אָדער דער שטול, אויף וועלכן ער איז געזעסן עטלאַכע שעה פאַרן טויט. וואָלט ער נאָך געלעבט, דער נאַרישער זישאַ, וואָלט ער, אפשר, די גלאָז צעבראָכן, און דעם שטול וואָלט ער, אפשר, אַרויסגעוואָרפן, און פון די פיר שורות וואָלט ער, אפשר, געמאַכט פיר באַזונדערע לידער, אָדער ער וואָלט עס איינגאַנצן צעריסן. אַזוי אָדער אַנדערש, לאַנדוי איז ק י י נ-מ אָ ל ניט געווען פון יענע דיכטער, וואָס היינט געשריבן און מאָרגן געדרוקט, אָבער מאני-לייב האָט אַנדערש געטראַכט, און ער האָט געכאַפּט די פיר שורות און איז מיט זיי אַוועקגעלאָפן צו ה. לייוויק׳ן און י. אָפּאַטאָשו׳ן, וואָס זיי האָבן גראָדע אין יענער צייט אַרויסגעגעבן זייערן אַ זאַמלבוך, און י. אָפּאַטאָשו און ה. לייוויק האָבן טאַקע אָפּגעדרוקט די פיר שורות זייער פּראָמי-

נענט, אין א קעסטעלע, אז עס האָט אראָפּגעקוקט, ווי די באוואוסטע עקס-לאקס אנאָנסע — זאָל מיך דער אויבערשטער שטראָפן פאר׳ן פארגלייך, איך בין עס ווערט!

און א פארשעמטער, א פארשעמטער ביז אין דער זיבעטער ריפּ אריין, האָב איך געלייענט די לאנגע פּלאכטעס, וואס די און יענע און נאָך א ציימונג האָבן געדרוקט וועגן לאנדוי׳ן נאָך זיין טויט, און א פארשעמטער האָט לאנדוי אראָפּגעקוקט צו מיר פון דער פאָרווערטס-קונסט-ביילאגע — — דער פאָרווערטס-האָל און די פאָרווערטס-קונסט-ביילאגע — די קלאסישע טהרה שטיבל אונזערע!
און צוליב וואס? צוליב וועמען? ווער האָט עס באדאַרפט?

שוין ניט פון נעכטן, אז מאני לייב האָט זיך ארויפגעכאפּט אויף דער סקריפּענדיקער קארוסעל פון דער אידישער ליטעראטור, און ער זיצט זיך אויף זיין פערדל און דרייט זיך גלייך מיט אלעמען, און עס וואלט, דוכט זיך, אלץ גוט געווען, נאָר אמאָל כאפּט ער זיך, כאפּט זיך פּלוצלונג, אז דרייען דרייט ער זיך טאקע, נאָר אויף איין אָרט שטייט מען דאָך פאָרט, און ער קריכט שוין אראָפּ פון זיין פערדל, בלייבט שטיין א פארשעמטער און א צעטומלטער, פון זיך אליין און פאר זיך אליין, נאָר איידער וואס וועז, כאפּט ער זיך שוין צוריק ארויף און דרייט זיך שוין ווידער — זאָל אים זיין צו געזונט און צו לאנגע יאָר!

ווען א זייל אין אונזער ליטעראטור מאכט פאר זיך א פּאָר-געזונט, א זיי-געזונט, אָדער א קום-געזונט אָוונט, און עס קומען צום אָוונט ניט אזויפיל און אזויפיל מענטשן, נאָר פונקט האלב, ווערט ער שוין מיט דעם אליין, דער זייל אונזערער, א סך א קלענערער שרייבער, און אז עס קומען אינגאנצן קיין מענטשן ניט, איז שוין דער זייל אונזערער גאָר קיין שרייבער ניט, אָבער מיט לאנדוי׳ן איז עס א קליין ביסעלע אנדערש. קלאָר און אויסגערעכנט האָט זיך לאנדוי אויסגעהיט פון דעם אלעמען ביי זיין לעבן, און ער דארף עס אויך ניט האבן נאָך זיין טויט. צי עס האָבן לאנדוי׳ן געוואוסט און געלייענט צען מענטשן, צי צען טויזנט, לאנדוי איז געווען און וועט בלייבן ז י ש א ל א נ ד ו י! ניט מער ווי דאָס, אָבער אויך א האָר ניט ווייניקער פון דעם.

און מיין חבר אייזלאנד? איך ווייס און איך גיב צו: איך בין

איצט אין א שטימונג, וואָס איך האָב ממש הנאה פון שיטן זיך זאַלץ אויף די אָפענע וואונדן, אבער אייזלאנד, מיין ליבער אייז-לאַנד, אַ יאָ עס איז ניט גוט, ווען מען ווערט קינסטלעריש אָפּגע-לאָזן און פויל? עס פארפירט אמאָל, פאַרפירט אמאָל אַזוי ווייט, אַז אנשטאָט דעם, וואָס מען איז פריער געווען דיכטער (מ י י ן ד י כ ט ע ר) און מבין אויף שרייבעריי, אויף ליטעראטור, ווערט מען, גאָר פּלוצלונג, א מבין — אויף רעוואָלוציעס!

איך ווייס: יעדע עלטער האָט זיך אירע חלומות, און שווער איז איינעם, וואָס טראָגט זיך ארום מיט איין און דעם זעלבן חלום דעם גאַנצן לעבן זיינעם, שווער פון זיך אליין, און שווער פון אים דעם נאָענטן זיינעם, נאָר מאני לייב איז דאָך פאָרט געווען פאר מיר שטענדיק, ווי א קוואל — אין די לאַנגע נעכט, ווען מיר פלעגן שפּאַ-נען איבער די שטילע ברוקלינער גאסן, האָט פון מאני לייב'ן ממש געשפּרודעלט מיט לידער, מיט לידער וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט אָנגעשריבן, ניט געוואָלט גאָר אָנשרייבן, און איך האָב געקליבן און אָפּגעהיט די לידער זיינע, ווי נאָר איך האב עס געקענט, און מיין גאַנצער כעס איצטיקער אויף מאני לייב'ן נעמט זיך גאָר, אפשר, פון מיין פּחדנות און ניט מער, ווייל איך האב טאַקע מורא, איך ציטער אַזש פארן טאָג, ווען איך וועל אים פּלוצלונג דערזען פאר זיך א טרוקענעם ווי א לולב, אַן איין ליד אין זיך.

איך ווייס: ניט אלץ וואס איך זאָג דאָ איז אמת, און זיכער בין איך ניט גערעכט, צו דעם און צו יענעם, און אפשר צו קיינעם ניט, נאָר — וואָס איז אַזוינס אמת און יושר און גערעכטיקייט, אָט אָ די דריי מחותנים אונזערע? אמאָל, מיט יאָרן צוריק, ווען איך בין נאָך גאָר יונג געווען, זיינען אמת און יושר און גערעכ-טיקייט געווען פאר מיר, ווי די דריי לופטיקע, טאַנצנדיקע באַלע-רינעס, וואס קוקן קוק איך טאקע אויף זיי, און זעען זע איך זיי טאַקע אויך, נאָר דערגרייכן צו זיי קען איך ניט, זיי זיינען אַזוי ווייט פון מיר, ווייטע וועזנס, און דערנאָך, אַז איך בין עלטער געוואָרן, איז אמת געווען פאר מיר, ווי אַן עלטערע מומע, צו וועמען מען קען שטענדיק קומען און שטענדיק זיך אויסוויינען ביי איר אויפן שויס און דערנאָך צוריק אוועקגיין, א דערפרישטער, א באַ-פרייטער, און איצט — איצט איז פאר מיר אמת און יושר און גע-

רעכטיקייט ניט מער ווי א באָבא יאַהאַ, אַ מ כ ש פ ה, וואָס נאָר איך דריי זיך, נאָר איך מאַטער זיך, אַז דער מכשפה׳ס שפּיציקע און שאַרפע נעגל זאָלן מיך ניט אָנכאַפּן פאַרן גאָרגל.

נאָר וואָס האָב איך זיך פלוצלונג צערעדט, און נאָך מיט אַזאַ פולן מויל? אויף אַזאַ איינעם, ווי איך בין איצט, זאָגן די אַלטע און קלוגע ווייבער: „דער נאַר שטופּט אים“!

איך בין איצט אַליין, בין איינער, און איינער איז קיינער, אַזוי זאָגן ווידער די אַלטע און קלוגע ווייבער, און איך בין טאַקע אינגאַנצן ניטאָ, און ווי אַ קאַרגער ציילט זיין געלט, אַזוי זיץ איך אין מיין קליינעם, אין מיין אייגענעם ניט-זיין, און צייל און לייג איבער די וועקסלען, וואָס לאַנדוי און מאַני לייב און אייזלאַנד האָבן מיר געגעבן. איך ווייס: איך האָב זייער שלעכטע בעלי-חובות, נאָר אָן זיי איז נאָך ערגער, אָרימער. לאַנדוי האָט אויף זיינע וועקסלען געצאָלט מער, ווי יעדער איינער פון אונז, כאָטש אין פול האָט ער אויך ניט באַצאָלט, מאַני לייב׳ן, ווידער, איז גאָר קיין מאָל ניט איינגעפאַלן, אַז ער דאַרף גאָר צאָלן, ער איז אַן אַלטער בעל-בטוח, און אייזלאַנד האָט קיינמאָל ניט געלייקענט, חלילה, אַז עס קומט פון אים, אַז ער איז שולדיק, נאָר צאָלן צאָלט זיך ביי אים עפּעס אויך ניט. איך וועל אָבער די וועקסלען פון האַנט ניט אַרויסלאָזן, איך וועל זיך שטענדיק אומטראָגן מיט זיי, ווי דער בעטלער מיט זיין באַנדורע. אַ ים מיט ליריק ליגט פאַרן בעטלער אין זיין באַנדורע, און אַ ים מיט גלויבן טראָג איך נאָך אין זיך — צו מיינע חברים, צו מיינע בעלי-חובות — — —

**דוד קאַזאַנסקי.**



## זישאַ לאַנדוי'ס לעצטע שורות

עס אָטעמט יעדער ווינקל פֿון דער ערד

מיט לעבעדיקן אָטעם: האַס און ליבע!

און ווי דער ים, אַזוי האָט אויך די ערד

אַן אָפּפֿלוס און אַ צופֿלוס, ווי דער ים

באַוועגט זיך אויך די אויבערפֿלאַך פֿון אונזער

באַלאָדענער,

שווער-אָטעמדיקער ערד.



פראָיעקט פאר א מצבה — ב. קאפמאן